STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11769

IN GERANGL FAR YIDISHKAYT

S. Z. Shragai

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין געראנגל
פאר יידישקייט

עסייען

ש. ז. שרגאי

פאַרלאַג „לעצטע נייעס"
תל־אביב, תש"ך — 1960

IN GERANGL FAR YIDDISHKEYT

SH. Z. SHRAGAY

„LETZTE NYESS", TEL-AVIV, 1960

PRINTED IN ISRAEL נדפס במדינת ישראל

דפוס „הכרמל", תל־אביב

* *
*

„רעליגיע און ארבעט דערשיינען פאר אונז ווי דער רענעסאנס פון יידנטום, וואס זיין מהות איז — די יידישע תורה, זיין טרעגער — דאס יידישע פאלק, זיין פלאץ — ארץ־ישראל, זיין באשטימונג — סאציאלע גערעכטיקייט".

(שרגאי, „חזון והגשמה", תשט״ז)

אין דער באוועגונג, צו וועלכער ער געהערט — און איז איינער פון אירע גרונטלייגער און פירער, — אין דער גרויסער מחנה פון זיינע לייענער און פארערער, ווי צווישן די וואס זענען נישט מסכים מיט זיין דרך און שיטה, איז ער בעיקר דער — בעל־המחשבה, דער גייסטרייכער דענקער, טעארעטיקער פון דער רעליגיעז־נאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג, פובליציסט, עסייאיסט און זשורנאליסט.

ער איז אויך רייך אין מעשים, אנהייבנדיק פונעם אומלעגאלן זאמלען געלט פאר קרן קימת לישראל — אין בר־מצוה עלטער אין זיין געבורטשטעטל אין פוילן, — דורך די פיל וויכטיקע און פארשידנארטיקע אמטן, וואס ער האט פארנומען — אין זיין פארטיי, אין ציוניזם, אין ישוב — במשך די פערציק יאר פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. אבער אויך אויף די אלע הויכע פאסטנס האט מען אים געזען נישט ווי דעם שליח פון זיין פארטיי, נאר פון דער אידעע וואס זי טראגט אין יידישן פאלק און אין דער נאציאנאלער אויפלעבונגס־באוועגונג.

טויזנטער אין זיין באוועגונג האבן זיך דערצויגן אויף זיין ווארט. זיינע ביכער און בראשורן, עסייען און פובליציסטישע ארטיקלען, האבן מקרב געווען פרומע יידן צום רעליגיעזן ציוניזם און געוויזן זיי דעם וועג צו דער גאולה פונעם יידישן יחיד און כלל; יונג און אלט אין זיין מחנה האבן אין זיי געפונען אן אויסדרוק פון זייערע ספקות און ראנגלענישן; מען האט וועגן זיי דיסקוטירט אין די „שטיבלעך" און אין די „לאקאלן"; מען האט זיי געלערנט אין די רעליגיעזע קבוצים און יוגנט־ארגאניזאציעס אין לאנד און אין גלות. אויך הייגט, ווען „אינטערעסן" און „פראקטישע ענינים" האבן — אין יעדער פארטיי — געמאכט פארגעסן אמאליקע אידעאלאגישע שטרייטן און פראבלעמען, איז ער פארבליבן איינער פון די וויניקע אנערקענטע גייסט־מענטשן אין זיין מחנה און ווייט אויסער איר.

אין די יארן, ווען א יידישע מדינה איז געווען חזון, צוקונפט־וויזיע, האט ער שוין עוסק־געווען אין די פראקטישע הגשמה־פראבלעמען, וואס זי וועט מיט זיך ברענגען פארן תורה־טרייען יידנטום; אז מדינת־ישראל איז געווארן א ווירקלעכקייט, איז ער דער טרייער היטער פון דער וויזיע. פון דעם גרויסן אידעאל,

אין געראנגל פאר יידישקייט

ש. ז. שרגאי

וואָס זי דאַרף דערפילן. אין קליינעם פּוילישן פּראָווינץ־שטעטל האָט ער געטרוימט וועגן כתר מלכות פּאַר תורת ישראל; היינט קעמפט ער פון ירושלים פאַרן כתר פון תורת ישראל פּאַר דער אויפגעריכטער מלכות ישראל.

*

אין זיינע מעשים, אין אַלץ וואָס ער טוט אין די ראַמען פון זיינע פאַרשידענע און פילצאָליקע פונקציעס, זוכט ער תמיד זייער שייכות מיט דער גרויסער אידעע. ער גיט־אַריין אַ טיפן אינהאַלט אויך אין די אין פלוג אומבאַדייטנדיקע טאָג־טעגלעכע ענינים, מיט וועלכע ער באַשעפטיקט זיך. אויך די פּאַרטייאישע עסקנות איז נישט קיין ענין אַן־און־פּאַר־זיך, נאָר אַ דינסט פונעם רעיון, וואָס מוז אָנקומען צו פּאָליטיש־פּאַרטייאישע כלים פּאַר זיין רעאַליזירונג. זיין שרייבן וועגן „אַקטועלע פראַגן" איז באַהויכט מיט אַן אָטעם פון נצחיות און אַז ער שרייבט וועגן טיפע ענינים פון חיי עולם, איז זיין מחשבה געווענדעט צו די — חיי שעה פונעם יחיד און פאָלק.

ער איז דער הויפּט פון דער אַגענץ־אָפּטיילונג פאַר עליה און ער פאַרנעמט זיך מיטן ברענגען יידן קיין ארץ־ישראל. אָבער ער באַגנוגנט זיך נישט מיט אַזאַ באַצייכנונג פון זיין אויפגאַבע. „עס איז נישט גענוג צו ברענגען יידן קיין ארץ־ישראל — זאָגט ער — נאָר מען דאַרף אויך אריינברענגען ארץ־ישראל אין די יידן"; ער ווידמעט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער עליה פון יידן פון די „גוטע" לענדער. און אַז ער פאַרט אין יענע לענדער משפיע זיין אויף יידן זיי זאָלן קומען לעבן אין ארץ־ישראל, איז זיין דעוויז: „מען דאַרף אַרויסנעמען יידן פון גלות, כדי — אַרויסצונעמען דעם גלות פון יידן"; ער איז געווען ראש העיר פון ירושלים, ער האָט געזאָרגט פאַר ליכט, שאָסייען, שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער, סאַניטאַציע, — אַלס וואָס האָט נויטיק ירושלים של מטה — אָבער ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט צו רעדן און שרייבן וועגן ירושלים של — מעלה.

און — ער איז נישט קיין קנאי; ער געפינט אַ געמיינזאַמע שפּראַך אויך מיט קעגנער, אויך מיט פאַרטרעטער פון אַנדערע רעליגיעס, ווי ער האָט דאָס באַוויזן אין די יאָרן, ווען ער איז געזעסן אין לאָנדאָן אַלס מיטגליד פון דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ער קען געפינען די פשרה, אָבער נישט דורך מוותר זיין אויף עיקרים און דורך זעלבסט־פאַרלייקענונג, נאָר דורכן אָנצייכנען תחומים און געמיינזאַמע ליניעס, אויף וועלכע עס קענען זיך באַגעגענען מענטשן פון פאַרשידענע וועלט־אָנשויאונגען.

*

מען פאַרשטייט אים, ווייל ער באַמיט זיך איבעראַל צו זיין פשוט און פאַרשטענדלעך אויך אין טיפע ענינים, אין קאָמפּליצירטע סוגיות. די אָרדנונג און פּינקטלעכקייט, מיט וועלכע ער צייכנט זיך אויס אין זיין אַרבעט, זענען אויך בולט אין זיין רעדן און שרייבן. ער גייט מיט אַ סדר, מן הקל אל הכבד. ער געפינט שטענדיק דעם טרעפלעכן מאמר חז"ל, דאָס „גוטע וואָרט" און די

ריכטיקע דעפיניציע, וואָס „בלייבן" אויך נאָכן אָנועקגיין פון זיינס אַ רעפעראַט, אָדער נאָכן איבערלייענען זיינס אַן אַרטיקל.

ער קען גוט דאָס גלות־יידנטום; ער באַזוכט אָפט די יידישע ישובים אין די תפוצות און ער איז באַהאַוונט אין זייערע פּראָבלעמען. ער לייענט די יידישע פּרעסע און זיין שרייבן וועגן יידן אין די גלות־לענדער צייכנט זיך אויס מיט טאַקט און פאַרשטענדעניש. דעריבער ווערן אויך זיינע אַרטיקלען, וואָס ער פּאַרעפנטלעכט סטאַביל אין דער תל־אביבער „לעצטע נייעס", איבערגעדרוקט אין יידישע צייטונגען אין דער גאַרער וועלט. ער שרייבט זיי אין יידיש און — ווי אַן אייגענער, ווי אַ ברודער צו ברידער.

זיין וועג, דער וועג פון אחדות האומה, אחדות הבורא און אחדות התורה — ווי ער באַצייכנט אים — האָט אים אָפט געבראַכט אין שטרייטן מיט נאָענטע און ווייטע, אָבער אויך זיינע בר־פּלוגתא'ס באַציען זיך צו אים מיט רעספּעקט. זיי שעצן זיין אמונה, זיין וויסן, זיין ארבעטזאַמקייט און על כולם — זיין טאָלעראַנץ צו אַנדערע. די דאָזיקע מידה האָט אמטרעפלעכסטן ארויסגעבראכט גראָד אַזאַ בר־פּלוגתא פונעם בעל היובל ווי מלך ראַוויטש, וועלכער שרייבט אין זיין „לעקסיקאָן": „— — — שרגאיס מאמרים זענען אלעמאָל פול מיט טאָלעראַנץ. אודאי שטרייכט ער אלעמאָל שטאַרק אונטער זיין שטאַנדפּונקט, אָבער אין זיין אגרעסיע גייט ער קיינמאָל נישט עד חרמה". און — „עס מאַכן זיך אַמאָל שטובן, משפחות, וווּ מען פירט אייביקע ויכוחים, אָבער נישט צו צעשפּאַלטן, נייערט צו פאַראייניקן, נישט אויף פיינט צו האָבן, נאָר אויף ליב צו האָבן. די ויכוחים פון ש. ז. שרגאי — און זיין גאַנץ שרייבן און טון, אויף ווי ווייט עס איז באַקאַנט דעם שרייבער פון די שורות — איז פון דאָזיקן פּאָזיטיוון מין. הלוואי זאָל דאָס זיין אַ כלל און נישט בלויז אַ יוצא מן הכלל".

אַזעלכע ווערטער זענען מער ווי אַ שבח פאַר אַ מנהיג און סופר בישראל, דעם מחבר פון דעם בוך „אין געראַנגל פאַר יידישקייט", וואָס דערשיינט גראָד ווען ער ווערט א בן־ששים, אין יאָר — תש"ד...

אליעזר רובינשטיין

נביאישע אידעאַלן און די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק

(באַמערקונגען ארום דער ברק פאלעמיק)

„...הם קנאוני בלא־אל — — — ואני אקניאם בלא־עם".
אָן גאָט איז נישטאָ קיין פאָלק...

— (דברים לב׳ פסוק נא)

אַ ייד אַ מאַמין, ווען ער מאָטיווירט אמונה כלפי אַנדערע, איז עס נאָר כלפי אַנדערע. פאַר זיך דאַרף ער נישט די מאָטיוון. פאַר אים איז גענוג זיין אמונה אין תורת משה, שבכתב ושבעל־פה. די באַמערקונג איז נויטיק וועגן אמונה. עס זאָל זיך נישט שאַפן דער רושם, אז די אמונה איז אָפּהענגיק פון דעם מאָטיוו אָדער אַ צווייטן. דאָס אָפּוואַרפן דעם מאָטיוו אָדער אַ צווייטן דורך אַ געלונגענער פאָלעמיק, ענדערט נישט ביי אַ ייד אַ מאמין זיין אמונה. אמונה באַזירט זיך אויף גלויבן אין דעם אמת פון אמונה. און יעדער געדאַנק, וועלכער פרווט אונטערגראָבן אמונה, איז שקר, ווען אַפילו עס געלינגט דעם שקר צייטווייליק זיך באַזירן אויף אמת.

גוטס הערט נישט אויף צו זיין גוטס און אמת הערט נישט אויף צו זיין אמת, טראָץ דעם, וואָס עס איז אַ פאַקט, אַז עס עקזיסטירט שלעכטס, אַז עס עקזיסטירט שקר. שלעכטס אינעם יסוד באזירט זיך אויף שקר, אפילו ווען ער האַלט צייטווייליק אָפּ אַ נצחון. דער שקר פאַרלייקנט נישט דעם אמת, אַפילו ווען עס געלינגט נישט אויפצווייזן דעם שקר פונעם שקר. און ווער נאָך ווי מיר יידן ווייסן עס פון דער פראַקטיק?

ווען אַ ייד אַ מאַמין פרווט דורכפירן אַ פאָלעמיק, אַ וויכוח מיט אַ ייד, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ נישט־מאמין, טוט ער עס אַלס פליכט, — מען זאָל זיך פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. פאַרשטיין, בכדי אָפּצושוואַכן די פאַרביטערונג, בכדי אויסצומיידן להכעיס־פּאָליטיק.

— * —

נביאישע אידעאַלן, און עס רעדט זיך וועגן נביאי־ישראל און וועגן נביאי־אמת. נישט וועגן גויישע נביאים, ווי בלעם און נישט וועגן נביאי־שקר — באַזירן זיך לכל־הדעות אויף דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, וואָס דאַרף זיין דער טרעגער פון די אידעאַלן און זייער פאַרווירקלעכער.

קיין נביא האָט נישט פאַרבונדן נביאישע אידעאַלן מיט דעם אונטערגאַנג פונעם יידישן פאָלק. די אייביקע עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, וועלכע קיין כוח אין דער וועלט וועט אים נישט באַזיגן, נישט קיין אויסערלעכער כוח (שווערד, פייער, וואַסער, גלות) און נישט קיין אינערלעכער ווילן פון אַסימילאַציע, אויסמישן

זיך מיט אַנדערע, אָדער וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס „עם לבדד ישכון״ און ווערן ככל־הגויים — דער גלויבן אין דער אייביקער עקזיסטענץ איז אַ עיקר העיקרים פון דער יידישער אמונה. אַדאַנק דעם עיקר העיקרים האָבן מיר דורכ־געמאַכט אונזער בלוטיקן צוויי טויזנט יאָריקן מאַרטירער־וועג. מיר האָבן זיך נישט מייאש געווען, ווען אויסערלעכע שונאים האָבן געהאַט איבער אונז די אויבערהאַנט, מיר זענען נישט געוואָרן פאַרצווייפלט, ווען די אסימילאציע האָט גע־קראָגן די אויבערהאַנט אינעם יידישן־פאָלק. אַסימילאַציע דורך וועלן זיך אויס־מישן מיט אַנדערע פעלקער דורך געמישטע הייראַטן, אַסימילאַציע דורך אָננעמען דעם גויישן לעבנס־אַרט.

ביי יידן איז דאָ נישט בלויז אַ מצווה פון תשובה, נאָר אַ הבטחה, אַז יידן וועלן תשובה טאָן. ווייל יידן מוזן בלייבן, עקזיסטירן אַלס יידיש פאָלק. נצח ישראל לא ישקר, כי לא ידח ממנו נדח.

ווער עס טראַכט פון נביאישע אידעאַלן אָן דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק (און ווען ער וועט זיך אויסמישן מיט אַנדערע פעלקער, באַזונדערס דורך געמישטע הייראַטן, וועט ער אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס יידיש פאָלק), איז עס א „פסיק־רישא ולא ימות״, אָפּהאַקן דעם קאָפּ און נישט שטאַרבן.

זאָל אַלזאָ זיין קלאָר: נביאישע אידעאַלן (נישט אַריינגייענדיק אין דעם וועזנטלעכן אינהאַלט פון די נביאישע אידעאַלן) זענען אומטיילבאַר פון דער עק־זיסטענץ פון יידישן פאָלק.

— * —

אין תורת־משה און ביי אַלע נביאים כמעט גייט דורך ווי אַ רויטער פאָ־דעם, אַז דאָס אויסמישן זיך מיט פרעמדע פעלקער, איבערהויפּט דורך געמישטע הייראַטן — הייסט דער אונטערגאַנג פונעם יידישן פאָלק.

די וואָרענונג וועגן געמישטע הייראַטן ווערט אונטערגעשטראָכן נישט בלויז פאַר יידן אין דער פרעמד, אינעם גלות, נאָר דווקא ווען זיי זיצן אין ארץ־ישראל. עס איז איבעריק צו ברענגען דאָ ציטאַטן. יעדער, וואָס לערנט תנ״ך, קאָן זיך לייכט איבערצייגן אין דעם.

— * —

עס קלינגט זייער לעכערלעך: אַז אינעם נאָמען פון דער מכלומרשטער געוויסנס־פרייהייט מעג מען אין מדינת־ישראל חתונה האָבן מיט נישט־יידן. נאָר אין אַמעריקע, ענגלאַנד א.א.וו. וועלן מיר פאָדערן פון די יידן, אַז זיי זאָלן מוותר זיין אויף זייער געוויסנס־פרייהייט און נישט חתונה האָבן מיט נישט־יידן צוליב דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק. איז די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אַזוי הייליק, אַז אויף דעם מזבח האָבן מיר רעכט צו פאָדערן פון יידן אין חוץ־לארץ מוותר צו זיין אויף זייער געוויסנס־פרייהייט חתונה צו האָבן מיט גויים, האָבן מיר דאָס זעלבע רעכט צו פאָדערן אויך פון יידן אין מדינת־ישראל.

— * —

געמישטע הייראַטן קענען מאַכן א תל פון דעם יידישן פאָלק אויך אין מדינת ישראל, צוליב צוויי מאָטיוון:

1) מיט דעם מאָמענט ווען אין מדינת־ישראל וועלן איינגעפירט ווערן געמישטע הייראַטן אָדער ציווילע הייראַטן, וועלן יידן מאמינים מוזן זיך געזעגענען אָפּזונדערן פון אַנדערע יידן. עס וועט דאַן גאָר נישט העלפן. די יידן מאמינים וועלן דאַן זיין דער המשך פונעם יידישן פאָלק, און די אַנדערע יידן, וועלכע וועלן חתונה האָבן מיט נישט יידן, וועלן ממילא פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן „אַנדער פאָלק". עס וועט דאַן קומען צו אַ ריס צווישן יידן, וואָס וועלן אָפּהיטן זיך נישט אויסצומישן מיט נישט־יידן און צווישן די, וועלכע וועלן חתונה האָבן מיט נישט יידן.

עס וועלן זיך שאַפן דאָ צוויי פעלקער, וועלכע וועלן זיך באַקעמפן, מעג־לעך אַפילו מיט שווערד, ווייל יעדעס פאָלק וועט פּרעטענדירן אויף די רעכט צו זיין די בעלי־בתים פונעם לאַנד. מעגלעך, אַז אמתע יידן וועלן אַפילו אויסוואַנ־דערן פון מדינת־ישראל.

2) עס קען אונז קיינער נישט גאַראַנטירן די אַנטוויקלונג פון די באַצי־אונגען צווישן מדינת־ישראל און די אַראַבישע לענדער. עס קען אונז קיינער נישט גאַראַנטירן, אַז אין מדינת־ישראל וועט נישט זיין מער ווי צוויי הונדערט טויזנט אַראַבער. דאַן וועט געשעהן, אַז אין מדינת־ישראל וועט אַנטשטיין אַ ניי געמישט יידיש ־ נישט ־ יידיש פאָלק (פּאַלעסטינעזער), אָדער כנענים ווי זיי וועלן זיך רופן, און א יידיש פאָלק, וועלכער וועט פאַרזעצן די עקזיסטענץ פון דעם אָריגינעלן יידישן פאָלק. און די ביידע פעלקער וועלן פירן צווישן זיך, פריער אָדער שפּעטער, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

— * —

ווען עס זאָל זיך געפינען אַ מענטש אַן אויסוואורף, אַ מערדער, אַ רוצח, און ער זאָל פּרעדיקן פּאַציפיזם, נישט וועלן גיין אין מיליטער, אַפילו ווען ער זאָל צוליב דעם אויסרופן אַ הונגער־שטרייק, וועלן מענטשן אויף אים קוקן ווי אויף אַ נידערטרעכטיקן מענטש, אַן אַ געוויסן, — ווי אויף אַן אויסוואורף.

דוכט זיך, אַז וועגן דעם קען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין.

ווען אַ מענטש האָט הינטער זיך אַ שמוציקע פאַרגאַנגענהייט אינעם פּאַ־מיליען לעבן (ווען עס זאָל באַר אמת זיין אַ טייל פון דעם, וואָס עס איז געוווען אין דער פּרעסע) און פאַלש עדות זאָגן — קאָן ווער ערנסט נעמען זיין הונגער־שטרייק פאַר געוויסנס־פרייהייט, משטיינס־געזאָגט?

אפשר זענען פאַלש עדות זאָגן און אַנדערע שמוציקע אַרט אויפפירונגען אויך אַ טייל פון געוויסנס־פרייהייט?!

אוודאי כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא. אָבער וואָס קאָן מען העלפן, אַז איינער וויל זיין אַ מאבד עצמו לדעת, בכדי אויפצוהערן זיין אַ ייד... אמת, אויך דאָס דאַרף מען אויסמיידן, און מען דאַרף אים געבן גלוקאָז־איינשפּריצונגען... אָבער דווקא די אַלע, וועלכע טאַנצן ארום אים און ווילן פון

אים מאַכן אַ קדוש משטײנסגעזאָגט, זײ גיבן אים מוט צו זײן אַ מאבד עצמו שלא מדעת... און שלא כדת.

— * —

דער פּלאָנטער פון „געוויסנס־פרייהייט״ איז אַזוי גרויס, אַז מען ווייסט שוין איבערהויפּט נישט, וואָס איז אַזוינס געוויסנס־פרייהייט.

קאָמוניסטן, השומר־הצעיר, מפּ״ם האַלטן, אַז א סך געזעצן און האַלטונ־געַן פון מדינת־ישראל (לאוו־דווקא אין רעליגיעזע פראַגן), אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַל עקאָנאָמישן באַדן, און אוודאי אויף דעם פּאָליטישן באַדן, איז קעגן זייער געוויסן. דאָך צווינגט די כנסת זיי אויף דאָס געוויסן פון דער כנסת, ווי אַזוי די כנסת פאַרשטייט „וואָס עס איז גוט פאַר יידן״ און אַנדערע מוזן זיך באַנגוגן בלויז מיט „אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ״. זאָלן זיי פּרווון זיך אַנטקעגנשטעלן די אויספירונגען פון די געזעצן, וועלן זיי באַטראַכט ווערן אַלס פאַרעטער טראָץ זייער געוויסן. אַפילו הונגער־שטרייקן וועט זיי נישט מאַכן פאַר אויס פאַרעטער.

נאָר ווען די כנסת האָט איינגעפּונען, אַז די גאַנצקייט פונעם יידישן פאָלק פאָדערט אָפּצוהיטן דעם „ובגויים לא יתערב״, איז הימל עפן זיך מיט געוויסנס־פרייהייט.

— * —

דאָס פאַמיליע־לעבן ביים יידישן פאָלק איז איינס פון די גרעסטע הייליקייטן. נישט אמת, אַז קדושין האָט נישט צו טאָן מיט קדושה. ווייל פונעם פאַמיליע־לעבן איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק און פון דער וועלט בכלל, דאָס פאַמיליע־לעבן איז איינס פון די זאַכן, וואָס פון תורת־משה, נביאים, תורה שבעל־פּה, ווערט עס באַטראַכט אַלס אַ זאַך פון דער העכסטער הייליקייט, וואָס עס קען אויך חלילה פאַרוואַנדלט ווערן אין דער גרעסטער טומאה. צווישן קדושה און טומאה איז נאָר כחוט־השערה.

דעריבער דווקא זענען אַזויפיל די דינים און סיוגים אינעם יידישן פאַמי־ליע־לעבן, בכדי עס זאָל קענען זיין בקדושה וטהרה פון דער גרעסטער מדרגה. און דעריבער איז אַזוי שטאַרק דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך ציווילע־הייראַטן, נישט בלויז ווייל דאָס מוז פירן צו געמישטע הייראַטן, נאָר ווייל ציווילע הייראַטן פאַר־וואַנדלען דאָס פאַמיליע־לעבן אין אַ וואָכעדיקער זאַך, אין אַ בהמה׳שע דערפילונג פון בהמה׳שע אינסטינקטן, וועלכע האָבן נישט צו טאָן מיט דער עקזיסטענץ פונעם פאָלק, זיינע אידעאַלן און זייער פאַרווירקלעכונג. בשעת דאָס יידישע פאָלק זעט אין דעם הייראַטן, אינעם פאַמיליען לעבן איינס פון די העכסטע הייליקייטן, אין וועמען עס איז אָפּהענגיק די וייטערדיקע פאַרזעצונג פונעם יידישן פאָלק, פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן, פון דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער מענטש־הייט.

רעליגיעזע הייראַטן הייסט: קדושה, טהרה. ציווילע הייראַטן הייסט: דערפילן בהמה׳שע אינסטינקטן.

נישט צו פאַרשטיין: ציווילע הייראַטן הייסט דאָך אויך אויספירן פּאַר־שידענע פאַרמאַליטעטן. וואָס וועט זיין, ווען עס וועט זיך געפינען איינער, וועלכער וועט טענהן, אַז די פאַרמאַליטעטן זענען קעגן זיין געוויסן, וועט עס אים העלפן? דאַן איז דאָך נישט קיין פראַגע פון ציווילע הייראַטן. דאַן איז עס אַן ענין פון הפקר, ווי בהמות אין פעלד. אגב, דוכט זיך, אַז היינט איז אפילו אויף בהמות דאַ אַ געוויסע קאָנטראָל, באַזונדער אין די קיבוצים און מושבים, וווּ מען איז מקפּיד אויף דער ריינקייט פון די בהמהשע גזעס (דאָס איז נישט קיין שפּאַס) און מען פרעגט נישט די בהמות קיין דעה, צי עס איז אין איינקלאַנג מיט זייערע אינס־טינקטן....

— * —

גאָר אַ מאָדנע טענה: די רבנים זענען אויך נישט מער ווי באַאַמטע, וועלכע פירן אויס ציווילע הייראַטן. להלכה און למעשה איז עס נישט אַזוי: די השגחה, אַז דאָס פאַמיליע־לעבן זאָל זיין בקדושה וטהרה, כדת וכדין, נישט קיין הפקרדיקעס, נאָר על פּי תורת־ישראל, איז איבערגעגעבן געוואָרן די רבנים, וועל־כע זייער אויפגאַבע איז אָפּצוהיטן און אכטונג געבן, אַז דאָס יידישע לעבן בכלל און דאָס פאַמיליע־לעבן בפרט זאָל זיין על פּי דת משה וישראל. די אָבער, וואָס טענהן, אַז די רבנים זענען אויך נישט מער ווי פאָרמעלע פונקציאָנאַרן, איז וואָס אַרט עס זיי? פון ווען אָן ווערט עס אַ פּראָבלעם פון געוויסנס־פרייהייט, ווער איז עס דער פונקציאָנאַר, וואָס פירט דורך די געזעצן?!

— * —

אמת, אַז אין געוויסע פאַלן זענען די קדושין תופס, אפילו ווען עס ווערט נישט געמאַכט דורך רבנים. אָבער בכדי אויסצומיידן הפקרות האָבן די חכמים מתקן געווען תקנות און אַריינגעברענגט אָרדענונג אין דעם סדר פון חופּה וקדושין. אוודאי, אשה נקנית בשלשה דרכים... אָבער רב מנגיד מאַן דמקדיש בביאה...

הערט אַ מעשה: אַז וועלכער נישט איז משרד וועט באַשטימען באַאַמטע און פאָרמאַליטעטן פון ציווילע הייראַטן און טאָמער וועט ווער נישט אָפּהיטן הונדערט פּראָצענט די פאָרמאַליטעטן — וועט זיין באַרעכטיקט, אַז מען וועט נישט אָנערקענען די געזעצלעכקייט פון די קינדער א.א.וו., נאָר דווקא דאָס אמתע יידישע פאַמיליע־לעבן, וועלכע האָט אויפגעהאַלטן די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק און אָפּגעהיטן זיין גאַנצקייט, זיין הייליקייט, זיין לעבנס־אייגנאַרטיקייט — די פאָרמאַליטעטן זענען פּסול פון שטאַנדפּונקט פון געוויסנס־פרייהייט.

נישט משה ־ רבנוס הייראַט ־ געזעצן, נאָר בלעמס. אַן אמתער אידעאַל, וועלכער דאַרף זיין דער „אור חדש” פון ציון...

— * —

אַ קלאָץ־קשיא פרעגט מען: הלמאי דער משפּט אין מדינת־ישראל איז נישט דער משפּט־העברי, און דווקא הייראַטן וויל מען על פּי דת משה וישראל. איינס: מיר האַלטן דאָס נישט משפּטן לויטן משפּט־העברי פאַר אַ פאַר־

ברעכן, אין וועלכן עס וועט זיך נאָך שטאַרק נוקם זיין. מיר האַלטן עס אויך פאַר אַ פאַראַט און אַ שאַנד־פלעק אויף מדינת־ישראל.

צווייטנס: רירט דאָס נישט אָן דער עצם עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, וועלכער הייבט זיך אָן מיטן פאַמיליען־לעבן. עס ברעכט נישט אויף אזוי פיל די איינהייט פונעם יידישן פאָלק.

מיר זעען עס אויך אַלס אַ רעזולטאַט פון גלות און פון עם־הארצות. אַ גרויסער טייל פון אונזערע שופטים און יוריסטן האָבן נישט קיין אַנונג פון משפט־העברי. מיר זענען זיכער, אויף וויפיל די שופטים און יוריסטן וועלן קענען לערנען דעם משפט־העברי, וועלן זיי זיך צו אים דערנענטערן און זיך דערוויי־טערן פון זייערע משפטים בל־ידעום. אבער דער ענין פון הייראַטן גראָבט אונטער דעם וואָרצל פון דעם יידישן בוים, פונעם יידישן שטאַם.

— * —

עס לוינט נישט צו פּאָלעמיזירן: וואָס ציט, אָדער וואָס וועט ציען די אַמעריקאַנער יוגנט. איינס דאַרף אָבער זיין קלאָר: אין מדינת־ישראל וועט מען נישט זוכן „גוטע־גויים", נאָר „גוטע־יידן"... ארץ־ישראל איז נישט בכדי דאָ זאָלן וווינען גוטע גויים, נאָר גוטע יידן. גויים גוטע — זענען דאָ געווען פאַר דער אַנט־שטייאונג פון מדינת־ישראל. צו זיין גויים גוטע דאַרף מען נישט פאַרלאָזן אַמערי־קע, דאָס קען מען זיין אויך דאָרט.

וועט מען פרעגן: פאַרוואָס קומען טאַקע נישט פרומע יידן און זיי זאָלן דאָ זיין יידן גוטע? איז עס אַ גערעכטע טענה. דאָס איז איינס פון די גרעסטע חטאים פון די פרומע יידן, וועלכע זיצן אין גלות און זענען מעכב די גאולה.

דער רעליגיעזער־ציוניזם פירט מיט די יידן אַ פאַרביטערטן אידעאָלאָ־גישן קאַמף. אָבער דאָס וועלן דאָ אויפהאָדעווען אַ גוט גויאיש פאָלק, אַנשטאָט אַ גוט יידיש פאָלק — העלפט מיט דעם יצר־הרע, וועלכער געפינט זיך זעלבסט־פאַרשטענדלעך אויך ביי יידן מאמינים.

— * —

מען איז גרייט אַנצונעמען די יסודות פון דער תורה, אָבער נישט די די־נים. פאַר אַ ייד אַ מאמין זענען די ביידע זאַכן נישט טיילבאַר. אָבער ס׳פרעגט זיך: אָפּהיטן די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק דורך נישט הייראַטן מיט נישט־יידן איז נישט קיין יסוד ועיקר פון דער תורה?! דער „עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב" איז נישט קיין יסוד?! זמרי בן־סלוא האָט געשאַפן און פאַרמירט די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אָדער פנחס בן אלעזר?!

— * —

עס איז אַ נאַטירלעכע פאַרשטענדלעכע זאַך, ווען אַ ייד אַ מאמין רעדט צו יידן מאמינים, וועלכע זענען שומרי־תורה ומקיימי־מצווה, דאַרף ער זיך מער אָפּשטעלן אויף די נביאישע אידעאַלן און ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף דער פליכט, אַז יידן מאמינים, שומרי־תורה ומקיימי מצווה זאָלן אַלץ טאָן צו פאַר־

יוירקלעכן די אידעאַלן פון די נביאים אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אינעם גע־
זעלשאַפטלעכן לעבן.

עס איז דאָ ביי אונז הונדערטער און אפשר טויזנטער מוסר און חסידישע ספרים געווידמעט מידות און מוסר. אפשר מער ווי וועגן אָפּהיטן אַנדערע מצוות פון דער תורה. צוליב אַ פּשוטע סיבה: אַנדערע מצוות האָט מען אָפּגעהיטן, און דווקא מצוות שבין אדם לחברו — זענען צוליב פאַרשידענע גלות־סיבות פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן.

אָבער דווקא די נביאים אליין רעדן וועגן די מענטשלעכע אידעאַלן, וועל־כע מיר זענען באַרופן צו פאַרווירקלעכן אין איין אָטעם מיט דער פאָדערונג צו היטן שבת, כשרות און פאַמיליע־לעבן כדת משה וישראל.

ווען מען באַטאָנט צווישן פרומע יידן די פאָדערונג פון פאַרווירקלעכונג די נביאישע אידעאַלן, איז עס נישט במקום מצוות און מעשים טובים בין אדם למקום, נאָר מיר זאָגן, אַז די שלימות פון יהדות פאָדערט: שלימות בין אָדם למקום און בין איש לרעהו.

— * —

עס ווילט זיך נישט באַרירן אן אָנגעווייטיקטע דערשיינונג, אָבער מען מוז עס טאָן: איז עס דען נישט אַ פאַקט, אַז צווישן יידן מאמינים איז כמעט נישטאָ קיין פאַלן (אויסער יוצאים מן הכלל) פון רוצחים, גנבים, פאַרגוואַלדי־קער און פאַרעטער... בוגדים, מרגלים ?! איז דאָס בלויז אַ צופאַל ?!

ניין. דאָס איז נישט קיין צופאַל: תורה מגינה ומציל. תורה היט אָפּ דעם מענטש. ער קען זיך גרינגער אַנטקעגנשטעלן דעם יצר־הרע. איי, עס טרעפט אַמאָל אויך א ייד א מאמין ווערט נכשל אין אַן עבירה בין אדם לחברו, זעט ער עס טאַקע אַלס אַן עבירה, און אין אַ געוויסן זין איז עס אויך אַ רעזולטאַט פון דער ארומגעבונג...

— * —

אין ארץ־ישראל, מדינת־ישראל איז נישטאָ קיין פחד אויפצוהערן צו עקזיסטירן אַלס יידיש פאָלק? דאָ איז דאָך אַ דערשיינונג פון כנענים, וועלכע ווילן אונז פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדער פאָלק. דאָ איז דאָך אַ דערשיינונג, אַז מען וויל איבערייסן מיט די יידן אין גלות. דאָ רעדט מען וועגן „שוואַרצע" ווי חלילה זיי וואָלטן נישט געווען אחינו בני־ישראל. דאָ רעדט מען שוין „אַז מיר זענען שוין נישט קיין יידן". און די רעדערס זענען די, וועלכע פאָרמירן אין אַ געוויסער מאָס אין שריפט און אין וואָרט די פיזאָנאָמיע פון דער יוגנט, און דאָך קומט מען און מען זאָגט אונז (הערט אייך גוט איין), אַז אפילו ווען יידן וועלן דאָ חתונה האָבן מיט נישט־יידן — דראָט נישט קיין געפאַר דעם יידישן פאָלק. דערגייט אַ טאָלק ביי אַזא געדאַנקען־גאַנג.

— * —

מיר יידן מאמינים שרעקן זיך נישט פאַר די אַלע דערשיינונגען. דאָס איז פאַריבערגייענדע דערשיינונגען. דאָס זענען אַ טייל פון די חבלי־הגאולה, פון

חבלי־המשיח. מענטשן, וואָס טויזנטער יאָרן האָבן זיי געלעבט בעיקר אַ גייסטיק לעבן, ווילן פּרובירן ביי זייער באַפרייאונג צו געניסן פון דעם פּשוטן וואָכנדיקן לעבן, אַזוי ווי אַ הונגעריקער פאַלט צו צום עסן. אָבער אויך אַ הונגעריקער, ווען ער ווייסט נישט צו היטן די מאָס, ווען ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט — קען ער זיך איבערעסן.

דאָס איז אָבער אַ פאַריבערגייענדע דערשיינונג. מיר האָבן פאַרלוירן אויף אַ מינוט דאָס גלייכגעוויכט. מיר זענען געוואָרן פאַרשיכורט פון דעם מלוכהשן וואָכנדיקן לעבן. די גייסטיקע רעליגיעז־מאָראַלישע נידערלאַגע איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער גייסטיקער געזעלשאַפטלעכער נידערלאַגע.

עס וועט קומען אַן אויסניכטערונג און די אומנאָרמאַלע דערשיינונגען וועלן פאַריבערגיין. עס וועט קומען דער טאָג פון תשובה, פון אַ גרויסן רעליגיעז־מאָראַלישן, סאָציאַלן רענעסאַנס, וועלכער וועט פירן צו דער פולקאָמער פאַרווירקלעכונג פון תורה און די נביאישע אידעאַלן, וועלכע זענען אייבּס.

די איינהייט און גאַנצקייט פונעם פאָלק ישראל

א.

א ייד אַ מאמין גלויבט, ווייל ער איז איבערצייגט אין דעם אמת פון דער אמונה. דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס שטויסט אַ פרומען יידן מקיים צו זיין תורה און מצוות. אויך אַלע איבעריקע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע, מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון, וועלכע ווירקן ביי אַ ייד אַ מאמין, בשעת ער איז מקיים תורה און מצוות, ווירקן ביי אים, ווייל ער גלויבט אין דעם אמת פון דער תורה. „משה אמת ותורתו אמת" — דאָס איז דער יסוד ועיקר פון אמונה.

טראָץ דעם, וואָס עס איז אָנגענומען, אַז אמונה און איבערצייגונג זענען צוויי זאַכן, אין תוך־תוכם פון דער זאַך איז אַ ייד אַ מאַמין נישט ווייניקער איבערצייגט אין זיין גלויבן ווי די וועלטלעכע זענען, לויט זייער מיינונג, איבערצייגט אין זייער וועלטלעכקייט. איך זאָג „נישט ווייניקער", אָבער דאָס איז נישט אמת. אַ ייד אַ מאַמין איז באמת איבערצייגט אין דעם אמת פון דער אמונה; בשעת אַ ייד א וועלטלעכער, מער ווי ער איז איבערצייגט אין זיין וועלטלעכקייט, גלויבט ער אין דעם. דער וועלטלעכער איז דאָך איבערצייגט, אַז דער אמת זיינער איז נישט זיכער. צוליב אַ פשוטן טעם: ביי דעם וועלטלעכן איז דאָך איבערהויפּט נישטאָ קיין אבסאָלוטער אמת. דאָס וואָס איז מכלומרשט אמת היינט, קאָן זיך דאָך מאָרגן אַרויסווייזן פאַר אַ שקר גמור. אַפילו די אַקסיאָמע פון צוויי מאָל צוויי איז פיר, הויבט זיך דאָך אָן וואַקלען. דער וועלטלעכער איז דעריבער למעשה אַ צייט־ווייליקער גלויביקער אין אַ צייטווייליקן אמת, אין וועלכן ער איז נישט איבערצייגט, איז נישט זיכער אין אים; נאָר גלויבט אין אים. גלויבט צייטווייליק, און איז מכריז ומודיע, אַז ער איז נישט זיכער, אַז דער אמת איז באמת אמת, איז אמת־לאמיתה.

א ייד א מאמין איז אויף אַזוי פיל זיכער און איבערצייגט אין דעם אמת פון דער אמונה, און ער זעט די אמונה אַלס אמת־לאמיתה, אַז ער ווערט נישט דער־שיטערט דורך די צייטווייליקע אמתן, וועלכע זיי דאַרפן דאָס זיין די צעטרייסלער פון אמונה, — אין דער צייט ווען זיי שטייען אין דער רייע און וואַרטן, אַז זייער פאַלשקייט זאָל זיך אַרויסווייזן פריער אָדער שפּעטער.

א ייד א מאמין איז איבערצייגט אין דעם אמת פון דער אמונה, ווייל נאָך אַלע „אמתע" וועלטלעכע־אמתן ווייזט זיך דאָך אַרויס, כמעט יעדן פרימאָרגן, אַז אַן אַנדערער אמת האָט אויפגעהערט צו זיין אמת, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אין דער צייט, וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט, נישט אין דער וויסנשאַפטלע־כער, נישט אין דער פילבאַרער, האָט געקאָנט צעטרייסלען די אמונה.

אגב, דער גאַנצער ענין פון איבערצייגונג איז דאָך אַ רעלאַטיווער, אי־

בערצייגונג ביים היינטיקן טאָג שטיצט זיך אָדער אויף געפיל אָדער אויף פאַקטן. אמונה שטיצט זיך אויף ביידע. ביי אַ ייד אַ מאַמין איז דאָ אַ געפיל פון אמונה: נשמת כל חי תברך, צמאה נפשי לאלקים. ער שטיצט זיך אויך אויף פאַקטן: השמים מספרים כבוד א—ל ומעשי ידיו מגיד הרקיע; אויף דעם לעבנס פאַקט פונעם מענטש, אויף זיין שכל.

די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און וועלטלעכקייט ענטפערט נישט אויף דעם בראשית פון די פאַקטן: דער פאַקט פון דער וועלט־עקזיסטענץ, פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, פון זיין לעבן, זיין אָטעמען, זיין פילן, זיין דאָ־זיין—דאָס זאָגט פאַר דעם ייד דעם מאמין עדות, אַז „בראשית ברא אלקים", אַז דעם ראשית האָט גאָט באַשאַפן. די וועלטלעכקייט, די וויסנשאַפט ענטפערט מיט גאָר־נישט אויף דער פראַגע פון בראשית; זי שטייט הילפלאָז, זי זאָגט: זי ווייסט נישט ווי אַזוי צו דערקלערן דעם בראשית, דעם ערשטן יש, דעם ערשטן דאָזיין. די וועלטלעכקייט, די וויסנשאַפט, די וועלטלעכע וויסנשאַפט, דווקא זיי פאָדערן בלינ־דן גלויבן אין אקסיאָמען, וועלכע זיי דערקלערן, אַז עס איז מעגלעך, אַז מאָרגן וועלן זיי זיך אַרויסווייזן פאַר פאַלש. און וועלכע, טאָג־איין טאָג־אויס ווייזן זיך אַרויס באמת, אַז וואָס עס איז נעכטן געווען אמת, איז היינט שקר־גמור.

א ייד א מאמין איז איבערצייגט אין אמת פון דער אמונה. אַדאַנק דער איבערצייגונג קאָן ער זיך מוסר־נפש זיין, נישט בלויז פאַר דער אמונה, נאָר אויך פאַר תורה און מצוות. ער איז איבערצייגט, אַז ער איז זיך מוסר־נפש פאַרן אמת.

ב.

אַ ייד אַ מאמין ווייסט אָבער אויך, אַז „לפתח חטאת רובץ" און אַז „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא". דעריבער קאָן אַ ייד אַ מאמין בלייבן אַ מאמין, אפילו ווען ער ווערט אמאָל נכשל אין אַן עבירה. אַן עבירה ביי אַ ייד א מאמין(אויסער אין אויסנאַמס־פאַלן) איז אַן אויסערלעכע זאַך, אין וועלכער אַ מענטש קאָן נכשל ווערן. אויסערלעכע סיבות ברענגען אים דערצו. אין חסידישן לשון רופט מען עס: ער איז געפאַנגען געוואָרן פון די „חצונים". דאָס הייסט פר־נעם אויסערלעכן לעבן ארום. ער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון פון אַלעם ארום אים און ווערט מיטגעריסן מיטן שטראָם. אַזאַ ייד איז אַן עובר־עבירה, פורק עול מצוות; אָבער כל־זמן ער וויל נישט פאַרענטפערן זיין יצר הרע מיט נישט אמונה, קאָן ער טראָץ דעם זיין אַ ייד א מאמין. ער דאַרף זיך אָנשטרענגען צו באַקעמפן, צו באַזיגן די חיצונים, די אַלע אויסערלעכע זאַכן, וועלכע ברענגען אים עובר צו זיין עבירות. ער ווערט גערופן צו תשובה אויף די שלעכטע מעשים. מען רופט צו תשובה דווקא אַ ייד אַ מאמין, ווייל נאָר אַ ייד אַ מאמין גלויבט אין תשובה. דעריבער קאָן אַ ייד א מאמין ליב האָבן, ממש ליב האָבן יעדן ייד, אַפילו אַ ייד וואָס טוט אַן עבירה. ווייל אַ ייד אַ מאמין איז זיך נישט מתייאש פון אַ ייד, וואָס ווערט נכשל אין אַן עבירה, אַפילו אין אַ סך עבירות. אַ ייד אַ מאמין האָט אָבער אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט נישט־גלויביקע, באַזונדער מיט די, וועלכע

ווילן איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז זיי גלויבן, אַז זיי זענען איבערצייגט אין נישט־גלויבן, ווען זיי פּראָקלאַמירן זיך אַלס גלויביקע פונעם נישט־גלויבן.

גלויבן און נישט־גלויבן, אמונה אין דער כפירה, דאָס איז נישט קיין פּריוואַטע זאַך. דאָס גראָבט אונטער דעם גאַנצן יסוד פון דער יידישער אמונה, פון דעם גאַנצן וועזן פונעם יידישן פאָלק. און קעגן דעם שטעלט זיך אַנטקעגן דער ייד, דער מאמין, אָן פשרות. דאָ קאָן ער נישט מוותר זיין. דאָ מוז ער פירן די מלחמה ביזן סוף. אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין דעם קאַמף פונעם יידנטום קעגן קריסטנטום, די באַציאונג צו שפּינאָזאַ און אַנדערע. דאָס איז געווען אַ קאַמף קעגן אויסטוישן די יידישע אמונה, די אמונת אמת אויף אַן אַנדערער אמונה; אויף אַ פאַלשער אמונה, גלויבן אין שקר. דאָ איז נישטאָ קיין וועג פאַר קיין פשרה.

מען קאָן נישט צווינגען קיינעם צו גלויבן, אָבער ווען מען קומט צו אַ ייד אַ מאמין און מען זאָגט אים: איך גלויב, נאָר גאָר אין עפּעס אַנדערש; הייסט עס עבודה זרה, דאָס איז נישט ווי מען זאָגט: „איך גלויב נישט". דאָס הייסט איך גלויב אין עפּעס אַנדערש, אין עבודה־זרה. דאָס הייסט אויסטוישן די יידישע אמונה אויף אַן אַנדערער אמונה; און וואָס איז פאַר אַ ייד אַ מאמין אַן אונטערשייד, צי מען זאָגט אים, אַז מען גלויבט אין ישו, אין מוחמד, אין אַבסטראַקטער צווייפל־האַפטער וויסנשאַפט, סטאַלין אָדער עפּעס אַנדערש. אַלע צוזאַמען איז עס עבודה זרה. טראַץ דעם, וואָס עס איז אַן אונטערשייד אין אַ מילימעטער פון איין עבודה־זרה צו דער צווייטער.

א ייד א מאמין קאָן פאַרשטיין, ווען יידן היטן נישט אָפּ תורה און מצוות, ווען זיי זענען עובר עברות. דאָס האַרץ בלוטיקט אים, אָבער ער איז זיך נישט מתייאש, ער גלויבט אין תשובה. אָבער ווען זיי קומען און פּראָקלאַמירן, מיר ווילן געבן דעם פאָלק אַ נייע אמונה, אַן אַנדערער אמונה; דאָ הויבט זיך אָן דער קאַמף אין יסוד פונעם עקזיסטענץ נישט פונעם יחיד, נאָר פונעם פאָלק ישראל, פון זיין אמונה. און עס איז נישט וויכטיק ווער עס וויל אים צווינגען איינטוישן די אמונה אויף אַן אַנדערער אמונה: נישט יידן, אָדער יידן. דאָ קומט עס צו מסירת־נפש. דאָ איז נישט קיין פראַגע, וואָס עמעץ טענהט: איך גלויב נישט, איך וויל נישט היטן די תורה. ניין! נישט אַזוי שטייט די פראַגע. די פראַגע שטייט: מען וויל צווינגען דאָס פאָלק אָנשטאָט צו גלויבן אין אמונת־אמת, אין בראשית ברא אלקים, וויל מען אויף אים אַרויפצווינגען נייע אמונות. איך זאָג בכוונה, „נייע אמונות — לשון רבים. ווייל די, וועלכע קומען און טענהן כלומרשט, אַז זיי גלויבן נישט, שרייען גלייכצייטיק, אַז זיי גלויבן יאָ, — נאָר יעדער האָט זיך אַן אַנדער גאָט, און אָט די אַלע פרעמדע געטער, עבודות־זרות, וויל מען אַרויפצווינגען אויף דעם יידישן פאָלק.

ג.

עס האַנדלט זיך נישט וועגן נישט מישן זיך אינעם פּריוואַטן לעבן. יידן מאמינים, מיט רעכט אָדער אומרעכט, האָבן שוין זיך צוגעוווינט, ווי מען זאָגט,

צו די צרות, אַז עס זענען דאָ יידן, וואָס טענהן, אַז זיי גלויבן נישט; וואָס טענהן, אַז זיי קאָנען נישט מקיים זיין מצוות, טראָץ דעם, וואָס מען איז זיך פון זיי קיינמאָל נישט מתייאש. עס האַנדלט זיך איצט, אַז די „נייע מאמינים", אַז די וועלטלעכע עובדי׳ עבודה־זרה, ווילן איצט אַרויפצווינגען אויף יידן מאמינים אַ נייעם גלויבן.

מען זאָגט: מען מוז געפינען אַ וועג, אַז רעליגיעזע יידן און נישט־רעלי־גיעזע יידן זאָלן קאָנען לעבן צוזאמען. דאָס איז מעגלעך, זאָגט מען, ווען רעלי־גיעזע יידן וועלן פאַרשטיין, אַז מען קאָן נישט צווינגען נישט־רעליגיעזע יידן אין זייער פּריוואַט־לעבן צו היטן תורה און מצוות. אָבער ווער עס שטעלט ביים היינטיקן טאָג אזוי אַוועק די פראַגע אין מדינת־ישראל, איז אָדער ער איז א תמים, אָדער ער קאָן נישט די פאַקטן.

היינט האַנדלט זיך נישט וועגן אריינמישן זיך אינעם פּריוואַטן לעבן פון נישט־רעליגיעזע יידן. היינט האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז נישט־רעליגיעזע יידן טענהן, אַז זיי האָבן אויך אמונה. און אדאנק דעם, וואָס זיי האָבן באַהערשט די מאַכט אין לאַנד, ווילן זיי אויפצווינגען זייער אמונה (וואָס פאַר די יידן מאמינים איז עס עבודה־זרה) אויף דעם לעבן אינעם לאַנד, אויף יידן מאמינים, אויף דער דערציאונג פון זייערע קינדער. מען וויל דאָס פאָלק אין ישראל פאַרוואַנדלען אין אַן „אַנדער פאָלק", אין אַן „עם־אחר", מיט אַן „אַנדער אמונה", מיט עבודה־זרה.

געפינען אַ וועג, אַז נישט־פרומע יידן זאָלן נישט זיין געצוואונגען מקיים צו זיין תורה און מצוות, דאָס איז דאָס פּראָבלעם? מען צווינגט עמעצן מקיים צו זיין תורה און מצוות? די לאַגע היינט איז, אַז מען שטעלט זיך אַנטקעגן ווען מען וויל אויפצווינגען אויף יידן מאמינים אַ „פרעמד־גלויבן", אַן עבודה־זרה.

עס איז גענוג צוויי־דריי פאַקטן:

א) עס קומען איצט ברוך־השם צענדליקער טויזנטער יידן מאמינים (נישט בלויז וואָס מנהג אבותיהם בידיהם) פון מאַראָקאָנער און טוניסער דערפער. לויט אַלע כללים פון פרייהייט פון געוויסן, דאַרף מען פאַר די יידן בויען דערפער, וווּ זיי זאָלן ווייטער קאָנען לעבן ווי יידן מאמינים. אַז מען נעמט די יידן און מען זעצט זיי אַריין אין דערפער אָן יידישקייט, אָן אַ רב, אַ שוחט, אַ מקווה, אַ רעליגיעזע שולע (באַזונדערס דאָס לעצטע). אַנשטאָט דעם שיקט מען זיי דערציער, מענטשן, וועלכע נישט בלויז זיי זענען עובר עברות בפרהסיא אין די אויגן פון די מענטשן, נאָר רימען זיך, פּראָקלאַמירן, אַז זיי האָבן אַ נייעם גלויבן; רופט עס ווי איר ווילט, — צי הייסט דאָס נישט, אַז מען וויל אויפצווינ־גען אויף יידן מאמינים אַ נייע אמונה, אמונה אין כפירה? הייסט דאָס נישט, מען וויל צווינגען עלטערן זיי זאָלן דערציען זייערע קינדער צו אַן אַנדערער אמונה? דאָס איז דאָך אין אַ געוויסן זין דער קאַמף ארום דעם „קריגס־קלוב" אין מאה־שערים.

ב) ווען עלטערן מאמינים, וועלכע לעבן אין חוץ־לארץ, גיבן איבער

זייערע קינדער צו דערציִען אין ארץ־ישראל מיט דעם באַדינג, אַז מען זאָל פאַר־זעצן דאָ זייער דערציאונג אַלס יידן מאמינים און שומרי־תורה ומקיימי מצווה, איז אַנשטאָט אויפצושטעלן אַזעלכע אַנשטאַלטן — נעמט מען די קינדער און מען שיקט זיי אין אַנדערע אַנשטאַלטן, ווו מען גיט זיי אַן אַנדערע דערציִאונג, פון אַ פרעמדער אמונה, אָדער פון אַ רעפאָרמירטער אמונה — איז דאָס אַ פראַגע פון צוזאמענלעבן צווישן רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע יידן; אָדער איז עס א פראַגע פון ווען אויסרייסן די אמתע יידישע אמונה און זי אויסטוישן אויף אַ פרעמדער אמונה?

ג) ווען אין גדנ"ע זאָגט מען אונז: מען קאָן נישט צווינגען אַלע צו היטן שבת ווי יידן מאמינים היטן, אַכטונג געבן אויף כשרות אַזוי ווי יידן מא־מינים היטן, מען קאָן נישט צווינגען אַלע צו לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון יידישקייט־אמונה, איז עס באַרעכטיקט, אַז די אמונה־יוגנט זאָל מען דערלויבן זיך צוזאמענהאַלטן אין באַזונדערע גרופן, ווו זיי זאָלן קאָנען לעבן אויך אין גדנ"ע אין אַן אַטמאָספערע פון אמונה? אָדער איז עס באַרעכטיקט, ווען מען וויל אויף זיי אַרויפצווינגען אַן אטמאָספערע פון נישט־אמונה, בעסער געזאָגט: פון אמונה אין עפעס אַנדערש, אין עבודה־זרה.

ד.

איצט קומט צו נאָך אַ שווער־פונקט: פאַר אַ ייד אַ מאמין איז דער ענין פון אמונה און פון תורה און מצוות נישט קיין פריוואט זאַך פון ראובן און שמעון. די אמונה איז די אמונה פונעם פאָלק ישראל. ראובן און שמעון זענען פאַרפליכטעט צו היטן די אמונה, מקיים צו זיין די תורה און מצוות, ווייל זיי זענען קינדער פונעם פאָלק ישראל.

דאָס ווען אַרויסרייסן די יידישע אמונה, אָדער אויסטוישן זי אויף אַן אַנדערער אמונה, אַראָפּנעמען פונעם פאָלק די תורה און מצוות (איך רעד נישט פונעם יחיד) — הייסט אונטערברעכן דאָס יידישע פאָלק. פאַר אַ ייד אַ מאמין איז די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אַן אומטיילבארער טייל פון דער אמונה, פון דער תורה, פון דער גאַנצער וועלט־עקזיסטענץ, פון דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

דאָ איז אויך נישט די פראַגע בלויז פון אַבסטראַקטער אמונה. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז יחידים אָדער גרופן אינעם פאָלק, וועלכע האָבן אויסגעטוישט די אָריגינעלע יידישע אמונה אויף אַנדערע גלויבנס, אָדער וועלכע האָבן פון זיך געגעבן אַראָפּגעוואָרפן די תורה און מצוות — זענען במשך פון דער צייט אָפּגעפאַלן פון דעם יידישן פאָלק, זיך אָפּגעריסן פונעם יידישן וואָרצל. און אויב היינט זענען דאָ גרופן און יחידים אין ישראל, וועלכע רעדן וועגן צוויי פעלקער, אַ ישראל־פאָלק אין מדינת־ישראל און אַ יידיש פאָלק אין גלות, אויב עס זענען שוין דאָ היינט גרופן און יחידים אין מדינת־ישראל (דווקא פון נישט־רעליגיעזע קרייזן), וועלכע פרעגן: צי זענען מיר נאָך יידן? איז דאָך דאָס, ווייל זיי פילן (און דאָס האָט אין זיך אַ געוויסע מאָס פון אמת), אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן

אויסגעטוישט די אמתע יידישע אמונה אויף עפּעס אַנדערש, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן געשאַפן אַ גויישן לעבנס־אַרט אָן תורה און מצוות — הערט ממילא אויף צו עקזיסטירן דאָס יידישע פאָלק, הערן יידן אויף צו עקזיסטירן.

פאַר יידן מאמינים, וועלכע די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק איז אמונה, קדושה, — איז דאָך דאָס אַ גרויל. אַ ציטער כאַפּט דאָך אָן, ווען דווקא נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל און אַ דאַנק, כאילו, איר אנטשטייאונג דראָט אַ סכנה דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, איר איינהייט, איר אמונה; דראָט אַ סכנה, אַז יידן שטעלן זיך די פראַגע: צי זיי זענען נאָך יידן?!

די פראַגע איז נישט צו געפינען אַ וועג, אַז תורה און מצוות זאָלן נישט באַשווערן די עקזיסטענץ פון דער מדינה, אַז נישט־רעליגיעזע יידן זאָל מען נישט צווינגען צו היטן שבת. נישט אַזוי שטייט די פראַגע. קודם כל שטייט די פראַגע, ווי אַזוי צו דערמעגלעכן יידן מאמינים, זיי זאָלן קאָנען לעבן און דער־ציען זייערע קינדער ווי מאמינים, די צווייטע פראַגע וואָס שטייט און זי איז אַ סך טיפער און טראַגישער: ווי אַזוי פאַרמיידט מען, אַז דאָ זאָל נישט אַנטשטיין אַן אַנדער פאָלק, נישט פאָלק ישראל, וואָס וועט גלויבן אין אַן אַנדערער אמונה, אין עבודה־זרה, וועט האָבן אַ פרעמדן לעבנס־אַרט, וועט זיך אָפּרייסן פונעם יידישן פאָלק אין דער וועלט, וועט פאַרלייקענען זיין איינהייט.

ווען חס־ושלום דער פּראָצעס זאָל אַזוי אָנהאַלטן, אַז מען דערציט די יוגנט צו גלויבן אין אַן אַנדערער אמונה, אין אַנדערע אמונות, מען דערמעגלעכט נישט יידן מאמינים פאַרצוזעצן צו לעבן אין זייער אמונה און אין זייער לעבנס־אַרט פון תורה און מצוות, ווען דער יידישער שבת זאָל אויפהערן עקזיסטירן (מען פאָדערט דאָך צו דערלויבן שבת טראַנספּאָרט, צו אַרבעטן אין פאַבריקן און אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן. צו דערלויבן ציווילע חתונות. עס זענען דאָ אָן אַ שיעור געמישטע חתונות. מיר זענען גאָר נישט זיכער ווי עס וועט האַלטן מיט מל־זיין יידישע קינדער, אויב דער פּראָצעס פון סעקולאַריזאַציע וועט אָנהאַלטן, דער יידישער כשרער טיש הערט אויף צו עקזיסטירן, קינדער ווייסן נישט וואָס איז אַ ספר־תורה, וואָס איז אַ טלית און תפילין, וואָס איז אַ סידור א.א.וו.) — לערנט דאָך אונז די היסטאָריע, אַז דער טייל פונעם פאָלק, מיט דער צייט הערט אויף צו עקזיסטירן אַלס פאָלק ישראל. ער פאַלט אָפּ פון אים.

יידן מאמינים אין ישראל (אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי), וועלכע זענען הייַנט אַזוי פאַרביטערט און פאַרצווייפלט — זענען עס צוליב צוויי זאַכן: ווייל מען דערמעגלעכט נישט יידן מאמינים פאַרצוזעצן זייער אמונה־לעבן און אַזוי דערציען זייערע קינדער ווי זיי גלויבן און ווייל זיי זענען פול מיט ציטער און שרעק וועגן דעם גורל פון דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אין מדינת־ישראל, ווען מען עס דראָט אַ געפאַר פון פאַרפרעמדן זיך צו זיך אַליין.

ה.

אוודאי קאָן מען אָנווייזן אויף אַ סך ליכטיקע זייטן אין מדינת־ישראל. דער עצם עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל איז דער גרעסטער קדוש־השם און נצחון

פונעם יידנטום איבער אַנדערע. עס איז היינט דאָ אין מדינת־ישראל מער תורה און יראת־שמים ווי אין וועלכער עס איז מדינה. עס זענען דאָ פאַראַן שטאַרקערע קאַדרען אויך פון יוגנט, וועלכע די אמונה איז ביי זיי איינגעוואָרצלט ביז מסירת־נפש; האָט די מדינה אויף זיך גענומען פיל פליכטן פון שבת, כשרות, רעליגיעזע חתונות, רעליגיעזע דערציאונג א.א.וו. אָבער דער געדאנקען־גאנג, וועלכער האָט באַהערשט אַ גרויסן טייל פון מדינת־ישראל און זיינע פירער איז: מיט געוואלד צו פאַרוואַנדלען די יידן אין ישראל אין אַן אַנדער פאָלק, זיי געבן אַן אַנדער גלויבן, ענדערן די יידישע אמונה, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יידישן לעבנס־אַרט.

און דאָ שטייט די גרויסע גרוילעכע פראַגע: די פראַגע שטייט נישט, צי נישט־רעליגיעזע יידן וועלן קאָנען נישט היטן תורה און מצוות (הלוואי וואָלט אַזוי געשטאַנען די פראַגע), נאָר צי שאַפט זיך נישט דאָ אַ ניי־פאָלק, וועלכעס וועט זיך פאַרפרעמדן צו זיך, צו זיין אמונה, צו זיין לעבנס־ארט, צו זיינע ברידער און שוועסטער, צו יידן אין דער גאָרער וועלט. און אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דעם — וועט דאָס פאָלק דאָ, מיט דער מדינה צוזאַמען, חלילה, אויפהערן צו עקזיסטירן. —

יידן מאמינים שרעקן זיך נישט, אַז דאָס יידישע פאָלק בכלל זאָל אויפהערן עקזיסטירן. דאָס נישט. אָבער מדינת־ישראל און דאָס פאָלק אין איר (אויסער די יידן מאמינים) קאָנען חלילה אויפהערן צו עקזיסטירן, עס קאָן חלילה ווידער קומען צו אַ חורבן, נישט דורך אויסערלעכע כוחות, נאָר דורך אינערלעכער פאַר־פרעמדקייט, דורך אינערלעכער אויפהערנדיקער עקזיסטענץ.

וואָס יידן מאמינים פאָדערן פון נישט־רעליגיעזע יידן איז: דערמעגלעכט יידן מאמינים פאַרצוזעצן אַן אמונה־לעבן, צו דערציען זייערע קינדער אין אמונה־לעבן. צווינגט נישט אויף דעם פאָלק אַ פרעמדע אמונה, צווינגט אים נישט אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס פאָלק־ישראל מיט זיין אמונה, מיט זיין לעבנס־אַרט. דאָס שטיצט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל און צעברעכט דאָס יידישע פאָלק.

אָפּהיטן די איינהייט פונעם יידישן פאָלק, זיין גאַנצקייט, זיין אמונה און לעבנס־אינהאַלט אין זיין מדינה, מדינת־ישראל — אָט דאָס ווילן רעליגיעזע יידן.

היסטאָרישע גערעכטיקייט

א.

עס איז אויסער יעדער דיסקוסיע דער היסטאָרישער פאַקט, אַז יידנטום (יהדות) און יידיש פאָלק זענען אָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן. יידנטום קען נישט עקזיסטירן אָן יידיש פאָלק און יידיש פאָלק קאָן נישט עקזיסטירן אָן יידנטום.

יידנטום איז אַן אידעע, וועלכע פאָדערט פאַרווירקלעכונג. די תורה איז די אידעע, איר פאַרווירקלעכונג זענען די אַלע דינים, חוקים און משפטים, ווי זיי קומען צום אויסדרוק דורך תורה שבכתב און תורה שבעל־פה.

דאָס יידישע פאָלק האָט אויף זיך גענומען ביי זיין אנטשטייאונג צו זיין דער טרעגער פון דער אידעע פונעם יידנטום (תורה) און איר פאַרווירקלעכונג (דינים, חוקים ומשפטים).

מיט אַנדערע ווערטער: נעשה ונשמע. די פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון יידנטום איז דער אינהאַלט פונעם יידישן פאָלק.

ביזן היינטיקן טאָג קאָנען מיר נישט געפינען, אַז אַן אַנדער פאָלק, אויסער דאָס יידישע, זאָל זיין דער טרעגער און פאַרווירקלעכער פון יידנטום.

אורייתא וישראל חד הוא.

פון דאָנען קאָנען מיר פאַרשטיין אַ צווייטן היסטאָרישן פאַקט, וואָס איז אויסער יעדע דיסקוסיע, יעדנפאַלס ביז איצט, און אויב נסיון און פאַקטן האָבן אויך אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט, דאַרף מען אָננעמען, אַז דער צווייטער היסטאָרישער פאַקט וועט ווייטער אָנהאַלטן ביז אין דער ווייטער אייביקייט פון דער מענטשלעכער היסטאָריע און וועלט־עקזיסטענץ.

דער צווייטער היסטאָרישער פאַקט איז: אַז נאָר דאָס תורה־יידנטום, וואָס איז געווען דער טרעגער און פאַרווירקלעכער פון יידנטום דורך אָפּהיטן אויך אין פריוואַטן לעבן תורה שבכתב און תורה שבעל־פה — איז געווען און איז אויך ביים היינטיקן דור דער טרעגער פונעם היסטאָרישן יידנטום. אַלע אַנדערע טיילן אינעם יידנטום, געזעלשאַפטלעכע, אָדער פריוואַטע מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוווט פונאַנדערטיילן צווישן תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, אָדער וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַגנוגענען בלויז מיט זיין די טרעגער פון דער אידעע פונעם יידנטום (דאָס זאָגן, דרך אגב, אויך פיל קריסטלעכע פעלקער, און דאָ און פון דאָנען נעמט זיך אפשר דער דער גאַנצער טעות און פאַלשער צוגאַנג פון שלום אַש צום קריסטנטום), נישט וועלנדיק אויף זיך נעמען די פליכט, דעם עול צו זיין די פאַרווירקלעכער פונעם יידנטום, פון מקיים זיין תורה ומצות, לפחות פון וועלן מקיים זיין תורה און מצוות — די אַלע, זיי אָדער זייערע קינדער אָדער קינדס־קינדער זענען אָפּגעפאַלן פונעם יידישן פאָלק, זענען אים געוואָרן פרעמד,

האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעמישט מיט פרעמדע פעלקער, און טייל מאָל אפילו געוואָרן שונאים פונעם יידישן פאָלק.

אַפילו דאָס זיצן פונעם פאָלק אין זיין לאַנד האָט נישט געהאָלפן. נישט די שומרונים, וועלכע זענען געבליבן זיצן אין ארץ־ישראל, זענען געוועזן די טרעגער פונעם יידנטום און די פאַרזעצער פונעם היסטאָרישן יידישן פאָלק, און אוודאי נישט די קראים און אפילו נישט די קריסטן, וועלכע זענען געקומען פונעם יידישן פאָלק.

נאָר דאָס תורה יידנטום, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אורייתא וישראל חד הוא, אַפילו ווען עס האָט דאָס נישט געקאָנט מקיים זיין בשלימות — צוליב פאַרשידענע סיבות; אפילו ווען עס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל און האָט אויפגע־הערט צו פירן אַ זעלבשטענדיק מלוכה־לעבן — איז עס דאָך געבליבן דאָס יידישע פאָלק.

לא־כל־שכן אין גלות, איז דאָך אוודאי און אוודאי זיכער דער היסטאָריי־שער פאַקט, אַז נאָר דאָס תורה יידנטום איז דער המשך פונעם היסטאָרישן יידישן פאָלק.

אוודאי, אויך אַנדערע יידן, כל זמן זיי רייסן נישט איבער דעם לעצטן פאָדעם מיטן יידישן פאָלק דורך אויסמישן זיך מיט פרעמדע פעלקער דורך גע־מישטע חתונות, זענען א טייל פונעם יידישן פאָלק. ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא. אָבער זיי פאַרזיכערן נישט די ווייטער אייביקע און אומענדלעכע עקזיסטענץ (נצח ישראל) פונעם יידישן פאָלק. טראָץ דעם, וואָס עס איז זיכער, אַז אויך פיל פון זיי וועלן במשך פון דער צייט צוריקקומען צום יידישן פאָלק.

ב.

אין מדינת ישראל קומט פאָר ווייטער דער אַלטער היסטאָרישער גע־ראַנגל וועגן דעם וועזנטלעכן אינהאַלט פונעם יידישן פאָלק. עס זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע פאַרבינדן די פיזאָנאָמיע פונעם פאָלק מיט די געאָגראַפישע גרענעצן פון ישראל, די אַזוי גערופענע „ישראלים" אָדער „כנענים".

עס זענען דאָ אַנדערע, וועלכע זוכן אַן אָנהאַלט אויך אינעם עבר, אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער זיי ווילן די ווייטע פאַרגאַנגענהייט, פון תורה שבכתב. זיי זעען דאָס יידנטום אַלס אידעע ווי זי קומט צום אויסדרוק אין תורה שבכתב. זיי זעען אָבער נישט די צוגעבונדנקייט פונעם יידישן פאָלק צו דער פאַרווירק־לעכונג פון דער אידעע. דעריבער ווילן זיי נישט אָננעמען די תורה שבבעל־פה, אָן וועלכער עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די תורה שבכתב. זיי זוכן דעריבער אַן אָנהאַלט אינעם עבר, אין תנ"ך און טאַפּן אין דער פינצטער בנו־גע דעם עתיד, די צוקונפט, די אחרית הימים, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין תנ"ך. און דערווייל געפינען זיי זיך אין אַ חלל, אין אַ פוסטקייט בנוגע דער קעגנוואַרט. זיי מיינען, אַז מען קאָן שפינען אַ צוקונפט מיט דער פאַרגאַנגענהייט מיט אַ פוסטקייט אין דער קעגנוואַרט; זיי מיינען, אַז מען קאָן איבעררייסן דעם פאָדים

אין דער מיט, נישט זעענדיק, אַז דאַן בלייבט אַ לאָך, ווו אַלץ פאַלט אַריין און גייט פאַרלוירן.

אמת, אונזער גלות־עפּאָכע איז אויך געווען אַ ריס אין דער היסטאָרישער קייט פונעם יידישן פאָלק, אָבער כל־זמן ישראל ואורייתא זענען געווען איינס, כל־זמן דאָס יידישע פאָלק איז געווען דער טרעגער פון דער אידעע פונעם יידנטום און געטאָן אַלץ זי צו פאַרווירקלעכן אויף וויפיל זי האָט געקענט אין דער פרעמד, אין גלות און גלייכצייטיק געשטרעבט, געהאָפט און געגלויבט אין פולער פאַר־ווירקלעכונג דורך צוריקקומען אין ארץ־ישראל — האָט דאָס יידישע פאָלק גע־קענט איינהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

אָבער מיט דעם מאָמענט, ווען מען וויל זיך איינרעדן, אַז ארץ־ישראל, מדינת־ישראל קומט נישט, בכדי צו ציען ווייטער דעם היסטאָרישן פאָדים פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה און ווערן דער פולער פאַרווירקלעכער פונעם יידנטום — פאַרלירט מדינת־ישראל איר היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און אַזוי ווי מיר זעען, אַז יידן אָן תורה און מצוות זענען היסטאָריש געוואָרן אָפּגעריסן פונעם יידישן פאָלק, אַזוי קאָן חלילה זיין דער רעזולטאַט פון אָט דעם פאַלשן צוגאַנג צום יידישן פאָלק, צום יידנטום און זיין היסטאָרישער עקזיסטענץ — דער רעזולטאַט קאָן זיין דאָס אויפהערן פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל חס ושלום.

נישט בלויז אויסערלעכע שונאים ברענגען צום פאַרניכטן פון אַ לאַנד און זיין זעלבשטענדיקייט. ביים יידישן פאָלק קאָן דער שונא מנצח זיין, נאָר ווען דער אינערלעכער וועזנטלעכער היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג צווישן יידישן פאָלק, יידנטום און זיין לאַנד ווערט איבערגעריסן.

זאָל מען דאָס גוט פאַרשטיין: אַ געוויסע דערשיינונג פון דעגענעראַ־ציע, ציניזם, גלייכגילטיקייט, גייסטיקער, מאָראַלישער ירידה אינעם לאַנד — זענען אַ רעזולטאַט פונעם פאַרלירן דעם נשמהדיקן צוגאַנג פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט צו דער ענגער צוזאַמענגעבונדנקייט פון עם־ישראל, תורת ישראל וארץ־ישראל.

אוודאי די, וועלכע נישט דאָס יידישע פאָלק און נישט דאָס יידנטום ליגט אין זייער אינטערעס, אפילו נישט פון דעם דינעם פאָדים פון דער ווייטער פאַר־גאַנגענהייט, פון תורה שבכתב — זיי אַרט נישט, אַז דאָס פאָלק וועט אונטערגיין (כאָטש דאָס וועט און קאָן קיינמאָל נישט געשען). זיי דאַרפן האָבן ארץ־ישראל, נאָר ווייל מען האָט זיי געיאָגט אין גלות און מען האָט זיי נישט געלאָזט לעבן צוליב זייער אָפּשטאַם פונעם יידישן פאָלק, כאָטש זיי אַן און פאַר זיך זענען גרייט צו לעבן ווי גויים. די גויים האָבן אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען זייער גוייש־קייט, און זיי מיינען, אַז דאָ אין ארץ־ישראל וועט זיי קיינער נישט שטערן צו לעבן ווי גויים. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אויב צו לעבן ווי גויים — האָבן מיר נישט קיין שום רעכט אויף ארץ־ישראל, אפילו נישט אויף אַ טייל פון ארץ־ישראל. אונזערע רעכט אויף ארץ־ישראל זענען נאָר היסטאָרישע, ווייל אונזער גאַנצע

עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג באַזירט זיך נאָר אויף היסטאָרישער גערעכטיקייט.

ג.

יהדות, יידנטום איז דער באַגלייטער פון דער היסטאָריע, דער טרעגער פון אירע אידעאַלן, אַ טרעגער, וועלכער שטרעבט און גלויבט זיי צו פאַרווירקלעכן אַליין און גלויבט, אַז זיי וועלן אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן דורך דער גאַנצער מענטשהייט.

די אויפפאַסונג פונעם יידנטום איז אַ היסטאָרישע. זי הייבט זיך אָן מיט דער היסטאָריע. מיט בראשית ברא אלקים את השמים והארץ, מיט דעם אָנפאַנג פון דער וועלט־היסטאָריע און מיט דעם אָנפאַנג פון דער מענטשלעכער היסטאָריע.

דער סדר־הבריאה: טעג־תקופות איז די וועלט היסטאָריע, וואָס צום ענדע פון איר באַשאַפונג קומט די מענטשלעכע היסטאָריע, ווערט באַשאַפן דער מענטש, וועלכער דאַרף ווייטער שפינען און וועבן די היסטאָריע נישט קיין פונאַנדערגעטיילטע: וועלט און מענטש, נאָר אַלס איינהייט; דער מענטש דאַרף פאַרווירקלעכן דעם געטלעכן אינהאַלט, דעם געטלעכן זין פון דער גאַנצער בריאה, וואָס טיילט זיך איין אין עפּאָכעס: אלפיים תוהו ובוהו, אלפיים תורה, אלפיים ימות המשיח און ווענעמס ציל עס איז דער אחרית הימים פון: לא ישא גוי אל גוי חרב, פון אייביקן פרידן, פון ונשגב ד׳ לבדו ביום ההוא. ווען דער מענטש וועט אויפהערן מקנא צו זיין איינער דעם צווייטן, פיינט האָבן איינער דעם צווייטן, און נישט בלויז צווישן מענטשן וועט קומען אָן ענדערונג, נאָר די גאַנצע בריאה, די גאַנצע נאַטור וועט אין משך פון דער היסטאָריע און איר אחרית־הימים דערגרייכן צו „וגר זאב עם כבש”.

יידן, דאָס יידישע פאָלק, יידנטום האָבן אויף זיך גענומען צו זיין די טרעגער פון דער היסטאָריע און זי ברענגען, דערפירן צו אחרית הימים, צו דער פאַרווירקלעכונג פון תכלית הבריאה. די היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס דאָס יידנטום האָט אויף זיך גענומען ביי מתן־תורה, איז ענג פאַרבונדן געוואָרן מיט ארץ־ישראל. גאולת ישראל, משיח צום יידישן פאָלק, זענען עטאַפּן צום אחרית הימים.

דער וועג איז נאָך אָנגעצייכנט געוואָרן ביי אברהם אבינו, ביים ברית בין הבתרים, ווי עס ווערט אָנגעצייכנט דער וועג פונעם יידישן פאָלק אַלס טרעגער פון „שמע ישראל” איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער זיין זיץ־אָרט, פון וואַנען ער וועט נישט בלויז פּראָקלאַמירן דעם אחרית־הימים, נאָר אים אויך פאַרווירקלעכן, איז ארץ־ישראל.

דאָס יידישע פאָלק, יידנטום האָט זיך דעריבער נישט אָפּגעשראָקן פאַר פאַרשידענע ביטערע געשעענישן, נישט אין זיין היסטאָריע און נישט אין דער מענטשלעכער היסטאָריע. קיין שום קאַטאַסטראָפע, נישט קיין רעליגיעזע (אָפּ־רייסן זיך פון פאַרשידענע טיילן פון דער רעליגיע, פון אויפהערן היטן די תורה) און נישט קיין נאַציאָנאַלע (פאַרלירן די נאַציאָנאַלע מלוכהשע זעלבשטענדיקייט,

חורבן הבית), ווי אויך קיין שום רדיפות, אינקוויזיציעס האָבן אים נישט געקענט באַזיגן און אָפּווישן פון דער היסטאָריע.

מיר האָבן די אַלע דערשיינונגען געזען, אָדער ווי „נסיונות", וועמענס ציל עס איז אויסצופּרובירן אונז, צי מיר וועלן זיין פעאיק צו זיין די טרעגער פון דער היסטאָריע ביז איר לעצטער פאַזע; מיר האָבן אין דעם אַלעם געזען „איבונגען", ווו מיר ווערן אויסגעאיבט צו זיין אויפגאַבע (צבאות ד' ישראל), אָדער מיר האָבן אין דעם געזען די חבלי־המשיח, די יסורי־גאולה, דעם פּראָצעס פון די ליידן און יסורים, וועלכע די היסטאָריע דאַרף דורכגיין ביז זי וועט דערגרייכן איר ענד־ציל — דעם אחרית הימים, ווען מיר וועלן זוכה זיין צו דער פולער שלימות, צו דער פולער פולקאָמענהייט, אָדער ווי מען דריקט זיך אויס — צו דער קומה שלימה, ווו עס וועט זיין השם שלם והכסא שלם.

דער ה„מעט" מכל העמים האָט אונז נישט אָפּגעשראָקן, ווייל מיר האָבן אַלץ געזען פון היסטאָרישן פּערספּעקטיוו, פון היסטאָרישער גערעכטיקייט. די גערעכטיקייט, וועלכע קומט נישט צום אויסדרוק באַלד מיטן פאַרקומען פון די געשעענישן און דערשיינונגען. אַפילו אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן גייט דאָך אַוועק צייט פון דער צייט פון פאַרברעכן ביז צום פּסק־דין פון שופט, ביז צום אויספירן דעם פּסק־דין. ביי אַלגעמיין מענטשלעכע אויפטרייסלונגען, ביי פעלקער־קאַטאַסטראָפעס, קומט דער צאָל־טאָג, ער קומט אָבער מיט דער צייט, מיט דער היסטאָריע.

מיר האָבן זיך דעריבער קיין מאָל נישט מייאש געווען, ווייל מיר האָבן געגלויבט און ציען ווייטער דעם פאָדעם פון גלויבן אין דער געטלעכער היס־טאָרישער גערעכטיקייט.

און ווען מען פאָלגט נאָך די היסטאָריע פון דער וועלט און פון פעלקער, זעט מען, אַז נאָך אַלגעמיינע מענטשלעכע קאַטאַסטראָפעס, פעלקער קאַטאַסטראָ־פעס, אַפילו קאַטאַסטראָפעס אין דער נאַטור — קומען מיט דער צייט, אַלס זייער המשך, געוויסע פּאָזיטיווע לערנונגען, אַנטדעקונגען, וועלכע ברענגען נוצן פאַר דער מענטשהייט און פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג, אָדער אין אַנדע־רע פאַלן זעט מען די היסטאָרישע גערעכטיקייט, ווי זי האָט באַצאָלט פאַר שלעכטס און פאַר גוטס.

פעלקער, וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם היסטאָרישן צוגאַנג פון היס־טאָרישער גערעכטיקייט, נאָר האָבן געלעבט מיט דער קעגנוואַרט, האָבן נישט געקענט איינהאַלטן זייער עקזיסטענץ. זיי האָבן נישט זוכה געווען צו זען די היסטאָרישע, געטלעכע גערעכטיקייט, ווי זי דערשיינט.

דאָס יידישע פאָלק האָט זוכה געווען צו אַזאַ לאַנג לעבן און גרייט זיך צום אחרית־הימים, טראָגט אַלעם, וואָס איז איבער אים אַריבערגעגאַנגען, ווייל ער איז פאַרבונדן מיטן בראשית און אחרית־הימים און זעט זיין אויפגאַבע און ציל צו פאַרבינדן דעם בראשית מיט דעם אחרית־הימים, צו שפּינען דעם וועג פון בראשית צום אחרית־הימים דורך תורה און ארץ־ישראל.

יידן האָבן איבערגעלעבט אַלע זייערע שונאים און וועלן ווייטער איבער־לעבן זיי, ווייל זיי גלויבן אין דער געטלעכער היסטאָרישער גערעכטיקייט און ווייל זיי גלויבן אין דעם, זענען זיי אויך זוכה דאָס צו זען.

מדינת־ישראל איז אַן אַקט פון דער השגחה־עליונה, פון היסטאָרישער גערעכטיקייט, וועלכע איז אונז באַצאָלט געוואָרן און אונז געגעבן מוט און גע־צייכנט, אַז מיר דאַרפן ווייטער שפּינען די פעדעם, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן און שפּינען זיי פון אברהם־אבינו אָן, ביז מיר וועלן דערגרייכן דעם אחרית־הימים, דער העכסטער אויסדרוק פון געטלעכער היסטאָרישער גערעכטיקייט און ענד־ציל פון דער בריאה.

אמת, דערוויל אין מיטן וועג איז פיל מאָל זייער שלעכט, זייער ביטער, אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך געפונען ווער עס האָט געזאָגט „ייתי ולא אחמינה", זאָל משיח קומען, נאָר איך זאָל נישט זען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן די יסורים, די חבלי־משיח, וועלכע מען מוז דורכ־מאַכן, בכדי זוכה זיין צו משיחן. אָבער חסידים טייטשן „ייתי ולא אחמינה", זאָל משיח קומען, אַפילו ווען איך זאָל נישט זוכה זיין אים צו זען....

ד.

די אמונה אין געטלעכער היסטאָרישער גערעכטיקייט, פונעם גרויסן צאָל־טאָג, וועלכער וועט קומען צום שלעכטן און צום גוטן, האָט אונז אויפגע־האַלטן ביים גלויבן, אַז אין נאָמען פון היסטאָרישער גערעכטיקייט, וואָס איז פאַר־בונדן מיט די טרעגער און שפּינער פון דער היסטאָריע, כדי זי צו ברענגען צו איר ציל פון אחרית־הימים, וועלן מיר צוריק באַקומען ארץ־ישראל און זי פאַרוואַנדלען אין אַ מדינת־ישראל, אין אַ מדינת־יהודים, אין אַ מדינה פון יידן, וועלכע באַגלייטן די היסטאָריע.

נישט אין נאָמען פון דער קעגנוואַרט האָבן מיר געפאָדערט אונזערע רעכט אויף ארץ־ישראל נאָכן ערשטן וועלט־קריג, וועלכע האָט געבראַנגט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נישט אין נאָמען פון דער קעגנוואַרט האָבן מיר געפאָדערט נאָכן צווייטן וועלט־קריג צו אָנערקענען ארץ־ישראל אַלס מדינת־ישראל, נאָר אין נאָמען פון אונזערע היסטאָרישע רעכט, פון אונזערע רעכט אַלס באַגלייטער פון דער היסטאָריע און אונזער שטרעבן און גלויבן זי צו ברענגען צום ענד־ציל פון שלום־עולמים, פון אייביקן וועלט־פרידן.

ווען בן־גוריון האָט געטענהט פאַר איינע פון די פיל קאָמיסיעס, אַז דער תנ"ך איז אונזער טשאַרטער, איז דאָך אין דעם געקומען צום אויסדרוק, באַוווסט־זיניק אָדער נישט — אַז „זה ספר תולדות אדם". דער תנ"ך איז די היסטאָריע פון מענטש, תנ"ך איז די היסטאָריע: בראשית און אחרית־הימים, דער חזון, די וויזיע פונעם יידנטום.

אַלע טענות פון די אַראַבער האָבן מיר אָפּגעוואָרפן און וואַרפן אָפּ ביז דעם היינטיקן טאָג, נאָר מיט איין מאָטיוו: מיר זענען דאָס פאָלק פון דער היס־

טאָריע. מיר האָבן אויף זיך גענומען צו זיין די באַגלייטער פון דער היסטאָריע, און אָט דער ציל און אידעאַל איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל.

אָן תנ״ך, אָן דער היסטאָרישער גערעכטיקייט, וועלכע מיר פאָדערן און אין וועלכע מיר זעען אָן אתחלתא־דגאולה, פון פולקאָמער היסטאָרישער גערעכטיקייט, אָן דעם, וואָס מיר ווילן נישט איבעררייסן דעם פאָדעם פון דער היסטאָריע — וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר אויף ארץ־ישראל אין דער קעגנוואַרט?

— * —

אויב אַזוי, קאָן מען דאָך נישט קומען און וועלן אַרויסרייסן פון אונזער היסטאָריע דעם טייל, וועלכער איז אן אומטיילבאַר רינגעלע פון אונזער היסטאָרישער קייט, תורה שבעל־פה. תורה־שבכתב און תורה שבעל־פה זענען דאָך די איינציקע היסטאָרישע קייט, וועלכע האָט אונז אויפגעהאַלטן, וועלכע האָט אויפגעהאַלטן אי די עקזיסטענץ פון יידנטום, יהדות, אי פונעם יידישן פאָלק. ווייל אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן נישט אַנערקענט די תורה שבעל־פה, האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם היסטאָרישן יידנטום, פון זיינע אידעאַלן, פון זיינע ליידן און פריידן, פון זיין גלויבן און האָפענונג.

ווער עס וויל,אַלזאָ, איבעררייסן די היסטאָרישע קייט — פאַרלירט דעם באַזיס אויף וועלכן ער שטייט, ווען ער פאָדערט ארץ־ישראל אַלס מדינת ישראל אין נאָמען פון היסטאָרישער גערעכטיקייט. דאָס הייסט, דאָס היסטאָרישע יידנטום, דאָס תורה יידנטום. ווייל קיין אַנדערע יידישע היסטאָרישע רעכט אויף ארץ־ישראל עקזיסטירט איבערהויפּט נישט. די איינציקע היסטאָרישע רעכט אונזערע איז באַזירט נאָר אויף דעם, אַז אונזער היסטאָריע האָט איבערהויפּט נישט אויפגעהערט. זי איז נישט איבערגעריסן געוואָרן מיטן חורבן. דאָס איז נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, און מיר האָבן ווייטער געשפונען און געטראָגן אונזער היסטאָריע אַלס באַגלייטערין פון דער היסטאָריע בכלל. און דעריבער נאָר אין נאָמען פון וועלן ווייטער פאָרזעצן די היסטאָריע (נישט פונעם ווייטן עבר אַליין), וועלכע איז נישט איבערגעריסן געוואָרן, פאָדערן מיר ארץ־ישראל.

אונזער רעכט אויף ארץ־ישראל אַלס מדינת־ישראל באַזירט זיך נאָר איינציק און אַליין אויף דעם היסטאָרישן יידנטום.

— * —

אַ ספּעציעלע באַדייטונג האָט דאָס אונטערשטרייכן פון היסטאָרישער גערעכטיקייט אין אונזערע איצטיקע שווערע פּרווו־טעג, וועלכע רוקן זיך ווידער אָן אויף מדינת־ישראל און אויף דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

עס דראָט ווידער אַ געפאַר פון אַ ריס אין דער היסטאָריע פונעם יידישן פאָלק. די נישט־יידישע וועלט האָט זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן אין איר אונטער־באַוווסטזיין פאַר דעם ווייטער וועבן די מענטשלעכע היסטאָריע דורך דעם אומענדלעכן היסטאָרישן פאָלק ישראל. און פון אַלע זייטן גרייט מען ווידער אָן אַטענטאַט אויף אונזער היסטאָריע. עס איז נישט בלויז אַ פראַגע

פון מדינת־ישראל. מען פילט, אַז דורך דעם היסטאָרישן יידנטום אין ארץ־ישראל וועט מען סוף כל סוף צוקומען צום „ד׳ מלך״, טראָץ אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען, און דעריבער איז „ירגזו עמים״, האָבן די פעלקער אויפגעציטערט, זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן דעם נצחון פון יידנטום אין דער היסטאָריע. דעריבער גרייט מען זיך, ווער דורך קלאָרע רעדעס „לכו ונכחידם מגוי״, ווער דורך וועלן אויף אונז אויפצווינגען אַזעלכע באַדינגונגען, אַז מיר זאָלן נישט קאָנען עקזיסטירן אַלס זעלבשטענדיקע מלוכה.

אין אַזעלכע שווערע נסיונותדיקע טעג, וואָס קיינער ווייסט נישט מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן, דאַרף מען דאָך אוודאי און אוודאי נאָך מער פאַרשטאַרקן די אמונה אין דער געטלעכער היסטאָרישער גערעכטיקייט, וועלכע וועט דערשיינען פריער אָדער שפּעטער, וואָס עס זאָל נישט זיין און וואָס עס זאָל נישט געשען; אין אַזעלכע נסיונותדיקע טעג דאַרף מען אוודאי נישט פּרווון מאַכן עקספּערימענטן פון איבעררייסן דעם היסטאָרישן פאָדעם פון יידנטום, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אברהם אבינו, מתן־תורה, נביאים און תורה שבעל־פּה, ווען עס האָט אָפּגעהיטן דאָס היסטאָרישע יידנטום.

מיר דאַרפן היינט נאָך מער ווי אַלעמאָל איינפלאַנצן ביי יידן אין מדינת־ישראל און ביי יידן אין דער גאַנצער וועלט די אמונה, וועלכע ציט זיך פון בראשית ביז דעם אחרית־הימים, און דעם פעסטן גלויבן אין דעם היסטאָרישן נצחון פון יידנטום, אין נצחון פון דער געטלעכער היסטאָרישער גערעכטיקייט.

אין אונזערע שווערע טעג פאַר מדינת־ישראל און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק זאָלן מיר נאָך שטאַרקער איינפלאַנצן, אַז נישט די פאַרבייגייענדיקע געשעענישן פון דער קעגנוואַרט זענען דעציידירנד, נאָר דער גאַנצער לאַנגער פאָדעם פון דער היסטאָריע. ווייל עס עקזיסטירט — היסטאָרישע גערעכטיקייט.

„אחינו בני ישראל״

א.

פון דורי־דורות האָט מען איינגעפלאַנצט ביי יידן און ביי יידישע קינדער דאָס געפיל פון יידישער סאָלידאַריטעט. דאָס געפיל, אַז יעדער ייד איז פאַר־אַנטוואָרטלעך מיט זיין האַלטונג און פירונג פאַרן גאַנצן כלל־ישראל און דערי־בער דאַרף יעדער ייד וויסן, אַז פון זיין לעבנס־אַרט און אויפפירונג איז אָפּ־הענגיק דער גורל פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. „כל ישראל ערבים זה בזה״.

חסידים זענען געגאַנגען נאָך וויטער און האָבן איבערהויפּט נישט געֿ־וואָלט זען און אָנערקענען די שלעכטע זייטן ביי יידן, אַפילו ביי דעם יחיד. זיי האָבן געהאַלטן, אַז נישט בלויז דער רבונו של עולם „לא ראה און ביעקב ולא הביט עמל בישראל״, נאָר יעדער ייד איז פאַרפליכטעט צו גיין אין גאָטס וועג. חסידים האָבן דעריבער שטענדיק געפונען אַ לימוד זכות אויף יידן.

אָבער נישט בלויז אין דער אַבסטראַקטער יידישער וועלט־אויפפאַסונג רעדט זיך וועגן יידישער סאָלידאַריטעט. נאָר אויך אין דער יידישער הלכה ווערט קלאָר אונטערגעשטראָכן „אין בודקין למזונות״. יעדער ייד, וועלכער קומט און פאָדערט הילף אויף פרנסה, מאַכט מען נישט קיין אונטערזוכונג, ווי היינט, ווו מען האַלט צענדליקער באַאַמטע אויסצוגעפינען, אַז דער ייד זאָל נישט בעמען אַ פּונט מער אַ חודש ווי ער דאַרף — נאָר אָן אונטערזוכונג. כל הפושט יד נותנים לו. ווער עס פאָדערט, דעם דאַרף מען געבן. מען זוכט נישט, צי ער איז פרום צי נישט. צו וועלכן קלאַס און פאַרטיי ער געהערט. „אחינו בני־ישראל״ איז געווען דער אויסדרוק פון יידישער סאָלידאַריטעט.

די דערציאונג, וועלכע מיר האָבן באַקומען צו העלפן איין ייד דעם צווייטן, האָט זיך אויסגעשפּרייט ביי אונז. „ורחמיו על כל מעשיו״. מיר זענען געוואָרן פאַרפליכטעט צו העלפן אויך אַ נישט־ייד, ווען ער נויטיקט זיך אין הילף, אָן שום פּאָליטישער אויסרעכענונג, נאָר ווייל יעדער מענטש איז גאָטס באַשעפעניש, און אַזוי האָט זיך געצויגן דער פאָדעם און זיך פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער עקזיסטענץ, אַז מיר טאָרן נישט שעדיקן בלויז קיין בעל־חי, ווייל עס איז „צער בעלי־חיים״, נאָר איבערהויפּט טאָר מען נישט שעדיקן קיין שום זאַך, וואָס השי״ת האָט באַשאַפן אויף דער וועלט, אַז נישט, איז מען עובר אויף בעל־תשחית. אויסער זאַכן, וועלכע ברענגען שאָדן דעם ווילשטאַנד פון דער וועלט אָדער רוצחים א.א.וו.

אַפילו בעת מלחמת־מצווה, איינגעמען ארץ־ישראל און דאָס פאַרניכטן די געצנדינער, איז דאָ אַ באַוואָרעניש, אַז מען דאַרף זיך ווענדן צו די פעלקער מיט אַ רוף פון שלום, און אויב זיי זענען גרייט פאַר שלום, איז שלום פריער ווי מלחמה, אַפילו ווי די פאַרניכטונג פון געצנדינער א.א.וו.

אַזוי איז געגאַנגען די יידישע סאָלידאַריטעט פון דער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר יעדן ייד און די פליכט אים צו העלפן ביז דער סאָלידאַריטעט און הילף פאַר אַלע מענטשן און דער גאַנצער בריאה.

ב.

מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן אין דער יידישער וועלט. אָנשטאָט יידישער און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט האָט מען אָנגעהויבן זוכן מענטשלעכע קלאַסן־סאָלידאַריטעט.

קודם־כל האָט מען געבראָכן די אחדות ביי יידן: זיי איינגעטיילט אויף גוטע און שלעכטע יידן. די, וועלכע האָבן אייראָפּעאישע בילדונג און די פון אונטער דעם אויוון־יידן. די ערשטע וואָלטן געקענט זיין גליקלעך, ווען נישט די „זשידלאַקעס מיט בערד און פיאות און זייערע קאַפּאָטעס" א.א.וו. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו טיילן די גויים: גוטע און שלעכטע. ליבעראַלן און רעאַק־ציאָנערן. דערנאָך איז מען געגאַנגען נאָך אַ שריט ווייטער: איינגעטיילט די יידן אין קלאַסן: אַרבעטנדיקע יידן און יידן ספּעקולאַנטן און אויך די גויים האָט מען געטיילט אין צוויי קלאַסן: אַרבעטער און בורזשואַזיע.

אַזוי האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאָרמירט מכלומרשטע אַרבעטער־סאָלי־דאַריטעט אָנשטאָט יידישע סאָלידאַריטעט. במקום אחדות־ישראל—אחדות־פועלים.

מיט דער צייט איז געקומען דער ברוך אין דער יידישער איינהייט, אין דער יידישער סאָלידאַריטעט אין פאַרשידענע פאָרמען: אַסימילאַציע, פּראָלע־טאַריזאַציע, אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע, מערב און מזרח א.א.וו.

די דיפערענציאַציע האָט מיט דער צייט פאַרשטייט זיך אָנגענומען גע־פערלעכע פאָרמען פון שנאת־אחים, פון ברודער־פיינטשאַפט, פאַרטיי־מחלוקת. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט בלויז עס איז דאָ אַ שנאה צווישן איין פאַרטיי און דער צווייטער, נאָר מען הייבט שוין אָן פיינט האָבן ממש איין ייד דעם צווייטן.

— * —

דאָך, די אַלע זאַכן האָבן נישט געקענט אויסרייסן און אויסוואָרצלען אין גאַנצן דאָס „אחינו בני־ישראל" געפיל. אַמאָל האָט עס אָנגענומען פילאַנ־טראָפּישע פאָרמען און פיל מאָל נאַציאָנאַלע פאָרמען און אפשר גאָר דאָס געפיל פון זעלבסט־שוץ, זעלבסט־פאַרטיידיקונג. און די סיבה איז אַ פשוטע, די איינ־הייט פונעם יידישן פאָלק איז אַ געטלעכע, פון וועלכער קיין ייד קאָן זיך נישט באַפרייען. אַ ייד קאָן נישט אויפהערן זיין אַ ייד. „אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". די אַלע סאָלידאַריטעטן, וועלכע האָבן געדאַרפט קומען במקום „אחינו בני ישראל", זענען געווען קינסטלעכע. די יידישע איינהייט איז געבליבן שטאַרק. אָפּגעשוואַכט פיל מאָל — אָבער נישט געבראָכן.

ג.

אָבער נישט בלויז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידישע איינהייט איז אומבאַזיגבאַר, אוממעגלעך צו צעברעכן (פאַרשטייט ז־ך. אַז עס טרעפן זיך

אויסנאַמען), נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע אַנדערע סאָלידאַריטעטן, וועלכע האָבן מכלומרשט געדאַרפט ירשנען די „אחינו בני ישראל״ סאָלידאַרי־טעט — האָבן פולקאָם באַנקראָטירט.

אַמבולטסטן זעט זיך דאָס אַרויס ווען מען קומט צום ערשטן מאַי.

דער ערשטער מאַי האָט געדאַרפט זיין דער סימבאָלישער טאָג פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, פון אַרבעטער־פאַראייניקונג, „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״. נישט „מענטשן פון אַלע לענדער זאָלן זיין פאַר־אייניקט״, נאָר אַרבעטער. ווייל אַמאָל איז דער אַרבעטער געווען אונטערדריקט און עס האָט זיך גענויטיקט די פאַראייניקונג פון אַלע אַרבעטער, בכדי צו פאַרטיידיקן זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן. און עס איז אין דעם גאָר קיין שלעכטס נישטאָ. להבדיל, אַפילו אין דער יידישער הלכה איז דאָ אַ דין „הפועלים רשאין להסיע על קיצתן״. די אַרבעטער קאָנען זיך אָרגאַניזירן צו באַשטימען אייניהייטלעכע פרייזן.

מיט דער צייט זענען די אַרבעטער געוואָרן אויך פּאָליטישע פאַקטאָרן אין דער וועלט. פירער פון מלכות, פון קאָנטינענטן, און וואָס מיר יידן האָבן פון דעם נהנה געווען — ווייסן מיר דאָך אַלע.

נישט די אַרבעטער־רעגירונגען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן אונז געוואָלט העלפן אויפבויען אַפילו אַן אַרבעטנדן ישראל. נישט די אַרבעטער רעגירונגען אין דער היטלער־צייט און נישט די אַרבעטער אין פאַרשידענע לענדער האָבן געהאָלפן יידישע אַרבעטער אין זייער קאַמף קעגן היטלערן, קעגן די געטאָס, קעגן די גאַז־לאַגערן, און אוודאי און אוודאי האָבן זיי נישט געפונען פאַר זייער פליכט צו העלפן יידן בכלל. זיי האָבן זיך געפירט ווי אַלע גוטע און שלעכטע גוים. און צום פונקט פון ארץ־ישראל האָבן מיר געליטן פון די אַרבעטער־רעגירונגען אין ענגלאַנד און אין סאָוויעט־רוסלאנד, טראָץ דעם, וואָס מדינת־ישראל איז אַן „אַרבעטנדע מדינה״, לכל הדעות מער ווי אינדיע.

אוודאי זענען שטענדיק געווען אויסנאַמען. אויסנאַמען זענען געווען נישט בלויז ביי אַרבעטער. אויך ביי סתם נישט יידן.

אָבער די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט האָט נישט אויסגעהאַלטן.

און אין מדינת־ישראל זענען מיר דאָך עדות ווי שטאַרק עס איז די אהבת־פועלים. איך רעד שוין נישט וועגן עין־חרוד א.א.וו., נאָר לייענענדיק יעדן טאָג כמעט די פּרעסע, ווי אַרבעטער באַקלאָגן זיך אויף דיסקרימינאַציע דורך אַנדערע אַרבעטער, זעען מיר, ווי מיר האַלטן מיט דער אהבת־פועלים.

און דער מוסר־השכל: אַרבעטער דאַרפן זיין פאַראייניקט און אָרגאַני־זירט, בכדי צוזאמען צו פאַרטיידיקן זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן. אָבער דאָס אויסטוישן מיט אהבת־ישראל — ניין.

אונזער סאָלידאַריטעט מוז און וועט אייביק בלייבן: „אחינו בני ישראל״.

ווען הרב שלמה שליפער האָט געוויינט

באַר גאָט אין הימל ווייסט דעם אמת לאמיתה פון דעם פּרק הרב שלמה שליפער אין דער גרויסער טראַגישער פּרשה פון רוסישן יידנטום; באַר דער רבונו של עולם ווייסט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אינעם האַרץ און אין דער נשמה פון הרב שליפער. מיר, מענטשן, זענען נישט בכוח צו משפטן און אַרויסטראָגן אַן אורטייל אויף דעם קאַפּיטל. מיר, מענטשן, ווייסן, וואָס אונזערע אויגן זעען און די אויערן הערן. און נישט אַלעמאָל זעען אַלע דאָס זעלבע און נישט אַלעמאָל הערן אַלע דאָס זעלבע.

האָב איך נישט געזען און נישט געהערט הרב שליפער אין מאָסקווע. איך האָב באַר געהערט פון אַנדערע. און די אַנדערע זענען פול מיט טענות. טראָץ דעם, וואָס אויך זיי ווילן אַ סך זאַכן פאַרשטיין. זיי האַלטן אָבער, אַז הרב שליפער האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן העכער. זיי האָבן געוואָלט, אַז הרב שליפער זאָל זיך אַליין איבערשטייגן, און געבן אַ געשריי: שמע ישראל! וועלכער זאָל אויפציטערן נישט בלויז יידן, באַר אויך נישט־יידן; די אַנדערע טענהן: הרב שליפער האָט באמת געוואָלט אויפהאַלטן דעם לעצטן פונק פון יידישקייט און יידנטום אין רוסלאַנד. דאָך, טענהן זיי, האָט הרב שליפער נישט געדאַרפט באַצאָלן פאַר דעם אַזאַ טייערן פּרייז ווי זיין רוף קעגן ישראל בשעת דער סיני־אַקציע. ער האָט געדאַרפט, לויט זייער מיינונג, ווי שמשון הגבור, אַנטעמען די זיילן און אומוואַרפן דעם גאַנצן בנין מיט איין גרויסן געשריי: שמע ישראל! זיי גלויבן, אַז דערמיט וואָלט ער מער געהאָלפן דעם רוסישן יידנטום, עס זאָל קאָנעןביישטיין אַלע נסיונות. ער האָט געדאַרפט, לויט זייער מיינונג, מקדש השם זיין ברבים. און דאָס וואָלט געהאַט אַ פּיל גרעסערע ווירקונג כלפי־פנים וכלפי־חוץ ווי אָפּהיטן די שול אין מאָסקווע; ווי אָפּהיטן, אַז דאָס ליכטעלע פון יידישקייט אין רוסלאַנד זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן; ווי דרוקן אויפסניי דעם סידור און אָנהייבן לערנען יידן פון אויפסניי אלף־בית און שמע ישראל; ווי צוזאַמענקלויבן צוועלף פון דרייסיק יונגעלייט, גאַרנישט יונגע, אָנצוהויבן אויפסניי לערנען תורה.

אַזוי טענהן די, וועלכע האָבן געקענט און געזען הרב שליפער פון דער נאָענט. נאָך מער: זיי גייען אַפילו אַ סך ווייטער. זיי צווייפלען אין דעם „לשמה" פון זיינע גוטע מעשים.

קאָן איך זיך נישט מתווכח זיין מיט די אַלע און זייערע מיינונגען. וויל איך באַר אָבער זאָגן ווי איך האָב געזען הרב שליפער, ווי איך האָב אים געפילט, ווי ער האָט געוויינט אונטער פיר אויגן. ווי ער האָט געמאַכט וויינען עטלעכע מנינים יידן. ווען ער האָט מיט זיין דאַווענען צעבראָכן עטלעכע מנינים יידישע הערצער, וועלכע האָבן אויפגעציטערט, הערנדיק אים דאַווענען, נישט

קיין חזנות, ווי אַלע האָבן פאַרשטאַנען און אַרויסגעהערט פון דעם זיפץ די ווער־טער פון דעם גרויסן געשריי און די גרויסע טראַגעדיע פון רוסישן יידנטום, וועלכע שרייט און רייסט הימלען שווייגנדיק, וועלכע פאָדערט גערעכטיקייט און באַשולדיקט אַפילו, ווען מען מאַכט "הנותן־תשועה".

געווען איז דאָס סוף חודש חשון און תחילת כסלו תשי"ז אין די צייטן פון מבצע סיני, ווען הרב שלייפער איז געווען אין פּאַריז. אין די צען, פערצן טעג, אין וועלכע הרב שלייפער איז געווען אין פּאַריז, האָב איך זיך געטראָפן מיט אים ביחידות דריי מאָל בחדר לפנים מחדר, און עטלעכע מאָל בקהל־עם, און צוויי מאָל ביי אַ קליינעם ענגן קרייז.

פאַרשטייט זיך, אַז בשעת מען האָט גערעדט בציבור, האָט מען פון אונזער זייט, בדרך רמז געשטעלט פראַגן און הרב שלייפער האָט געענטפערט זיפצנדיק ברמז. אָבער אַלע פון אונז האָבן נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַ געמאַכטער זיפץ. מיר האָבן אַלע מיטגעזיפצט. פון זיינע רייד און רמזים האָט זיך אַרויסגעהערט דער טיפער ווייגעשריי פונעם גאַנצן רוסישן יידנטום, זיין בענקען צו ווערן באַפרייט און זיך פאַראייניקן מיטן כלל־ישראל, באַזונדערס מיט מדינת־ישראל.

דאָס געפיל און דעם איינדרוק האָבן געהאַט אַלע אַנוועזנדיקע. דאָס איז אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק. אָבער ווען הרב שלייפער האָט געדאַוונט מנחה פאַרן עמוד אין מלון „עדן" אין פּאַריז און ווען ער האָט געזאָגט „ולמלשינים אל תהי תקווה" — — — „וכל אויבי עמך מהרה יכרתון", „וכל הרשעה מהרה תעקר ותשבר ותגמר ותיכנע במהרה בימינו" האָט זיך אַרויסגעהערט פון דער טאָנאַציע זיינער אַזאַ טיפער ווײ־געשריי, אַז עס האָט אַלע אַרומגענומען אַ ציטער, אַ שוידער, טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון אונזער אַלעמענס אויגן. און ווען ער האָט געבעטן „ולירושלים עירך ברחמים תשוב" האָבן מיר פשוט נישט געהאַט מער קיין כוח. עס האָט אין די מינוטן געהערשט אַ טויט־שטיל־שווייגן.

ניין, דאָס זענען נישט געווען קיין געקינסטלטע זאַכן. מיר האָבן געפילט, ווי אנוסים אין שפּאַניע פון זייערע פאַרשלאָסענע, פינצטערע קעלערן האָבן געבעטן צום רבונו של עולם. אַ לאַנגע צייט נאָך מנחה זענען מיר אַלע געשטאַנען צוגעשמידט צו אונזערע פלעצער, נישט קאָנענדיק זיך רירן פון אָרט, נישט קאָנענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט.

מיר האָבן דאָן געזען און געפילט דעם הרב שלייפער ווי אַ גרויסן מענטש, וועלכער טראָגט אין זיך טיף די גרויסע טראַגעדיע פון רוסישן יידנטום, און פּרוווט אָפּצוהיטן דאָס רוסישע יידנטום און אים פּרוּוון ראַטעווען פון פולן אונטערגאַנג, פון פולן שמד, דורך נישט לאָזן פאַרלעשן דאָס לעצטע ליכטעלע פון דער מאָסקווער שול, דורך אַרייַנברענגען מוט און אויפמונטערונג דורך אַ סידור אפילו מיט א נותן־תשועה, מיט אַ תפילה פאַר שלום. האָבן דען נישט

הונדערטער יאָרן, גוטע, טרייע ערלעכע יידן, געזאָגט דעם „הנותן־תשועה״, ווייל דאדורך האָט מען ווי עס איז אויפגעהאַלטן יידן ? —

איך וויל זיך אָבער נישט באַגנוגענען בלויז מיט איינדרוקן. איך וויל מער דערציילן עטלעכע זאַכן פון די יחידים־געשפרעכן, וועלכע האָבן גע־דויערט שעהן־לאַנג.

אין אייגעם פון די געשפרעכן האָט הרב שלייפער געזאָגט: וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? „עס איז ביטער ווי גאַל. אויב חלילה גאָט וועט נישט העלפן עס זאָל געשען עפּעס אַ נס, האָב איך מורא, אַז מיר פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל יידן אין רוסלאַנד״.

ווען איך האָב אים געפרעגט צי יידן, באַזונדער די יוגנט, ווייסן און פילן זייער טראַגעדיע פון אונטערגאַנג — האָט ער מיר געענטפערט: מיט צען יאָר צוריק האָבן זיי נישט געפילט. האָט די יוגנט אונז פיינט געהאַט. האָבן מיר געציטערט פאַר דער יוגנט. היינט בענקט זיך די יוגנט צוריק. די יוגנט גיט היינט כוח אונז, די אַלטע, צו קאָנען ווייטער לעבן. פון זיי נעמען מיר התחזקות. מיר זעען, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. דאַמיט, האָט ער מיר דערקלערט, פאַר וואָס ער קלאַמערט זיך אַזוי אין דער מאָסקווער שול. ער האָט אין איר געזען די שארית הפליטה, דעם לעצטן אָנהאַלט, די קרנות־המזבח, אין וועלכע מען גע־פינט אַ פּלאַץ ווו צו אַנטלויפן, ווו זיך מתייחד צו זיין מיט זיך אַליין, אַפילו, האָט ער באַטאָנט, ווען מען דאַווענט נאָר תפילה בלחש.

און אַן אַנדער געשפרעך, ווען איך האָב אים געפרעגט: אפשר קומט איר אין מדינת־ישראל ? האָט ער זיך צעוויינט, און געהעשעט אין געוויין און זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. ווילנדיק און נישט־ווילנדיק האָט זיך מיטגעוויינט. מיר האָבן געמוזט איבעררייסן דאָס געשפרעך.

דאָס געוויין פון אַן אַלטן רב, אַ זיבעציק יאַריקער ייד, מיט אַ ווייסער באָרד, זענען נישט געווען קיין פאַלשע טרערן. עס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ און געוויינט. איך האָב פאַרלאָזט דאָס צימער, איבערלאָזנדיק אים אליין.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און ער האָט מיר געזאָגט: ווען עס וואָלט געווען אַן אורים־ותומים, ווען איך זאָל האָבן אַ רבין — אפשר וואָלט ער מיר געקענט העלפן. וואָס זאָל איך טאָן, האָט ער פאַרבראָכן די הענט: ראַטעווען זיך, און דאָרט שטעלן אין סכנה די שארית הפליטה, וועלכע טראָגט די לעצטע פונקן, וועלכע וועלן זיך נאָך אפשר צעפלאַ־קערן צו אַ הייס יידיש פייער, אָדער גיין צוריק צוזאַמען מיט אַלע יידן אין דער זעלבער סכנה? אפשר דאָך. אָט האָב איך געדריקט דעם סידור. הויב איך אָן אַ פּרווו פון לימוד התורה דורך אַ ישיבה. מיר פּרוון ווידער קומען אין באַרירונג מיטן כלל ישראל, אפשר וועט דאָך גאָט העלפן. האָט דאָך אונזער דור זוכה געווען צו זען נישט בלויז צרות, נאָר אויך ישועות ונחמות.

אונזערע רביס האָבן דאָן אונז ביז היינט געלערנט, האָט ער ווי זיך

פאַרענטפערט, אַז די רבנים טאָרן נישט פאַרלאָזן זייערע עדות בשעת הסכנה.

די געשפּרעכן זענען נישט געווען מן השפה מחוץ. יעדעס וואָרט איז געווען פול מיט ווייטיק, מיט שמערץ. עס האָט זיך פון זיי געפילט יסורים־געראַנגל.

דאָס איז געווען אין די גרויסע סיני־טעג. מען האָט געדאַרפט זען ווי ער האָט באַכגעפאָלגט און זיך פאַראינטערעסירט מיט יעדן פרט, ווי זיין פּנים האָט געשיינט פון יעדן נצחון, ווי ער איז געווען פול מיט ציטער און זאָרג, וואָס די ענגלענדער און פראַנצויזן איילן נישט צו זייער אינוואַזיע אין סועץ, ווי ער האָט אויפגעציטערט, ווען עס זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די רוסישע סטראַשונקעס — ווער עס האָט געזען הרב שלייפער אין יענע טעג, ווער עס האָט אים געהערט אין יענע טעג, האָט נאָר פאַר אים בלויז לימוד־זכות. דער האָט געפילט פאַר זיך אַ רב, אַן אַלטן רב, וועלכער טראָגט אין זיין האַרץ דעם גרויסן ווײ־געשריי, דעם גרויסן שמערץ פון דריי מיליאָן פאַרשקלאַפטע יידן.

פאַר איין זאַך האָט הרב שלייפער געציטערט: עס זאָל נישט אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה. אונטער געשלאָסענע טירן האָט ער געזאָגט: אויב חלילה עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה, האָב איך מורא פאַר דעם גורל פון די דריי מיליאָן יידן (אגב, ער האָט נישט געקענט אָנגעבן קיין ציפער, וויפיל יידן עס זענען דאָ אין רוסלאַנד), עס זאָל מיט זיי נישט געשען חלילה, וואָס עס איז געשען מיט די זעקס מיליאָן יידן דורך היטלערן.

— * —

ווען הרב שלייפער האָט געוויינט, ווען הרב שלייפער האָט בשעת מנחה אונז אַלע געברענגט צו טרערן, האָב איך געפילט ווי אַלץ וויינט מיט אים מיט.

ווען הרב שלייפער האָט געוויינט, האָבן דריי מיליאָן יידן מיט אים מיטגעוויינט.

ת. נ. צ. ב. ה.

נישט פאַר הונגער

„לא יבוזו לגנב כי יגנוב, למלא נפשו, כי ירעב"

(משלי, פרק ו׳, פסוק ל׳)

דעם, וואָס גנבעט ברויט, ווייל ער איז הונגעריק, באַשטראָפט מען. אָבער מען קאָן אים נישט אַזוי פיל פאַראַכטן. מען מוז אויף אים רחמנות האָבן. און אפשר איז די געזעלשאַפט אַ מיט־שותף צו דער גניבה, ווייל זי האָט נישט געפונען דעם וועג, אַז דער מענטש זאָל נישט דאַרפן הונגערן; ווען אַ מענטש גנבעט אויס נויט, זעט מען דעם מענטש נישט אַלס פאַרדאַרבענעם, וועלכער וויל נישט היטן דעם „לא תגנוב" פון די עשרת־הדברות. מען זעט דעם מענטש אַלס אומגליקלעכן, וועמען עס האָט געטראָפן אַן אומגליק. צוליב הונגער האָט ער עובר געווען אויף א לאוו פון די עשרת הדברות. מען זעט אים נישט אַלס געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. ער איז נישט אימשטאַנד צו דערשיטערן די יסודות פון דער געזעלשאַפט. פאַרקערט: אין אַ געוויסן זין רופט אַזאַ פאַל אַרויס, יעדנפאַלס דאַרף ער אַרויסרופן, תשובה געפילן ביי דער געזעלשאַפט, אַז זי האָט נישט אויסגעמיטן, אַז אַ מענטש זאָל זיין געצוווּנגען גנבענען צוליב הונגער.

אַנדערש איז אָבער, ווען גנבענען ווערט אַ זאַך פון „קונסט" (היינט ווערן מערסטנס פאַרברעכנס און שונד פאַרוואַנדלט אין „קונסט"), פון ספּאָרט, פון כּתב אַזוי „צו פאַרווײַלן" זיך פון פוסטקייט — דאַן איז אוודאי די געזעל־שאפט שולדיק, וועלכע האָט נישט געפונען דעם וועג צו געבן די מענטשן, אַן אינהאַלט אין לעבן במקום די פוסטקייט. אַזעלכע גנבים דאַרף מען אוודאי שטרענג באַשטראָפן. אָבער די גרעסטע שטראָף קומט דער געזעלשאַפט אַליין. אויף אַזעלכע גנבים טאָר מען נישט רחמנות האָבן, זיי האָבן נישט עובר געווען אויף „לא תגנוב" אויס הונגער, אויס נויט — אָבער עס איז דער גרעסטער רחמנות אויף אַ מענטש, אויף וועלכן מען טאָר שוין נישט קיין רחמנות האָבן. די הויפּט־שטראָף אָן רחמנות קומט אָבער דער געזעלשאַפט. זי איז די הויפט שולדיקע און זי באַקומט טאַקע איר שטראָף פון זיך אַליין.

איז דען פאַראַן אַ גרעסערע שטראָף פאַר דער געזעלשאַפט, אירע גייסטיקע פירער, דערציער, ווי אַז לערנענדיקע יוגנט פון די הויכע קלאַסן אין די מיטל־שולן ווערן גנבים?! דאַרף מען נאָך אַ גרעסערע שטראָף?! קאָן עמיצער אויסגעפינען אַ האַרבערע שטראָף ווי די, אַז תלמידים, שטודירנדע, גוט לערנענ־דיקע, נישט הונגעריקע, ווערן גנבים אויס „קונסט", אויס „ספּאָרט"?! וועלכע פילן גאָרנישט, אַז זיי באַגייען דאַדורך איינס פון די גרעסטע וועלט־פאַרברעכנס עובר זייענדיק אויף איינעם פון די עשרת־הדברות, דעם „לא תגנוב"?!

דאָס איז די גרעסטע שטראָף. די פראַגע איז אָבער: צי די געזעלשאַפט וועט עפּעס לערנען דערפון?

ווי עס איז געווען אין דער פרעסע, האָט מען די „קונסט"־גנבים אײַבערגעגעבן אַ פּסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג. די פראַגע איז אָבער: וועמען דאַרף מען שטעלן אונטער אַ פּסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג, די גנבים אָדער די גײַסטיקע פירער און דערציער אין דער מדינה.

„מה יעשה הבן ולא יחטא" — מען האָט שוין אַמאָל אין גאָר אַלטע צײַטן געפרעגט די פראַגע: וואָס זאָל דער זון טאָן, אויב נישט זינדיקן?!

ווען די איינציקע זאַך, וואָס מען לערנט די יוגנט עפּעס פּאָזיטיוועס איז: ליב האָבן דאָס לאַנד, זיך מוסר נפש זײַן פאַר מדינת־ישראל. ווײַטער, לערנט מען זי, איז אַלץ „פּוסטע מעשיות". ממילא, ווערט מיט דער צײַט די „ליבע" צו מדינת־ישראל פאַרוואַנדלט בלויז אין אַ „לעבנס־פראַגע", ווײַל אויב נישט, וועלן די אַראַבער אונז פאַרניכטן, אונז פאַרטיליקן. זייער ווייניק געפינט מען אין דער אויפקלערונג, אַז מדינת־ישראל איז עפּעס העכערס ווי פאַרזיכערן די פיזישע עקזיסטענץ. דאַריבער, זעען מיר נאָך די דערשײַנונג, אַז מען איז זיך מוסר נפש פאַר דעם אייגענעם לעבן, פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ, פּונקט ווי בײַ אַלע גויים. טראָץ דעם, וואָס יידן מאמינים גלויבן, אַז אין דער מסירות נפש שטעקט אַ גרויס שטיק אמונה. אָבער די דערציער, יעדנפאַלס די גרויסע מערהייט, לערנען די יוגנט זיך מוסר נפש זײַן פאַר מדינת־ישראל „באין־ברירה", נישט ווײַל מדינת־ישראל האָט אין זיך קדושה, ווײַל יידן אין מדינת־ישראל טראָגן מיט זיך עפּעס אַן אַלט־נײַעם אידעאַל, וועלכן מען דאַרף פאַרווירקלעכן.

אמת, מען מאַכט כנוסים וועגן תנ"ך. אָבער נישט וועגן אינהאַלט פון תנ"ך, וועגן וואָס עס פאַרפליכטעט אונז דער תנ"ך אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. תנ"ך, נישט אַלס דער קודש־הקדשים פון דער גאַנצער בריאה, פאַרן לעבן פון מענטשן אַלס וועג־ווײַזער, נאָר תנ"ך, ווי עפּעס אַן אַלטע זאַך, וועלכע געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און אין וועלכע „חובבים" גריבלען זיך.

מען פאַרוואַנדלט דעם תנ"ך אין אַ בוך, אין ליטעראַטור, אין קונסט און אין וואָס איר ווילט און ווילט נישט, אָבער דער תנ"ך אַלס „תורה צווה לנו משה", דאָס פּלאַנצט מען נישט אײַן אין דער יוגנט. און אָט זענען די רעזולטאַטן.

אויב עס איז גאָרנישט דאָ קיין הייליקייט, אויב אַלץ איז פּוסטע מעשיות, אויב הייליק און גוט איז וואָס מיר איז באַקוועם — פאַרוואָס נישט אַוועקוואַרפן אַלע לאָ'ס פון די עשרת הדברות?!

די יוגנט לאָזט זיך נישט נאַרן, ווײַל נישט וויסן פון קיין סענטימענטן, ווײַל נישט נאַרן זיך און אַנדערע: אויב אַלץ איז הפקר, איז אַ הפקר־לעבן. לערנען, קענען, דאָס דאַרף מען, דאָס מוז מען צוליב פּרנסה, צוליב עקזיסטענץ — אָבער ווײַטער, ווײַטער לאַכט מען זיך אויס, ווײַל אַזוי האָט מען אים געלערנט. מען האָט פון דער יוגנט אַרויסגעשניטן די נשמה, איז די יוגנט געבליבן גולמ'ס, וועלכע פּראָווען „קונסט" בײַ גנבענען א.א.וו.

מען זאָגט: וואָס איז דער טומל: „פּונקט ווי ביי אַלע גויים״! האָט עס טאַקע אַזאַ פּנים. האָבן מיר דאָך טויזנטער יאָרן געליטן אַלס יידן, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט אָט דאָס פּוסטע גויישע לעבן. גנבים, מערדער און נאָך פאַרשידענע „קונסט״־דערשייבונגען אין גויישן לעבן האָבן דערפירט צו גאַז־קאַמערן.

קאָן מען זיך אַפּשפּאָטן פון פרומע יידן וויפיל מען וויל, נאָר אויב מען קאָן נעמען אַ מענטש אַפילו נאָכן טויט און אים צעשניידן אויף שטיקלעך און מאַכן פון אים אַ תל, עס זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן, מוז די יוגנט קוקן אויף דעם מענטש, נישט ווי אויף דעם קודש־הקדשים, נאָר ווי אויף אַ חיה, אַ חיה, וועלכע מען מעג באַגנבענען, באַגזלען, רצחנען א.א.וו. מיט איין וואָרט: זיך פירן ווי אַ חיה צווישן חיות. וואָס איז דען אַן אונטערשיד: אַ חיה אויף צוויי פיס, צי אַ חיה אויף פיר פיס. פון דאַנען א חיה׳ש לעבן.

טוט מען אויס די קדושה פונעם לעבן, וויל מען אַוועקיאָגן די שכינה פון מדינת־ישראל, פון דער דערציאונג, וויל מען אַלץ פאַרוואַנדלען אין אַרכע־אַלאָגישע אויסגראָבונגען — לעבט מען ממילא נאָר צווישן קברים, דרייט מען זיך אַרום צווישן טויטע. און טויטע זענען פּטור פון מצוות. אפילו פון „לא תגנוב״. —

די פּוסטקייט, אין וועלכער מען דערציט די יוגנט, די איינרעדעניש, אַז דער מענטש, פון איין זייט, איז דער כול־יכול און פון דער צווייטער זייט, אַז דער מענטש איז נישט מער ווי אַ חיה — דאָס האָט געברענגט צו די רעזולטאַטן, אַז יוגנט, גוטע יוגנט, האָט מען פאַרדאָרבן בידיים, מיט די אייגענע הענט.

— * —

עס איז נאָך נישט שפּעט. דאָ און דאָרט פילט זיך אַ חרטה שטימונג, אַ זוכעניש אויף צוריק, תשובה. מען זעט, אַז מען איז צו ווייט פאַרקראָכן. די דערשיינונג פון די תלמידים־גנבים איז נישט קיין זאַך פון פּסיכאָלאָגישער אונ־טערזוכונג פון די תלמידים. די דערשיינונג דאַרף דערשיטערן אַלע פונדאַמענטן פון אונזער לעבנס־וועג. די לערער, די דערציער, די גייסטיקע פירער דאַרפן זיך פאַרטראַכטן: בני יצאנו ואינם! די קינדער זענען אַרויס פון דער קדושה, פון אמונה, פון דער תורה און זיי זענען מער נישט די „זרע ברך ד״, גאָטס געבענטשטע קינדער. דאָס זענען געוואָרן קינדער ווי אַלע קינדער פון דער היינ־טיקער היהשער וועלט.

פאַר יידן מאמינים איז אמונה — אמת. אָבער גנבים־דערשיינונגען זענען אַ רעזולטאַט פון נישט גלויבן.

אי, וועט מען פרעגן: און צווישן פרומע טרעפן זיך נישט אַזעלכע זאַכן? עס טרעפט אויך. הלוואי עס זאָל זיך נישט טרעפן. אין דער פּוסטער אַטמאָספערע, אין דער אַטמאָספערע, אַז אַלץ מעג מען, אַז אַלץ איז כשר, אַז עס גיבט גאָרנישט קיין עבירות אויסער די, וועלכע הונדערט און צוואַנציק כנסת־חברים באַשליסן

הייגט, אַז דאָס זענען עבירות, וועלכע קאָנען מאָרגן ווערן מצוות — איז נישט קיין וונדער, אַז אויך גוטע ווערן קאַליע.

דאָס איז טאַקע די טענה: אויך די תלמידים, וועלכע זענען געוואָרן גנבים, זענען גוט. נאָר די לערער, די דערציער, די גייסטיקע פירער, די גאַנצע אַטמאָספערע פון פּוסטקייט, פון עס עקזיסטירט גאָרנישט, פון „אויס נעכטן און נישטאָ קיין מאָרגן", די אַטמאָספערע פאַרדאָרבט אויך גוטע. אין סדום קאָן מען נישט געפינען קיין צדיקים, אין סדום קאָן מען נישט זיין קיין צדיק. —

— * —

די תלמידים־גנבים זעצן אַוועק זייערע מלמדים, זייערע רבים, זייערע גייסטיקע פירער אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און פאָדערן פון זיי דין און משפט: וואָס האָט איר פון אונז געמאַכט, וואָס האָט איר אונז געלערנט. איר מיט אייער תורה, אַז „הכל הבל", — האָט דאָך אונז געמאַכט פאַר גנבים.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצן נישט די תלמידים־גנבים, נישט זיי דאַרפן אַ פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונג — נאָר די לערער, די דערציער.

עס זענען דאָ צוויי וועגן: אָדער דער וועג פון „כי אין יראת אלוקים במקום הזה", איז דער רעזולטאַט — „והרגוני", אָדער „אין זה כי אם בית אלוקים" דאַן איז „מה טובה אהליך יעקב".

אויף די צוויי אַלטערנאַטיוועס דאַרף קומען דער ענטפער פון די דער־ציער נאָך דעם ווי מען זעט דעם רעזולטאַט פון דער חיהשער־תורה. מען דאַרף צוריק געבן דעם מענטש דעם צלם־אלוקים, וועלכן מען וויל פון אים אַראָפּרייסן.

די געזעלשאַפט אין מדינת־ישראל, איר לעבנס־וועג, איר פילאָזאָפיע, איר דערציאונגס־מעטאָדע — דאָס אַלץ שטייט צום משפט. מען מוז צוריק גיין צו די אַלט־נייע וועגן פון תורה צווה לנו משה. —

ווי אַזוי ווערט אַ נישט-ייד — אַ ייד ?

ווי אזוי ווערט אַ נישט־ייד אַ ייד? דאָס איז די פראַגע, וועלכע איז גע־שטעלט געוואָרן מיטן באַשלוס פון דער ישראל־רעגירונג צו פאַרשרייבן אַלס יידן גויים, וועלכע דערקלערן זיך אַלס יידן און גיבן צו, אַז זיי געהערן נישט צו קיין אַנדערער רעליגיע, ווי אויך צו רעגיסטרירן קינדער פון קריסטלעכע מאַמעס אַלס יידן, אויב די עלטערן פאָדערן עס. די פראַגע שטייט נישט „ווער עס איז אַ ייד"? ווער עס איז אַ ייד — ווייסט יעדער ייד. אַ ייד איז דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי אַ יידישער מאַמע. די פראַגע, ארום וועלכער עס פירט זיך אַ פאַרביטערטער וויכוח און וועלכער דראָט צו שפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק נישט בלויז אין מדינת־ישראל, איז: ווי אַזוי קאָן אַ נישט־ייד ווערן אַ ייד?

דעם אמת געזאָגט: וואָלט נישט געווען קיין טענדענץ פּוגע צו זיין בכוונה אין יידישן דת און טרעפן דאָס רעליגיעזע יידנטום — וואָלט די פראַגע גאָרנישט געדאַרפט געשטעלט ווערן. די מדינה קומט דאָך נישט צוצוקלעבן קיינעם פון אירע איינוווינער אַ יידישן שטעמפּל און מאַכן אים פאַר אַ ייד. די מדינה איז טאַקע אַ מדינה, וועלכע איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן פון יידן פאַר יידן, אָבער זי טרייבט נישט אַרויס פונעם לאַנד די נישט־יידן, וועלכע וווינען דאָ, זי דערלויבט אויך אין געוויסע פאַלן נישט־יידן צו קומען אין לאַנד. מיט דעם אָבער, וואָס נישט־יידן וווינען דאָ אין לאַנד, ווערן זיי נאָך נישט פאַר־וואַנדלט אין יידן. מדינת־ישראל פאַרוואַנדלט אירע איינוווינער, וועלכע זענען בירגער — אין ישראלים, אָבער נישט אין יידן. פּונקט אַזוי ווי די דרוזן, אַראַבער ווערן נישט פאַרוואַנדלט אין יידן טראָץ דעם, וואָס זיי זענען דאָ, זענען דאָ גע־בוירן, רעדן העברעאיש, שיקן זייערע קינדער אין די העברעאישע שולן און טראָץ דעם, וואָס די דרוזן, למשל, דינען אין צה"ל און קעמפן צוזאַמען מיט יידישע זעלנער. דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט זיי אין ישראלים אָבער נישט אין יידן.

פּונקט אַזוי ווי די יידן, וועלכע וווינען נישט אין מדינת־ישראל, קאָנען נישט קיין העברעאיש, העלפן נישט מדינת־ישראל — זענען דאָך יידן. ווייל דאָס זיין אַ ייד איז אבסאָלוט נישט געבונדן מיט וווינען און לעבן אין מדינת־ישראל. נישט דאָס לעבן אין מדינת־ישראל מאַכט עמעצן פאַר א יידן, פּונקט אַזוי ווי דאָס לעבן אויסער די גרענעצן פון מדינת־ישראל מאַכט נישט קיין שום ייד פאַר אויס ייד.

דער פּונקט דאַרף אַלזאָ קלאָר ווערן: מדינת־ישראל מאַכט אירע איינוווי־נער־בירגער פאַר ישראלים, אָבער נישט פאַר יידן.

ווען מען זאָל אָננעמען די פאָרמולע, אַז מדינת־ישראל מאַכט אירע איינוווינער־בירגער פאַר יידן, וואָלט אויסגעקומען דער לעכערלעכער רעזולטאַט, אַז דער, וואָס וווינט אויסער די גרענעצן פון ישראל, איז נישט קיין ייד.

אַ צווייטער פּונקט, וועלכער דאַרף קלאָר ווערן: זיין אַ ייד איז נישט פאַרבונדן און האָט נישט קיין שום שייכות מיט וווינען אין ארץ־ישראל בכלל און נישט מיט מדינת־ישראל בפרט.

ממילא: אויב מדינת־ישראל מאַכט נישט אירע איינוווינער־בירגער פאַר יידן, ליגט עס אַלזאָ נישט אין איר האַנט צו באַשטימען, ווער עס איז אַ ייד, און ווער עס געהערט צום יידישן פאָלק. אין דער הינזיכט האָט מדינת־ישראל נישט קיין שום רעכט און קיין שום פּריווילעגיעס. און פּונקט אַזוי ווי קיין שום יידישע קהילה אָדער יידישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט קיין רעכט און קיין פול־מאַכט צו באַשטימען ווער עס איז אַ ייד, אַזוי האָט אויך נישט מדינת־ישראל אָט די רעכט.

די עקסקלוזיווע רעכט פון מדינת־ישראל איז נאָר צו באַשטימען ווער עס איז א ישראלי.

ווער עס איז אַ ייד איז באַשטימט געוואָרן משׁשת ימי בראשית, ווען דאָס יידישע פאָלק איז אויף דער וועלט געקומען און איז געוואָרן אַ פאָלק ביים מעמד הר־סיני. פון דאַן אָן איז אַ ייד דער יעניקער, ווער עס איז געבוירן ביי אַ יידישע מאַמע.

— * —

און דעריבער: אַ ייד, וועלכער איז געבוירן ביי אַ יידישע מאַמע, לעבט אין אַמעריקע, קאָן נישט קיין העברעאיש אָדער יידיש, איז אַ גוטער געטרייער אַמעריקאַנער בירגער, דינט אין איר אַרמיי, העלפט נישט מדינת־ישראל, און ווירקט אַפילו קעגן מדינת־ישראל — איז דאָך אַ ייד. דאָס פּינטעלע ייד, וועלכער ער האָט געירשנט פון דער יידישער מאַמע, האָט אים געמאַכט פאַר אַ ייד און האַלט אים אַלס ייד לעולם־ועד. אַפילו ווען ער איז אַ שלעכטער ייד — דאָך איז ער אַ ייד.

אַ ייד בלייבט און איז אַ ייד, אויך ווען ער פירט זיך נישט אין לעבן לויט דער יידישער תורה. ער איז דאַן אַ שלעכטער ייד, אַ ייד אַ עובר־עבירה, אָבער ער איז אַ ייד. און דער גאַנצער וויכוח מיט רעליגיעזע יידן וועגן פרומ־קייט איז נישט אויפן פּלאַץ. נישט־פרומע יידן, קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרמירטע — אַלע, אַלע זענען זיי יידן אין די אויגן פון רעליגיעזן יידן. פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן זיי נישט מאַכן פאַר רבנים, זיי זאָלן פסקענען שאלות, ווייל דער, וואָס גייט פרעגן אַ שאלה וויל וויסן דעם ענטפער פון שולחן־ערוך, און דער וואָס וויל נישט וויסן פון שולחן־ערוך, דער קומט נישט פרעגן קיין שאלות אַפילו ביי די רעפאָרם־ראַביים. זיי האָבן זיך יעדער איינער זייער אייגענעם שלחן־ערוך. פאַרקערט: דער אמת איז, אַז די ראַביים פסקענען לויט דעם שלחן־ערוך פון זייערע בעלי־בתים — — —

דעריבער איז אויך קלאָר, אַז די ראַביים, וועלכע פסקענען לויט דעם שלחן־ערוך פון זייערע בעלי־בתים, קאָנען נישט זיין קיין פוסקים וועגן יידישקייט.

און זאָל מען זיך נישט מאַכן תמעוואַטע, אַז אויך צווישן פרומע יידן

און צווישן רבנים זענען פאַראַן חילוקי־דעות. אוודאי זענען פאַראַן חילוקי־דעות, אָבער אַלע שטייען אויפן יסוד פון אמונה און תורה מסיני, תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה, און אין אָט די ראַמען קאָנען זיין חלוקי־דעות, וועלכע ווערן באַשלאָסן ווי מען זאָל זיך פירן למעשה לויטן רוב, לויט דער מערהייט.

פרעגט מען: היתכן? אַ משומד, זאָגט איר, איז אַ ייד, און אַ גוי, וועל־כער דערקלערט זיך אַלס ייד, וווינט אין לאַנד, לערנט העברעאיש, דינט אין צה״ל איז נישט קיין ייד?! אוודאי און אוודאי! אַלס בירגער פונעם לאַנד, וועלכער האָט אַלע רעכט, (און דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט זיין יידישקייט) איז ער פאַרפליכטעט צו לערנען העברעאיש, צו דינען אין צה״ל א.א.וו. אָבער, וואָס אַ שייכות האָט דאָס מיט דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק... דאָס דינען אין צה״ל, לערנען העברעאיש א.א.וו. זענען נישט קיין סימן־היכר נישט פאַרן יידישן פאָלק אַלס גאַנצעס און נישט פאַר קיין שום ייד, וועלכער איז לכל הדעות אַ ייד.

אַ משומד איז אַ ייד, וואָס האָט אָנגענומען אַ פרעמדן גלויבן, איז ער אַ פאַרעטער, אַ בוגד אין זיין פאָלק, אין זיין גלויבן, אין זיין תורה. אָבער ער הערט דערמיט נישט אויף צו זיין אַ זון פון יידישן פאָלק. ווען ער האָט אָבער מיט דער צייט חתונה מיט אַ נישט־יידן, הערן זיינע קינדער אָדער קינדס־קינדער אויף צו זיין יידן. זיי פאַלן אָפּ פונעם יידישן פאָלק. געמישטע הייראַטן מיט נישט־יידישע פרויען שניידן אונטער דעם צווייג, דעם בוים פון יידישן פאָלק.

לויט דער וועלטלעכער אויפפאַסונג קומט אויס, אַז אַפילו אַ גוי מבטן ומלידה, אַפילו ווען ער געהערט צו אַן אַנדער גלויבן, קאָן זיין אַ ייד נאָר אין זכות פון זיין וווינען אין ישראל און ווען ער דערקלערט, אַז ער איז אַ ייד. אמת, פאַרלויפיק איז די באַשטימונג פון דער רעגירונג, אַז דער, וואָס דער־קלערט „בתום־לב״ (אפשר ווייסט איר וואָס דאָס איז?), אַז ער איז אַ ייד, און איז מוסיף, אַז ער געהערט נישט צו קיין אַנדער גלויבן. אָבער די וועלטלעכע אויפפאַסונג גייט אַ סך ווייטער, און אהרן מגיד אויף דער שרייבער־קאָנפערענץ האָט געטענהט, אַז מען קען זיין אַ ייד אויך פון קאַטוילישן גלויבן א.א.וו. און עס איז נישט וויכטיק, וואָס עס איז דער באַשלוס פון דער רעגירונג. וויכטיק איז די אויפפאַסונג. און די אויפפאַסונג איז אַ וועלטלעכע, פון וועלכער מגיד ציט די קאָנסעקווענצן און מאָרגן וועט די רעגירונג ציען די זעלבע קאָנסעקווענצן.

— * —

די פראַגע, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבן אַרום דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, ווי אַזוי צו פאַרשרייבן גויים אַלס יידן, איז אַלזאָ פּשוט: ווער איז אַ ייד? דאָס איז קלאָר: ווער עס איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד ביי אַ יידישער מאַמע. די פראַגע איז ווי אַזוי קאָן אַ נישט־ייד ווערן אַ ייד. און דאָ ליגט די לעַ־כערלעכקייט פון דעם רעגירונגס־באַשלוס. ז.ה. די רעגירונג, איז נישט באַרופן דאָס צו באַשליסן. ווער עס איז אַ ייד איז שוין לאַנג באַשלאָסן און באַשטימט געוואָרן אין תורת־משה, תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה.

אַ גוי, וואָס וויל ווערן אַ ייד, דאַרף זיך מגייר זיין כדת משה וישראל.

אָבער דאָס איז נישט קיין ענין פאַר דער מדינה. דאָס איז אַן ענין פאַר דער יידישער הלכה, פאַר דער רבנות. די מדינה קאָן נאָר באַשטימען ווער איז אַ ישראלי. נישט מער.

— * —

אוודאי איז דאָ א סך אמת אין דער פאָרמולע „א ייד איז דער, זער עס האַלט זיך אַליין און וועמען גויים האַלטן פאַר אַ „יידן״. אָבער צו וואָס זיך נאַרן! די גויים, וועלכע מען וויל פאַרשרייבן, אָדער זיי ווילן זיך פאַרשרייבן אַלס יידן — האַלטן זיך אַלס יידן? דער גאַנצער ענין פון „בתום לב״ און „נישט אַנגעהעריקייט צו אַן אַנדערער רעליגיע״ איז דאָך נישט מער ווי אַ פיקציע, צו נאַרן זיך און אַנדערע — —

אמת, ווער עס האַלט זיך פאַר אַ ייד, איז אַ ייד, אָבער מען דאַרף מוסיף זיין, אַז אַ ייד האַלט זיך פאַר אַ ייד. נאָך מער: אַ ייד אַפילו, ווען ער האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד, הערט ער נישט אויף צו זיין אַ ייד. אַ גוי, אפילו, ווען ער האַלט זיך פאַר אַ ייד, אויב ער האָט זיך נישט מגייר געווען — איז נישט קיין ייד.

דאָס זעלבע איז אויך: אַ ייד דאַרף היטן תורה און מצוות, אָבער ער הערט נישט אויף צו זיין אַ ייד, אַפילו ווען ער היט נישט תורה און מצוות, כל זמן ער גייט נישט פאַרלוירן דורך געמישטע הייראַטן.

דאָס זעלבע אויך וועגן דער פאָרמולע: „וועמען גויים האַלטן פאַר יידן״. עס איז אַ געלונגענע פאָרמולע. אָבער למעשה האַלטן אַפילו די גויים פאַר יידן בלויז יידן. גויים, וועלכע האָבן זיך דערנעענטערט צו יידן, האָבן די גויים גע־רופן „יידישע פאַראָבקעס״, אָבער נישט קיין יידן.

דער סך־הכל: אַ ייד איז דער, וואָס איז געבוירן אַ ייד, ביי אַ יידי־שער מאַמע. אַ גוי קאָן ווערן אַ ייד, ווען ער איז זיך מגייר כדת משה וישראל.

רעזשים אָדער מענטש, פאָלק אָדער מדינה

א.

עס הערשט אַן אַנטוישונג אין לאַנד. עס זענען אַנטוישט יונג און אַלט, רייך און אָרעם, אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער, פרומע און נישט־פרומע. עס זענען אומצופרידן די פּאַרטייען און זייערע פירער. ווי איר שטייט און גייט הערט איר מורמלען. ווי דער שטייגער איז ביי אַ פאָלקאָמער אומצופרידנהייט, באַשולדיקן אַלע אַלעמען. יעדן דאַכט זיך, אַז דער צווייטער איז שולדיק. טיף אין האַרצן שטייען אַלע הילפלאָז און ווייסן דעם אמת, אַז זיי ווייסן נישט וואָס צו טאָן, וואָס איז די עצה, בכדי אַרויסצוגיין פון דער אומבאַהאָלפנקייט, פון דער אומצופרידנהייט, פון דער אַנטוישונג.

מען קאָן וואָגן און גיין אַ שריט ווייטער. אין אמתן ווייסט קיינער נישט, פאַרוואָס ער איז אומצופרידן, פון וואָס ער איז אַנטוישט, וואָס ער וויל בעצם. עס איז מער אַ געפיל־זאַך. מען פילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג, אַז אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין. אָבער וואָס איז נישט אין אָרדנונג, ווייסט קיינער נישט געניי צו זאָגן. דעריבער ווייסט אויך קיינער נישט די תרופה, דעם רעצעפּט צו דער לאַגע. ווייסט קיינער נישט דעם אויסוועג אויסער אַלגעמיינער פאַרבי־טערונג. אַלע קעגן אַלעמען.

אוודאי קאָן מען לייכט אָנווייזן, פון וואָס נישט צו זיין צופרידן. מענטשן האָבן נישט קיין אַרבעט. עס הערשט פּראָטעקציע. עס הערשט פּאַרטייאישקייט. פיל זאָגן אויך — קאָרופּציע. עס איז געפאַלן דער געזעלשאַפטלעכער, מאָראַלי־שער, יידישער און מענטשלעכער ניוואָ. מען רעכנט זיך נישט איינער מיט דעם צווייטן. דער כלל האָט פאַרגעסן דעם יחיד, און דער יחיד וויל נישט וויסן פונעם כלל. בקיצור: אַ גרויסער על־חטא. אָבער דער לאַנגער צעטל על־חטאס קאָן דאָך זייער שנעל קלענער ווערן, ווען יעדער זאָל זיך קלאַפּן על־חטא אויף זיין אייגן האַרץ און נישט אויף יענעמס האַרץ. זענען דאָך די על־חטאס נישט קיין פּריוואַט־אייגנטום פון וועלכער עס איז שיכט אָדער קלאַס אין דער מדינה, פון דער אָדער צווייטער פּאַרטיי. מיר ליגן דאָך אַלע צוזאַמען אין פּעקל, ווי מען זאָגט. די אַלע נישט געווונטשענע דערשיינונגען זענען דאָך ווי מען זאָגט הייַנט: „נאַציאָנאַליזירט", מלוכהש, דאַרף מען דאָך נישט האָבן קיין טענות איינער צום צווייטן, נאָר צו זיך זעלבסט. זאָל יעדער פאַר זיך זוכן דעם וועג צוריק גוט צו מאַכן און אַלץ וועט גוט ווערן.

דעם אמת געזאָגט: ווייסט יעדער איינער מנהיג פון יעדער פּאַרטיי, אַז ער איז נעבעך אַליין שולדיק. אָבער אַזוי איז שוין די מענטשלעכע נאַטור: תלה קלקלתו באחרים. ער וואַרפט זיין אייגענע שולד אויף דעם צווייטן, ווייל אַזוי איז לייכטער, גרינגער, מען איז פּטור פון אייגענער תשובה. מען וויל

נאָר, אַז דער צווייטער זאָל תשובה טאָן, דער צווייטער זאָל זיין גוט. אַמאָל אַפילו, בכדי ער זאָל קאָנען בלייבן אַליין אויפן מאַרק....

מען קאָן זיך אָבער נישט באַפרייען, אַז אָרום און אָרום איז שלעכט. אַנטוישונג אויף שריט און טריט. פאַרביטערונג און אומצופרידנקייט. און די פראַגע וואָס מאַטערט: ווי אַזוי איז עס געשען?

ב.

די אַלע פירער און פאַרטייען, די, וועלכע האָבן אַן אַ „חזית־חלוצית" און טראַץ אַלע פאַרשידענע און זיך באַקעמפנדיקע מיינונגען, דאָך אָרגאַניזירט די יוגנט און עלטערע און אויפגעבויט דאָס ארץ־ישראל מיט אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, ברוך השם, באַפרייט דאָס לאַנד פון מאַנדאַטאָרישן רעזשים, פון אַראַבישן טעראָר, געעפנט די טויערן פון לאַנד פאַר איבער דריי פערטל מיליאָן יידן, געפירט דעם באַפרייאונגס־קאַמף, באַזעצט וויסטענישן, אויסגעטריקנט בלאָטעס, זיך מוסר־נפש געווען איינער פאַרן צווייטן. — וואָס איז פּלוצלונג געשען? ווי אַזוי איז אַוועק מיטן ווינט דאָס אַלץ, דער גרויסער אידעאַליזם, חלוציזם, דווקא נאָכן אויפשטעלן פון דער מדינה?

אַט די פאַרטייען און זייערע פירער, וואָס זענען „שולדיק" אין אַלע אומגליקן, זענען דאָך די, וועלכע האָבן אַ חלק אין דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען אין אונזער דור.

„און דאָך זענען אַלע אומצופרידן, אַלע פילן, אַז עס קלאַפּט נישט. עפּעס איז קאַליע געוואָרן. מען פּרובירט צו זוכן דעם וועג. דער חסרון ווייזט אָבער צו זיין: וואָס יעדער זוכט דעם חסרון ביים צווייטן, און מען זוכט נישט צוזאמען דעם וועזנטלעכן חסרון פון דער לאַגע.

דער ציל פון די שורות איז נישט צו באַשולדיקן עמיצן, נאָר פּרווון אָנצווייזן אויף איין הויפּט־פּונקט, וואָס פאָדערט מען זאָל זיך וועגן אים פאַרטראַכטן, אפשר וועט ער קאָנען דינען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט צו זוכן די לייזונג.

ג.

מען מוז זיך אָבער פריער אָפּשטעלן אויף צוויי־דריי לייזונגען פון דעם פּראָבלעם, וועלכע ווערן פאָרגעשלאָגן פון עטלעכע זייטן.

1) מען שלאָגט פאָר צו ענדערן דעם וואַל־סיסטעם. זאָל מען אָננעמען, מען האָט שוין געענדערט דעם וואַל־סיסטעם. און אין לאַנד הערשט דער צוויי פאַרטייען־סיסטעם: מפא"י און ציונים כלליים. דאָס זענען דאָך די צוויי פאַרטייען, וועלכע פּרעטענדירן אויף איבערנעמען די מאַכט. זאָל מען אָננעמען, אַז מפא"י איז די אַליין הערשערין און די אַלגעמיינע ציוניסטן די אָפּאָזיציע פאַרטיי. וועט דאַן די גאַנצע יוגנט לויפן אין נגב, גליל א.א.וו. און מען וועט נישט מוזן זיך באַגנוגענען מיט דער באַנייטער עליה פון צפון־אַפריקע, וועלכע איז היינט כמעט די איינציקע, וועלכע גייט אינעם נגב און אין גליל, באַזעצט די וויסטענישן און היט די גרענעצן?

ווען דאַן מענטשן, וועלכע וועלן זיך נישט האַלטן אַלס מפא"י — קאַ־

נען באַקומען שנעלער אַרבעט און פּאָסטנס — נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו פּאַרטיי אָנגעהעריקייט?

וועט מען דאַן נישט באַשולדיקן מפּא״י און הסתדרות, אַז דאָס גאַנצע מלוכהשע פאַרמעגן און אַלע נאַציאָנאַלע הכנסות ווערן אויסגענוצט צו פאַר־שטאַרקן מפּא״י און די הסתדרות אינסטיטוציעס?

וועט דאַן ווירקלעך אויפהערן דער פּראָטעקציאָניזם און די פאַרביטערונג וועט שנעל אַוועק, די מאָראַל אין לאַנד וועט זיך הייבן און אַלץ וועט זיין גוט?

דאַן וועט מען שנעל געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די פּאָלי־טישע און זיכערהייטס־לאַגע אינעם לאַנד?

גלויבט עמעץ דערין? זעט מען ווירקלעך אין דעם צוויי פּאַרטייען סיסטעם אַ לייזונג פאַר אַלע צרות, אָדער אַ לייזונג פאַר די צרות, וועלכע די קליינע פּאַרטייען טוען אַמאָל אָן די גרויסע פּאַרטייען.

גלויבט ווירקלעך עמעץ, אַז ביי אַ צוויי פּאַרטייען־סיסטעם, ווען מיר זאָלן למשל אָננעמען, אַז מפּא״י האָט איבערגענומען די מאַכט און די צווייטע גרויסע אַלגעמיינע ציוניסטישע פּאַרטיי וועט זיין אין אָפּאָזיציע — רעדט זיך באמת עמעץ איין, אַז דאַן וועט די רעגירונגס־פּאַרטיי, מפּא״י, קאָנען רואיק פירן דעם מלוכה־רודער? די אָפּאָזיציאָנעלע אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאַרטיי וועט דאָס צו לאָזן, זיצן רואיק און צוקוקן גוטמוטיק ווי מפּא״י באַפעסטיקט זיך, בויט דאָס לאַנד, לייזט אַלע פּראָבלעמען, און די גרויסע אָפּאָזיציאָנעלע אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאַרטיי וועט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? דאַכט זיך, אַז אַפילו היינט, ווען עס איז דאָ אַ קאָאַליציע, איז עס נישט אַזוי פויגלדיק מיט דער „קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט״.

זאָלן מיר אָננעמען אַ צווייטע מעגלעכקייט, וועלכע זעט זיך פאַרלויפיק נישט פאַר, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן זאָלן קומען צום מלוכה רודער און מפּא״י זאָל ווערן די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, גלויבט ווער דאָ אין לאַנד, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן וועלן קאָנען לאַנג פירן דעם מלוכה־רודער?

גלויבט ווער, אַז דאַן וועט דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל און מיטלשטאַנד פון אַמעריקע קומען קיין ארץ־ישראל?

גלויבט ווער, אַז אויב אַפילו היינט איז שווער דער מפּא״י אייננצוהאַלטן דעם אַרבעטס־לוין, אויסמיידן שטרייקן, אַז דאַן וועלן מיר נישט האָבן דריי מאָל אין טאָג שטרייקן, וועלכע וועלן אָפּשטעלן די גאַנצע מלוכהשע מאַשין? מען דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז אויסער די עקאָנאָמישע פאָדערונגען וועט אויך משפיע זיין דער קלאַסן־באַוווסטזיין.

און דאַן וועט מען באַקומען מלוכה־פּאָסטנס, נישט דאַרפנדיק האָבן אַ מיטגלידס־קאַרטע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן?

דאַן וועט אויפהערן שפּעקולאַציע, עס וועט זיך הייבן די מאָראַלישע לאַגע, יידן וועלן לויפן באַזעצן דעם נגב — באַזונדערס די יוגנט א.א.וו. — גלויבט עמעץ אין דעם?

וועט מען דאַן נישט באַשולדיקן, אַז די גאַנצע מלוכהשע און באַציאַ־נאַלע הכנסות פאַלן אַריין אין פאַרשידענע פּריוואַטע טראָסטן און קאַרטעלן?

פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט: ווען איינע פון די צוויי פּאַרטייען וועט ווערן די אַליין־הערשערין, וועלן דאַן געלייזט ווערן די אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען שווער צו לייזן אַן און פאַר זיך. וואָס איז נוגע דער עפנטלעכער פאָרם פונעם לעבן אינעם רעליגיעזן זין? וועט דאַן נישט דאָס לעבן פאַרוואַנדלט ווערן נאָך אין אַ גרעסערן גהינום ווי היינט? היינט, לפחות, טרייסטן זיך אַ טייל פרומע יידן: רעליגיעזע פּאַרטייען, רעליגיעזע מיניסטאָרן זיצן אין דער רעגירונג און טוען אוודאי אַלץ, וואָס זיי קענען. מען זוכט אַ וועג ווי אַזוי צוזאַמענלעבן, אַ פשרה, אַ גוטע אָדער שלעכטע. ביי איין פּאַרטייען־סיסטעם, וועט זיך דאָך דער „קולטור־קאַמף" פאַרוואַנדלען אין עפּעס שרעקלעכעס, וואָס איז עלול אַלץ צו צעשטערן און צעשמעטערן.

דאַכט זיך, אַז דווקא ביים היינטיקן טאָג, ווו איין פּאַרטיי קאָן נישט ווערן די אַליין־הערשערין, מען מוז מאַכן אַ קאָאַליציע פון אַרבעטער און אַר־בעטס־געבער, פון עקסטרעמע סאָציאַלע און ליבעראַלע שטרעמונגען, פון רעלי־גיעזע און נישט רעליגיעזע — דווקא אַזאַ קאָאַליציע, וועלכע מוז זוכן אַ פשרה, געפונען אַ וועג פון צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשידענע שיכטן און קלאַסן, — דאָס איז דער וועג, וועלכער קאָן אויסמיידן דעם חורבן חס־ושלום פון דער מדינה, פון שנאת־חנם, פון ברודער־קאַמף אויפן סאָציאַלן און קולטורעלן געביט.

דער פעלער ליגט נישט אין דעם פּאַרטיי־קאָאַליציע רעזשים. נישט דער רעזשים האָט געברענגט צו דער אַנטוישונג, צו דער נידערלאַגע. און ווען אַפילו יאָ — איז זיכער דער צוויי פּאַרטייען סיסטעם קיין לייזונג און קיין ענטפער אויף דער אַנטוישונג און געזעלשאַפטלעכער מאָראַלישער נידערלאַגע.

— * —

די פראַגע איז מער פאַרפלאָנטערט, מער פאַרוויקלט, אַז מען זאָל זי קאָנען לייזן אַזוי איינפאַך, דורך ענדערן דעם וואַל־סיסטעם. אוודאי וואַל־סיסטעם איז אַ גרויסע זאַך. זי ווייזט ווי ווייט און ווי הויך עס שטייען די רעכט פונעם מענטש אין דער מדינה, ווי ווייט עס דערגרייכט זיין פרייהייט. איך ווייס נישט, וועלכער וואַל־סיסטעם עס גיט מער רעכט און פרייהייט דעם בירגער אינעם לאַנד. איך האָב שוין ביי אַ געלעגנהייט אָנגעוויזן, אַז דער יידישער דין, דער יידישער גייסט איז פאַר פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. איך ווייס, אַז פאַר דעם וויל־שטאַנד פונעם מענטש, דווקא דעם יחיד, דאַרף מען אַמאָל באַגרענעצן זיין פריי־הייט, באַזונדערס די, וועלכע איז אַן אויסדרוק פון זיינע שלעכטע אינסטינקטן. אָבער קיין שום רעזשים האָט נאָך נישט געלייזט אַזעלכע פּראָבלעמען ווי די, פאַר וועלכע מיר שטייען: פון איין זייט דער העכסטער מסירת־נפש פאַר סאָציאַל־מענטשלעכע יידישע אידעאַלן, פאַרן פאָלק, פאַרן לאַנד און פון דער צווייטער זייט אַ גרויסע ירידה: מאיגרא רמה לבירא עמיקתא. פונעם הויכן שטאָפּל ביזן טיפן גרוב. אַזוי געפאַלן.

דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם, וועלכן מען קאָן לייזן דורכן רעזשים אליין.

דאָס פּראָבלעם, פאַר וועלכן מיר זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן איז: ר'עזשים אָדער מענטש, פאָלק, אָדער מדינה? מיט אַנדערע ווערטער: נאָך וואָס דאָס אַלץ?

ד.

דער ציוניזם אין די לעצטע דרייסיק, פערציק יאָר, דער „פאַרווירקלעך־קונגס־ציוניזם", פאַר וועלכן דער פּאָליטישער ציוניזם, זיין פאַרווירקלעכונג, האָט געדאַרפט קומען אַלס רעזולטאַט פונעם פּראַקטישן „פאַרווירקלעכונגס־ציוניזם" פון בויען און שאַפן — איז געוואָרן געטראָגן פון דריי מאָטיוון: א) דורשט צו פּערזענלעכער פרייהייט אַלס ייד און מענטש; ב) בענקשאַפט צו זען אויך דאָס יידישע פאָלק גלייכבאַרעכטיקט אין דער מענטשלעכער פעל־קער־משפּחה; ג) צואיילן די פאַרווירקלעכונג פון די יידישע מענטשלעכע אי־דעאַלן, ווי זיי זענען פאַרויסגעזען אין דער יידישער תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה.

געטראָגן פון אָט די אידייען, האָט מען אויסגעטריקנט זומפּן אין ארץ־ישראל, אויפגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון אייגענער אַרבעט, פון קעגנזייטיקער הילף, פון פּרווון לייזן אַלע פּראָבלעמען אין ליכט און אין גייסט פון דער תורה, און געפירט דעם באַפרייאונגס קאַמף.

עס זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנהייטן. מען האָט זיך געריסן וועגן אַ מילימעטער־סאָציאַליזם, ווי עס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט בערל קאַצענעלסאָן, עס איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף פאַר עבודה־עברית, פאַר עבודה מאורגנת, עס איז אָבער אויך געווען אַ קאָנקורענץ אינעם ווער וועלן גיין טריקענען זומפּן, גיין אין עמק, בויען דעם גליל, אַריינדרינגען אין די חברונער בערג.

עס זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנהייטן. איין מיינונג האָט אָבער אַלע פאַראייניקט: צו בויען ארץ־ישראל ווי אַמשנעלסטן, צו ברענגען מער יידן, צו פאַרטיידיקן ארץ־ישראל, זיך קעגנזייטיק העלפן.

חלוציזם אין פאַרשידענע פאָרמען, לויט פאַרשידענע אויפפאַסונגען, איז געווען אַן אַלגעמיין אָנגענומענע אקסיאָמע.

די פאַרווירקלעכונג פונעם פּאָליטישן ציוניזם, דאָס פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ מדינה, איז געווען אַ ציל, אויף וויפיל אַ מדינה ברענגט צום אויס־דרוק די פרייהייט, די פּערזענלעכע און די נאַציאָנאַלע. אָן אַ מדינה קאָן עס נישט געשען. דער רעליגיעזער ציוניזם האָט אין דער מדינה געזען נאָך עפּעס: באַפרייען ארץ־ישראל פון נישט יידישע הענט, הייסט באַפרייען ארץ־ישראל פון דעם נישט־יידישן גייסט. הייסט אָנצינדן דאָס ליכט פון משיחן, וועלכער דאַרף זיין דער וועג־ווייזער פאַר דער פולקאָמער באַפרייאונג פונעם גאַנצן פאָלק, פונעם גאַנצן לאַנד, אַפילו, ווען עס מוז ווידער אַמאָל געדויערן נאָך אַ ביסל.

אין צענטער פונעם ציוניסטישן געדאַנק, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, מיט

פאַרשידענע ניואַנסן, איז געשטאַנען דער ייד אַלס ייד און מענטש, דאָס פאָלק ישראל אַלס פאָלק.

דער ייד אַלס ייד אַליין האָט זיך אפשר געקענט אויסלעבן אויך אין גלות. אויב נישט אין די „גלות־לענדער", ווו מען האָט יידן פאַרפאָלגט איז אין די אַזוי גערופענע פרייע לענדער. אַלס מענטש, וועלנדיק מוותר זיין אַלס ייד, האָט זיך אוודאי געפונען און עס געפינען זיך היינט אויך (אַן אַנדערע פראַגע: ווי לאַנג?) לענדער, אין וועלכע מען איז גרייט אויפצונעמען דעם מענטש פון אַ ייד, ווען ער, דער ייד, וועט וועלן פאַרגעסן און פאַרטושן דעם ייד. יידן אַלס פאָלק, ביז צו דער השכלה עפּאָכע און אין אַ געוויסער מאָס אויך שפּעטער, אַפילו היינט אין אַמעריקע — האָבן געלעבט און לעבן זיך ווי אַ „פאָלק אין אַ פאָלק" — גוי בתוך גוי, מיט זיינע ספּעציפישע לעבנס־אַרטן, שפּראַך און קולטור, אינסטיטוציעס און באַזונדערס מיט דעם „אחינו בני ישראל" געפיל. געפיל פון אַן איינהייטלעך פאָלק, פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, טראָץ דעם, וואָס מיר זענען צעשפּרייט און צעזייט אין דער גאַנצער וועלט אויף שבעה ימים און צווישן שבעים אומות.

וואָס עס פעלט אונז אין גלות, אין חוץ־לארץ, איז די שלימות. די גאַנצ־קייט אַלס ייד און מענטש צוזאַמען. דער אדם מישראל און דער ישראל שבאדם זענען אין חוץ־לארץ צוויי זאַכן. אונז האָט געפעלט ארץ־ישראל, כדי צו קאָנען זיין אַ פולקאָמער יידישער מענטש; מיר דאַרפן האָבן ארץ־ישראל, כדי דאָס פאָלק ישראל אַלס גאַנצע איינהייט זאָל קאָנען לעבן זיין אייגנאַרטיק לעבן נישט בלויז אַלס פאָלק און נישט בלויז אַלס ישראל, נאָר אַלס עם ישראל. אַלס פאָלק ישראל קאָן מען נישט לעבן אין דער פרעמד. אין דער פרעמד לעבן אַנדערע פעלקער, די בירגער פון יענע לענדער. מיר קאָנען לעבן אַלס בירגער, מוזנדיק מיטגיין מיט דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־לעבן פון דעם פאָלק, וואָס באַהערשט די מדינה.

די אַלע טעאָריעס, אַז נישט פעלקער זענען די בעלי־בתים פון דער מדינה, נאָר איינוווינער, האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר נישט אמת, אַפילו נישט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. לא־כל־שכן וועגן יידן, וואָס די אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק איז אבסאָלוט נישט אָפּהענגיק אין וועלכן לאַנד ער איז געבוירן.

מדינת ישראל האָט דעריבער געדאַרפט ברענגען שלמות, פולקאָמענהייט צווישן ייד און מענטש. זי האָט געדאַרפט שאַפן דעם פולקאָמען טיפּ פון ארץ־ישראל ייד. זי האָט געדאַרפט ברענגען שלמות, פולקאָמענהייט צווישן פאָלק און ישראל. עס האָט געדאַרפט קומען צום אויסדרוק די פולקאָמע אייגנאַרטיקייט פון עם ישראל.

דאָס ווערט אַמשטאַרקסטן כאַראַקטעריזירט אין זוהר הקדוש: „ומי כ־עמך ישראל גוי אחד בארץ" — זאָגט דער זוהר: אין ארץ־ישראל זענען יידן אַ גוי־אחד, איין פאָלק, אָבער נישט אין חוץ־לארץ.

מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט מען געדאַרפט פילן

נאָכמער דעם חלוצישן דראַנג צו שלמות האדם, שלימות האדם מישראל, שלמות הישראל שבאדם און שלמות עם ישראל.

ווען חלוציזם האָט באַוויזן וונדער צו שאַפן, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל חלוציזם האָט אין זיך געטראָגן די אידיי פון פולקאָמענהייט פאַר דעם יידישן מענטש, פאַר דעם יידישן פאָלק, ווייל מדינה איז די פאָרם, וועלכע גיט די מעגלעכקייט דאָס אַלץ צו ברענגען צום אויסדרוק.

ה.

מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, איז מיט אונז געשען, ווי עס דערציילט יענער פאָלקס־משל: אַ מענטש איז געפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט עפעס צו דערליידיקן. נאָכן אָנקומען אין דער צווייטער שטאָט, האָט אים גע־טראָפן אַן אומגליק: ער האָט פֿאַרגעסן, נאָך וואָס ער איז געקומען. ער האָט זיך געמוזט אָפּמאַטערן אַ גאַנץ לעבן אָן אַן אינהאַלט, אָן הנאה פונעם לעבן, אַרומגייענדיק פֿאַרביטערט אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, נישט וויסנדיק אַליין, פאַר וואָס און פאַר ווען, נישט וויסנדיק אַליין, וואָס וויל ער...

דער בליץ פון זעלבשטענדיקייט, דאָס שאַפן פון דער מדינה, פון אייגן מיליטער, אַן אייגענער רעגירונג, אייגן געלט א.א.וו. האָט אונז אַזוי צעטומלט און צעמישט, אַז מיר האָבן כמעט ווי פֿאַרגעסן דעם עיקר ציל: צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ. צו וואָס האָט מען פאַר דעם אַלעמען געקעמפט און בלוט פאַר־גאָסן. מיר האָבן פאַרגעסן אַלע אונזערע חלומות און בענקשאַפטן — די יידישע, די מענטשלעכע, די פאָלקס נאַציאָנאַלע, די פאָלקס אייגנאַרטיקע. עס האָט אונז אַרומגעכאַפּט איין ווילן, איין אידעאַל, איין ציל — יעדער האָט געוואָלט ווערן דער הערשער אין דער מדינה. אויב נישט דער אליין־הערשער, לפחות אַ שותף, אַ מיט־הערשער.

הערשן אין דער מדינה, ווערן בעל־הבית — דאָס איז געוואָרן דער העכסטער ציל. פונקט ווי אַן אויסגעהונגערטער קומט אַריין אין אַ רעסטאָראַן פאַרגעסט ער, אַז ער דאַרף עסן, כדי צו שטילן זיין הונגער. דאָס עסן אַליין ווערט ביי אים אַן אידעאַל, ביז ער עסט זיך איבער.

אוודאי דער ווילן צו הערשן אין דער מדינה, צו זיין בעל־הבית איז באַגלייט אויך מיט געוויסע אידעאַלן, ווי קבוץ גלויות, זיכערקייט פון דער מדינה, באַזעצן אירע וויסטעניש, שאַפן אַזאַ רעזשים אָדער צווייטן. די אַלע זאַכן זענען אָבער צווייטראַנגיקע. וואָלט מען געקענט זיכערן די עקזיסטענץ פון דער מדינה מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן בלויז — וואָלטן אַ סך מוותר געווען אויף קבוץ־גלויות און אויך אויף אַנדערע זאַכן.

נישט די אידעאַלן, צוליב וועלכע מען האָט געבענקט, געלעכצט נאָך דער מדינה, שטייען היינט אין צענטער. נישט דער יחיד, נישט דער מענטש, נישט דער ייד, נישט דאָס פאָלק ישראל — נישט פאַר זיי אַלע איז אַנטשטאַנען די מדינה, נאָר פאַרקערט: די מדינה, דאָס הערשן איבער דער מדינה איז גע־וואָרן אַן אידעאַל פאַר זיך.

פון דאַנען נעמט זיך אויך דער ווילן אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס ביסל יידישקייט, אָוועקצוואַרפן דעם טלית און תפילין. די מדינה איז דאָך, לויט דער פאַלשער אויפפאַסונג, נישט אַנטשטאַנען, בכדי אָפּצוהיטן דאָס ביסל יידישקייט, דעם טלית און תפילין. וואַרפט מען זיי אַוועק גראָב־יונגעריש, ווולגאַר.

די מדינה איז געקומען מיך באַזינען. מיך — הייסט מיין אייגענעם פשוטן פיזישן איך. דער גייסטיקער איך, נישט דער מענטשלעכער, נישט דער יידישער, נישט דער נאַציאָנאַלער, נישט דער פאָלקס־יידישער — עקזיסטירט נישט — עס איז הפקר פּעטרישקע.

די מדינה דאַרף מיך באַדינען, אָבער נישט איך זי. ווען די מדינה איז נישט קיין טרעגערין פון יידיש־מענטשלעכע אידעאַלן, — בלייבט דאָך איר איבער די איינציקע אויפגאַבע: רעזשים. אַזוי יעדנפאַלס רעדט מען איין מענטשן. מען זאָגט נישט דעם מענטש: דער רעזשים שטרעבט צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל אָדער אַ צווייטן. מען זאָגט דעם מענטש: דער רעזשים פאַרזיכערט דיר אַלדאָס גוטס און אַלדאָס בייז, וואָס דו ווילסט. אַ צווייטער רעזשים פאַרזיכערט אויך דאָס זעלבע, זאָגט מען אים. נאָר נישט דיר, נאָר פאַר אַ צווייטן.

אַלס רעזולטאַט דערפון מוז זיך שאַפן שנאה אַנשטאָט אהבה. שנאת ישראל אַנשטאָט אהבת ישראל.

פון דאַנען די געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַל־מאָראַליש־רעליגיעזע בידערלאַגע. און דער גאַנצער אידעאַל איז איך — „כל דאלים גבר".

די לאַגע קאָן מען נישט ענדערן דורך **דעם** וואַל־סיסטעם אָדער אַ צווייטן וואַל־סיסטעם, דורך **דעם** רעזשים אָדער אַ צווייטן רעזשים. אודאי, וואַל־סיסטעמען, רעזשים איז אַ גרויסע זאַך — אָבער דאָס אַלץ זענען נעבן־זאַכן. דאָס אומגליק אונזערס ביים היינטיקן טאָג איז די פוסטקייט, וועלכע האָט אונז באַהערשט, דאָס אַוועקוואַרפן אַלע אידעאַלן, דאָס מיינען, אַז מלוכהשע זעלבשטענדיקייט איז שוין אַלץ. מאַכנדיק זיך פאַרגעסן, אַז די מלוכהשע זעלבשטענדיקייט איז אַ לעבנס נויטווענדיקייט, בכדי אויסצוטרעטן דעם וועג פאַר מלך המשיח, וועלכער מיט זיין בלויזן בליק, מיט זיין בלויז וואָרט דאַרף ער ברענגען ברידערלעכקייט, איינהייטלעכקייט, שלום צווישן אונז אַליין און שלום צווישן אונז און דער וועלט.

מיר דאַרפן צוריקגיין צו דעם אורשפּרינגלעכן קוואַל פונעם ציוניזם, צו דעם אידעאַל פון באַפרייען דעם יחיד און באַפרייען דאָס פאָלק, בכדי ביידע זאָלן קאָנען לעבן ווי יידישע מענטשן, ווי אַ יידיש פאָלק, בכדי ביידע זאָלן קאָנען פאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וועלכע האָבן דאָס יידישע פאָלק געמאַכט אייגנאַרטיק און געגעבן זיינע זין כוח ביי׳צושטיין אַלע נסיונות — די אייגנ־אַרטיקייט, וועלכע איז אַנגעשריבן אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל־פּה.

ווען מיר ווילן, פילן, אַז מיר לעבן און טראָגן אין זיך ספּעציפיש מענטשלעכע און יידישע אידעאַלן — וועט זיין פאַר וואָס זיך מוסר־נפש צו זיין. וועט מען קאָנען באַקעמפן דעם אייגענעם עגאָאיזם. דאַן וועט אודאי **דער** רע־

זשים אָדער אַ צווייטער מיטהעלפן אָדער פאַרגרינגערן צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן.

רעזשים אַלס אידעאַל, וואַל־סיסטעם אַלס רעצעפּט פאַר דער איצטיקער גייסטיקער נידערלאַגע — איז נישט מער ווי זיך זעלבסט אָפּגענאַרט.

זאָל צוריק געשטעלט ווערן אין צענטער: דאָס פאָלק ישראל, דער מענטש ישראל, זיינע אידעאַלן און דאַן וועט זיך שאַפן דער חלוצישער פראָנט, דאַן וועט קומען ווידער צו אַ רענעסאַנס פון אַלע יידיש־מענטשלעכע ווערטן.

הלוואי מיר זאָלן נישט ווידער פאַרשפּעטיקן

דער פּראָצעס פון די „ציוניסטישע שפּיאָנען" אין מצרים און די צוויי טויט גערייכטס־אורטיילן האָבן אויפגערודערט אַ ביסל די יידישע, ווי אויך די נישט־יידישע וועלט. מען האָט פּראָטעסטירט, געשטורעמט און מיר זענען אַרי־בערגעגאַנגען צו דער טאָג־אָרדענונג. מיר האָבן נישט אַרויסגעצויגן די קאָנ־סעקווענצן פון דעם מצרישן משפּט.

די קאָנסעקווענצן, וועלכע מיר דאַרפן ציען פון דעם משפּט, זענען: טאָן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך און אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָך מעגלעך, אַראָפּ־צוברענגען קיין מדינת ישראל די יידן פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע ווילן דאָס.

מיר דאַרפן פאַרשטיין, בעסער געזאָגט: פילן, אַז די יידן, וואָס מיר ברענגען נישט ארויף היינט, קאָן זיין, אַז מאָרגן וועלן אַראַבישע גערייכטן זיי אַרויפברענגען אויף דער תליה.

דאָס איז, וואָס מיר דאַרפן לערנען פון דער מצרישער גערעכטיקייט. דאָס איז וואָס עס פאָדערט פון אונז דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון ד"ר משה מרזוק און שמואל עזאר הי"ד.

עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג: וואָלטן מיר די יידן אַרויסגעראַטעוועט פריער פון מצרים, וואָלט נישט געקומען צו וואָס עס איז געקומען! און קיינער קאָן נישט פאַרזיכערן, וואָס וועט זיין דער גורל פון די איבערגעבליבענע יידן אין מצרים און אין אַנדערע אַראַבישע לענדער.

— * —

פון אויגוסט 1954 ביז ענדע דעצעמבער 1955 וועלן אַריינקומען אין לאַנד, אויב עס זאָל נישט געשען עטוואָס באַזונדערס, בערך פערציק, צוויי און פערציק טויזנט יידן פון צפון אַפריקע. עס וואָלטן אָבער געקענט אַריינקומען פונקט דאָפּלט, לפחות, ווען מיר זאָלן האָבן גענוג געלט־מיטלען אויפצובויען נייע דערפער, ישובי־עולים, אין וועלכע מען זאָל קאָנען אַריבערפירן די עולים גלייך פון דער שיף, זיי זאָלן נישט דאַרפן דורכגיין די מעברות און דעם שער־עליה.

ליידער, די פינאַנסיעלע לאַגע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון מדינת ישראל איז אַזעלכע, אַז מען קאָן נישט מער אַריינברענגען ווי דרייסיק טויזנט יידן אַ יאָר.

איז דען פאַראַן אַ גרעסערע טראַגעדיע, אַז אין דעם זיבעטן יאָר פון דער מדינה, ווען צענדליקער טויזנטער יידן פון צפון־אַפריקע רייסן זיך קיין ארץ־

ישראל — קאָן מען זיי נישט אַהערברענגען, ווייל מיר האָבן נישט גענוג געלט־מיטלען אַרויפצוברענגען די יידן און זיי באַזעצן אויפן לאַנד.

— * —

זאָלן מיר נישט פאַרגעסן: ביים היינטיקן טאָג זענען פאַרעגיסטרירט אין די אַראַבישע לענדער איבער זעכציק טויזנט יידן, וועלכע ווילן קומען קיין מדינת ישראל. וואָלטן מיר נישט אָפּגעשטעלט די רעגיסטראַציע, וואָלטן מיר אין זייער אַ קורצער צייט געהאַלטן פאַר אַ רעגיסטראַציע פון איבער הונדערט טויזנט יידן, און מיר קאָנען סך הכל אריינעמען דרייסיק טויזנט אַ יאָר.

זאָלן מיר נעמען אין אַכט, אַז די עליה, וועלכע האָט אָנגעהויבן גיין פון צפון אַפריקע אין אויגוסט 1954 איז אַ גוטע, געזונטע עליה. דער פּראָצענט פון קראַנקע און סאָציאַלע פאַלן וואַקלט זיך צווישן 2—4 פּראָצענט. זעכציק פּראָצענט פון די עולים זענען געגאַנגען אויפן דאָרף און ישובי־עולים. קרוב צו דרייסיק פּראָצענט זענען געגאַנגען אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען פון באר־שבע און אַנדערע. די עליה, וועלכע שטראָמט איצט, האָט אין זיך אַ גרויסן פּראָצענט יוגנט.

ווען מיר ווילן מאַכן אַ סך הכל פון דער עליה אין 1954, אין וועלכער עס זענען אַריינגעקומען 18.500 עולים (אין דעם 1000, וועלכע זענען געקומען אַלס טוריסטן), קאָן מען מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן, אַז די עליה איז געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד: 1) אַ געזונטע עליה. 2) א סך יוגנט און קינדער. 3) זיי האָבן באַזעצט די ישובים אויף די גרענעצן.

עס איז דעריבער אַ גרויסע טראַגעדיע, ווען אַזאַ גוטע עליה, וועלכע רייסט זיך נאָך מדינת־ישראל, קלאַפּט אין די טויערן פון מדינת־ישראל, האָבן מיר נישט די מעגלעכקייט אַרויפצונעמען און אַריינצונעמען נאָר דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ גענוג געלט־מיטלען.

די טראַגעדיע איז דאָפּלט גרעסער, ווען מען פאַרטראַכט זיך, אַז נישט ווייניקער ווי די יידן דאַרפן ארץ־ישראל, דאַרף ארץ־ישראל די יידן.

— * —

לאָמיר זיך מודה זיין אויף דעם ביטערן אמת, אַז דער אַלט־נייער ישוב, דער אַזוי גערופענער חלוצישער ישוב, גייט נישט איצט אין נגב און גליל. די אַלע באַמיאונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן דורך בן־גוריון צו באַוועגן די יוגנט צו גיין אין נגב, האָבן פאַרלויפיק נישט געברענגט די פאַרהאָפטע געווונ־טשענע רעזולטאַטן. די איינציקע, וועלכע גייען פאַרלויפיק אין נגב, זענען די יידן פון צפון אַפריקע. און אָט די יידן, טראָץ זייערע אַלע געשרייען, מען זאָל זיי אַהער ברענגען, טראָץ אַלע זייערע פּראָטעסטן, פאַרוואָס מען נעמט זיי נישט אַהער — ברענגען מיר נאָר דרייסיק טויזנט אַנשטאָט זעכציק טויזנט אַ יאָר.

אמת, דער דראַנג נאָך ארץ־ישראל איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון פחד פון די, וועלכע זיצן צווישן די אַראַבער, און פון דעם ווילן צו קומען אַ היים און זיין צווישן יידן — עס האָט אויך אַן צוויפל אַ גרויסע השפעה די אָפּקלאַנגען,

וועלכע קומען פון דאַנען קיין צפון אַפריקע, ווו די מענטשן זענען מודיע זייערע קרובים, אַז זיי זיצן נישט אין קיין מעברות, נאָר זיי זענען גלייך איבערגעפירט געוואָרן אין די דערפער, אַז יעדער האָט באַקומען אַ וווינונג, די מינימאַלע שטוב־באַדערפענישן, מינימאַלע געזיכערטע אַרבעט, אַפילו ווען דער אַרבעטס־לוין פאַרהאַלט זיך. דאָס אַלץ האָט אָן ספק אַ גרויסע השפעה אויף דעם ווילן פון עליה, וועלכער שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג ביי די יידן פון צפון אַפריקע. אָבער ווער עס קאָן אַריינקוקן אין די אויגן פון די צפון אַפריקאַנער יידן, באַזונדער פון די דערפער (און איצט קומט איבער פופציק פּראָצענט עולים פון די דערפער), זעט ווי דער פחד פאַר די שכנים, ווי דער פחד פאַר דעם מאָרגן איז די שטויס־קראַפט פון זייער ווילן עולה צו זיין קיין מדינת ישראל, און דאָ שטייען מיר אָנמעכטיק און מען קאָן זיי נישט אַרויפברענגען, ווייל עס פעלט געלט־מיטלען.

— * —

אוודאי קאָן מען קומען און זאָגן, און עס איז דאָ טאַקע אַזעלכע, וואָס זאָגן: ברענגט יידן, ראַטעוועט זיי קודם אַרויס פון די אַראַבישע הענט, איר זעט דאָך, וואָס עס דערוואַרט זיי הייַנט־מאָרגן. די יידן וועלן קומען, ווען עס איז נישטאָ קיין געלט צו בויען דערפער, וועט איר אַריינזעצן די יידן אין שער העליה, וועט מען ווידער מאַכן מעברות. עס וועט זיין צרות, אָבער דערווייל וועט מען אָפּראַטעווען צענדליקער טויזנטער יידן. דאָס אומגליק איז אָבער, אַז עס טוט זיך נישט אַזוי גיך און גוט, ווי עס זאָגט זיך. ווען ביים היינטיקן טאָג איז דער ווילן צו קומען קיין ארץ־ישראל זייער שטאַרק, איז עס דערפאַר, ווייל מען גיט אַכטונג, אַז עס זאָל זיין אַ גוטע געזונטע עליה, און ווייל עס איז דאָ אַ גוטע קליטה אין די ישובי עולים. מיט דעם מאָמענט, ווען מען וועט ווידער אָנהויבן אַריינזעצן די עולים אין שער עליה אָדער מעברות, און עס וועלן אָנקומען די ערשטע ידיעות פון אַזאַ קליטה קיין צפון אַפריקע — וועט ווערן שטאַרק אָפּגעשוואַכט דער ווילן פון עליה, טראָץ דעם פחד, אין וועלכן די יידן לעבן דאָרט.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין צפון־אַפריקע אַרבעטן איצט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גיבן עצות יידן צו פאָרן נאָך דרום־אַמעריקע, פראַנקרייך א.א.וו. די מיסיאָן זיצט אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט. און נאָר אַ גוטע געזונטע עליה, וועלכע וועט ווערן דאָ אין מדינת ישראל גוט אויפגענומען און גוט אייַנגעאָרדנט — איז פעאיק צו ענטפערן אויף צוויי פראַגן: א) אויף דעם פחד, אין וועלכן עס לעבן די יידן אין צפון־אַפריקע, ב) אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ גוטער, געזונטער עליה, אין וועלכער דאָס לאַנד נויטיקט זיך.

זאָל מען נישט פאַרגעסן אויף דאָס, אַז אין דער צייט פון אויגוסט־דעצעמבער 1954 (נאָך דער באַנייאונג פון דער עליה) זענען אַריינגעקומען 12.731 יידן און עס האָבן פאַרלאָזט נישט מער ווי 1.750 יידן. און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ גוטער עליה און אַ גוטער קליטה.

— * —

מען קאָן נישט ענדערן די ליניע, וועלכע מחלקת העליה און מחלקת הקליטה האָבן פאַר זיך אָנגעצייכנט: אַ גוטע עליה און אַ גוטע קליטה.

אַ גוטע עליה און אַ גוטע קליטה פאָדערן גרויסע געלט־מיטלען. מיר טאָרן נישט רואיק בלייבן און זיך באַגנוגענען מיט דרייסיק טויזנט יידן אַ יאָר, ווען מען קאָן ברענגען זעכציק טויזנט גוטע יידן.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין מצרים, דאַרף זיין פאַר אונז אַ גרויסע וואָרענונג, אַז מיר קאָנען נאָך חלילה פאַרשפעטיקן. קיין שום פראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קאָנען נישט העלפן אָפּראַטעווען אַ ייד פון די תליות, אָבער עטלעכע טויזנט פונט (7 טויזנט פונט דאַרף מען אויף אייַנאָרדנען אַ משפחה), וועלכע זענען נויטיק אייַנצואָרדנען אַ משפחה אין לאַנד, קאָן זי אָפּראַטעווען פון אַראַביש־מערדערישע הענט היינט אָדער מאָרגן.

— * —

דאָס הייליקע יידישע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דער טורמע פון קאיר, די הרוגי־מלכות דאַרפן דינען ווי אַן אַלאַרם־רוף פאַר אַלע אין ישראל און פאַר די יידן אין אַמעריקע, מאָביליזירן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, אויף אַראָפּצוברענגען, כל־זמן מיר האָבן נאָך די מעגלעכקייט, די יידן פון צפון־אַפריקע, וועלכע ווילן עס, וועלכע בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי אַהער ברענגען שנעל ווי מעגלעך. זיי ווילן זיך באַפרייען פון די שנאה־אויגן, מיט וועלכע זייערע שכנים קוקן אויף זיי.

לאָמיר זיי צוהעלפן זיך באַפרייען פון דעם פחד. לאָמיר מיט זייער הילף פאַרפעסטיקן דאָס לאַנד, מדינת ישראל און פאַרגרעסערן איר באַפעלקערונג.

לאָמיר עס טאָן, כל זמן עס איז נאָך נישט שפעט.

איך וויל פילן א טעם פון פסח

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך געווענדעט צו מיר אַ פריינד, וועלכער וווינט שוין דאָ אין לאַנד איבער אַ צוויי צענדליק יאָר, מיט אַ בקשה, אין וועל־כער ער שרייבט צווישן אַנדערן: „אפשר איז מעגלעך, אַז איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער זאָלן זיין פסח אין אַ יידיש הויז, ביי אַ יידישן סדר, איך וויל פילן אַ טעם פון פסח, איך וועל אַלץ באַצאָלן".

דער מענטש לעבט אין אַ נישט־רעליגיעזן מושב, און ער פאַרטיידיקט זיך, אַז כאָטש ער „איז נישט פרום", וויל ער פילן אַ טעם פון פסח, פון אַ יידישן פסח.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין גרויס פּראָבלעם. דער מענטש וועט זיך געפינען פסח ביי אַ כשרן סדר. דאָס האָט ער געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט, ער וויל זיין אין אַ „יידיש הויז" ביי אַ „יידישן סדר".

די בקשה פון דעם פריינט רופט אַרויס פאַרשידענע געדאַנקען. אויף עטלעכע איז זיך כדאי אָפּצושטעלן.

א) נאָך צוואַנציק יאָר אָפּלעבן אין אַ נישט־רעליגיעזן ישוב פעלט עפּעס דעם ייד אַלס ייד. ער פילט, אַז עס פעלט אים עפּעס. ער פילט נישט אין דעם נישט־רעליגיעזן ישוב דעם טעם פון פסח. טראָץ דעם, וואָס די אַלע ישובים האָבן פאַרפלייצט דעם ישוב מיט זייערע הגדות, זיי מאַכן זיך זייערע „סדרים", מען „שניידט" אָפילו דעם „עומר". דאָס אַלץ ווייזט אויס קאָן נישט אָנפילן קיין יידיש האַרץ מיט יידישקייט. עס איז אין די אַלע „געמאַכטע" סדרים פאַראַן אַלץ, וואָס זאָל פאַרטומלען דעם מוח, פאַרנעמען די צייט, „אַוועקהרגענען" די צייט, מטמטם זיין די חושים ביז מידקייט, אָבער דעם טעם פון פסח, פון אַ יידישן פסח, פילט מען אין דעם נישט.

מען דאַרף גאָרנישט זיין סענטימענטאַל אויף מיטצופילן אָט דעם פריינדס מצב, צוזאַמען מיט חמץ איז נישט פסחדיק, חזיר אָדער קראַליקעס ביים פסחדיקן טיש איז חזיריש און נישט פסחדיק. עס איז אָפּגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט פון זיך אַליין. עס איז גענאַרט זיך און אַנדערע. ווי האָט אַמאָל געזאָגט שניאור: טשאָלנט און חזיר זענען נישט קיין מחותנים.

ב) דער פריינד איז נישט קיין בן־יחיד היינט אין ישוב. „עס זענען דאָ פיל טויזנטער אַזוי ווי איך" — שרייבט מיר דער פריינד — „זיי האָבן אָבער נישט צו וועמען זיך צו ווענדן". יאָ, דאָס איז אמת. אַ ביטערער און אַ פריילעכער אמת צוזאַמען. ביטער, אַז זיי האָבן נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, די מענטשן זענען געוואָרן איינגעשלאָסן אין זייערע וועלטן דורך אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען, און האָבן פאַרלוירן זייער באַרירונג מיט אמתע יידן, מיט אמתער יידישקייט. אין אָט

די מושבים איז נישטאָ קיין יידישקייט, עס איז ערגעץ יידישקייט. מען זעט נישט דעם יידישן שבת און דעם יידישן יום־טוב. עס זענען דאָ פלעצער, ווו קינדער האָבן אין זייער לעבן נישט געזען קיין ספר־תורה, קיין תפילין ומזוזות, קיין טלית און ציצית. אין די פלעצער איז כמעט אויסגערייניקט יידישקייט. עס איז אָבער דאָך אַ פריילעכער אמת. דאָס געפיל, אַז טויזנטער יידן קומען צום באַ־וווסטזיין, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דאָס יידישקייט. דאָס ברענגט זיי אָנצוהויבן זוכן דעם וועג צוריק. און אַז מען זוכט, דער עיקר: אַז מען וויל געפינען — וועט מען געפינען דעם וועג צוריק.

ג) דער אמת, דער ביטערער אמת איז, אַז די פוסטקייט, וועלכע איז גע־שאַפן געוואָרן דורך אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס יידישקייט, דורך דערקלערן „איך בין נישט פרום" פילט זיך אין גאַנצן ישוב, ווו מען „דרייט" זיך און ווו מען „פרייט" זיך.

נעמען מיר, צום ביישפיל, אַ יום־העצמאות. וואָס אַ טעם פילן נישט־רעליגיעזע יידן פון יום־העצמאות? אַ רעליגיעזער ייד, אַ רעליגיעזער ציוניסט אין יום־העצמאות דאַוונט אַנדערש, צינדט אָן בייגאַכט ליכט און מאַכט אַפילו אַ האַלב יום־טובדיקע סעודה, און מען דערציילט נאָך אַמאָל אַלע נסים, וועלכע זענען געשען אין ירושלים, אין תל־אביב, אין חיפה, אין משמר העמק, צי אין טירת צבי, און מען מאַכט פאַרגלייכונגען מיט די נסים ונפלאות פון אַמאָל בין יציאת מצרים, חשמונאים און אַנדערע, און מען זינגט „והיא שעמדה" א.א.וו. — אָבער וואָס פילט די מאַסע, וועלכע דערווייטערט זיך פון יידישקייט, וואָס פאַר אַ טעם פילט זי אין דעם יום־העצמאות? מען רעדט, מען פילדערט, מען איז ו'ער־נאָך טויט־מיד, און מער ווי פוסטקייט בלייבט נישט, נישט אין מוח און נישט אין הארץ.

מען „פרייט" זיך נישט־יידישלעך. ממילא וועט נישט לאַנג דויערן, און עס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „פרייד" ווי ביי די גויים. מען וועט שיכורן און עס וועט ווערן אַ שיכורער יום־טוב.

יידן האָבן געוווסט אַפילו די וואָכעדיקע יום־טובים, ווי חול־המועד, חנוכה, פורים צו געבן אַ יום־טובדיקן אינהאַלט. דער היינטיקער וואָכעדיקער דור קאָן אַזאַ יום־טובדיקן טאָג ווי יום־העצמאות נישט געבן עפּעס אַ יום־טובדיקן אינהאַלט. עס איז אַלץ פוסט.

ד) מען שעמט זיך. אַפילו מיין פריינט, וועלכער די נשמה גייט אים אויס נאָך אַ ביסל יידישקייט, שעמט זיך דאָס צו זאָגן מיט אַ פול מויל. ער פאַר־ענטפערט זיך: „כאָטש איך בין נישט פרום". אַמאָל האָט מען זיך געשעמט עובר צו זיין אַן עבירה, היינט, צום באַדויערן, שעמט מען זיך צו טאָן אַ מצווה.

עס איז אָבער געקומען די צייט אויסצוטוישן דאָס „שעם־היטל". אין שלחן־ערוך איז דאָ אַ ספּעציעלער דין „שלא ייתבייש אדם מפני המלעיגים". דער מענטש זאָל זיך נישט שעמען פאַר די, וועלכע שפּאָטן פון אים. דעם סעיף אין שלחן־ערוך האָט צו פאַרדאַנקען זייער פיל דאָס אויפהאַלטן יידישקייט צווישן

די גוים. עס איז געקומען די צייט, באַזונדערס אין מדינת ישראל, אַז די, וועלכע „ווילן פילן אַ טעם פון פסח", זאָלן זיך אויפהערן צו שעמען מיט זייער יידישקייט און נישט פאַרענטפערן זיך „כאָטש איך בין נישט פרום".

קודם־כל איז עס נישט דער אמת לאמיתה. אַ ייד, וועלכער בענקט נאָך אַ „יידישן סדר", נאָך אַ „טעם פון פסח", איז דאָ ביי אים אַ פרומע נשמה. ער פילט דאָך, אַז עס פעלט אים עפּעס. ער איז אַ מענטש, וועלכער פילט זיין חסרון. אין דעם אַליין ליגט שוין אַ גרויס שטיק פרומקייט. מען דאַרף מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער און זיך אויפהערן שעמען פאַר די אַרומיקע. דאַן וועט זיך אַרויסווייזן, אַז עס זענען דאָ אַ סך אַזעלכע פרומע, וועלכע „במסתרים תבכה נפשי", וועלכע זייערע נשמות וויינען באַהאַלטענערהייט, ווען קיינער זעט נישט. ווען זיי זענען מיט זיך אַליין, בענקט זיך נאָך אַ ביסל יידישקייט. און וואָס איז דאָס אויב נישט אַ גרויסער, גאָר גרויסער חלק פון פרומקייט?!

למעשה, דאָס גאַנצע מסירת־נפש פון אונזער דור אין מדינת ישראל פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה, פאַר ראַטעווען יידן, פאַר אַן עליה, פאַר קיבוץ גלויות איז דאָך אויך אַדאַנק דעם ביסל פרומקייט, וועלכע טליעט באַהאַלטן אין די נשמות פון די, וועלכע פאַרטיידיקן זיך, אַז זיי זענען נישט פרום.

אין תוך גענומען, אַ ביסל טיפער געריעדט: ווען נישט דאָס ביסעלע פרומקייט ביי די איינגעריעדטע נישט פרומע, וואָס אַדאַנק דעם פּינטעלע ייד זע־נען זיי גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר מדינת ישראל און פאַר דער עקזיסטענץ פון עם ישראל — וואָס אַ זין האָט דער גאַנצער מסירת־נפש? בלויז ווייל מען וויל אונז נישט האָבן אין דעם לאַנד, אָדער אין אַ צווייט לאַנד? איז דאָ אַ דריט לאַנד, ווו מען וויל אונז יאָ האָבן. איז עס ווידער ווייל מען וויל אונז נישט האָבן אַלס יידן, און מיר ווילן נישט אויפהערן זיין יידן, ליגט דאָך שוין אין דעם עקשנות אַ גרויס שטיק פרומקייט. עס איז אָבער גלייכצייטיק אויך דאָ אַן עקשנות צו ווייזן די גוים, אַז מען קען אויך זיין גוים... און דעריבער וואַרפט מען אַוועק דעם „יידישן טעם". אָדער אפשר גאָר סתם, ווייל דער „יידישער טעם", דעם אמת געזאָגט, איז אַ ביסל שווער, ער קאָסט טייערער. ווי זאָגט אָבער אַ פאָלקס־ווערטל: „עס קאָסט טייערער, עס איז אָבער ווערט". דער יידישער פסח, פילן אַ טעם אין פסח קאָסט טייערער, עס איז אָבער ווערט.

ווען נישט דאָס ביסל באַהאַלטענע פרומקייט, וועלכע געפינט זיך אין די „נישט־פרומע" נשמות, וואָס אַ טעם האָט דאָס גאַנצע קלאַמערן זיך און ווען עקזיסטירן און נישט ווען זיך אסימילירן און אונטערגיין?

די פאַרטיידיקונג: „איך בין נישט פרום" איז נישט מער ווי אַ פוסטע מליצה, ווייל מען שעמט זיך פאַר אַנדערע, וועלכע שעמען זיך אויך...

ה) די אַזוי גערופענע „נישט־פרומע" דאַרפן אויך וויסן, אַז מען קען נישט האַלטן דעם שטעקן ביי ביידע עקן.

האַלטן אין איין שרייען „איך בין נישט פרום" און זוכן אַ יידישן סדר,

אַ טעם פון פסח. אויב מען וויל זיך פאַרשרייען „איך בין נישט פרום" ווערט מען ממילא קרום...

מען קען פאַרשטיין, אַז נאָך צוואַנציק יאָר לעבן אין אַ נישט־רעליגיעזן ישוב איז זייער שווער צו מאַכן אַ טריט צוריק. דעריבער האָט מען אונז גע־לערנט: „אַז מען גייט אַ גאַנג, דאַרף מען זען, עס זאָל נישט טאָן באַנג". טראָץ דעם אַלעם הייבט מען שוין אָן פילן אַ באַדערפעניש אין אַ יידיש הויז, אין אַ יידישן סדר, אין אַ טעם פון פסח. דאַרף מען נישט קאַליע מאַכן דעם טעם מיט דער, וואָלט איך געזאָגט, נאַרישער דערקלערונג: „כאָטש איך בין נישט פרום". די דערקלערונג מאַכט קאַליע דעם גאַנצן טעם. דאָס איז: איין טריט פאָרווערטס, צוויי טריט צוריק.

מען דאַרף אויפהערן טראַכטן וועגן דעם עבר. דאָס האַרץ ציט ווידער צו יידישקייט. די נשמה בענקט ווידער צו אַ יידישן סדר. אדרבא ואדרבא. דאָס איז אַ זייער גרויסער שריט זיך אַליין צו דערקענען. באַזונדערס יום־טוב פסח, ווען „חייב כל אדם לראות את עצמו", יעדער מענטש דאַרף זיך אַליין זעען, זיך באַ־מיען זיך אליין צו דערקענען.

דעריבער, צו אַלע בענקנדע, זוכנדע נשמות צו אַ יידישן סדר, צו אַ יידיש הויז, צו פילן אַ טעם פון פסח —

אַ גוטן, פריילעכן, כשרן פסח.

לאָמיר זיך צוהערן צום צווייטן

מיר זענען עדות פון אַ מאָדנע דערשיינונג: פּאָלעמיק מיט מענטשן און נישט פּאָלעמיק מיט מיינונגען.

קומט ווער און פאָדערט עליה, אַ גרויסע, פון 100.000, פּאָלעמיזירט מען מיט אים נישט, אַז מען דאַרף נישט אַריינברענגען אַזוי פיל יידן, אַז עס איז נישטאָ אַזוי פיל יידן, נאָר מען פּסלט אָוועק דעם גאַנצן ענין מיט אַ מאַך מיט דער האַנט: ער מיינט נישט די עליה, נאָר אַנדערע זייטיקע כוונות. און מען באַמיט זיך נישט אַפילו אַנצווייזן, וואָס פאַר אַ זייטיקע כוונות עס קאָנען זיין דערביי. וועמען אינטערעסירט עס דען? דער עיקר מען פּסלט דעם, וואָס ברענגט דעם געדאַנק, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט און דאָס איז גענוג.

דער כלל פון חז״ל: קבל את האמת ממי שאמרו, נעם אָן דעם אמת, ווער עס זאָל אים נישט זאָגן — האָט מען פאַרגעסן.

קומען אַנדערע און פאָדערן אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער אויף דעם געביט, אָדער אַ צווייטן געביט — ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט און מען איז יוצא.

קומט אַ 3־טע גרופּע און פאָדערט פאַרלייכטערונג פאַרן מיטלשטאַנד א.א.וו. איז דאָך אוודאי קלאָר, אַז מען מיינט נישט ערלעך און מען האָט דערביי זייטיקע כוונות.

קומט עמיץ און פאָדערט, אַז דער „קרן קימת״ זאָל בלייבן אַלס זעלבשטענדיקע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל זיין דער טרעגער פונעם באָדן פאַרן גאַנצן פאָלק — מיינט ער אוודאי נישט לטובת דעם פאָלק, נאָר עפּעס אַנדערש.

פאָדערט מען צו היטן שבת, לפּחות אין דער עפנטלעכקייט, נישט האָדעווען חזירים — אין דאָך קלאָר, אַז פרומע יידן זענען נישט פרום און זיי מיינען גאָר עפּעס אַנדערש, זיי האָבן זייטיקע כוונות.

אַזוי וואָלט מען געקאָנט ציען די רשימה ווייטער און ווייטער און אַנווייזן, אַז עס איז כמעט נישט געווען און עס איז נישטאָ קיין פּראָבלעם אין מדינת ישראל, אָדער אַ מיינונג — ווי מען זאָל נישט באַקעמפן די מיינונג דורך וואַרפן חשדות, אַז די, וועלכע האָבן אַזאַ מיינונג אָדער אַ צווייטע מיינונג, מיינען עס נישט ערלעך. אויסער, פאַרשטייט זיך, געלויבט צו גאָט, אַ מנין מענטשן, צען צדיקים, וואָס זיי מיינען אַלץ לשם־שמים. והראיה: זוכנדיק דעם אמת, געפינען זיי שטענדיק דעם שקרביים צווייטן.

אַזוי נאָך האָט זיך געשאַפן אַ פאַרגיפטעטע אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקע חשדות. מען פּרווט נישט באַהאַנדלען די פראַגן אָן און פאַר זיך, לעצם הענין. נאָר מען וואַרפט שמוץ אויף דעם צווייטן. מען זוכט ביי אים פעלערן און זייטיקע כוונות, און אין אַזאַ אַטמאָספער פון קעגנזייטיקער חשדות באַהאַנדלט

מען פּראָבלעמען. עס איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ באַהאַנדלונג פון פּראָבלעמען, קאָן מען שוין נישט קומען צו קיין פּאָזיטיווע, אָביעקטיווע באַשלוסן.

און דאָס איז אפשר נאָך נישט דאָס ערגסטע. ערגער פון דעם איז ווי אַזוי די אַטמאָספער פון חשדות ווירקט זיך אויס אויף דער יוגנט. מיר האָבן און אַלגעמיין אַ גוטע יוגנט אין לאַנד, אָבער דער וואָרעם פון ציניזם, פון נישט נעמען ערנסט יענעמס מיינונג, פון נישט וועלן זיך אַריינטראַכטן אין יענעמס מיינונג, איז אַ רעזולטאַט פון דער אַטמאָספער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, אַז וואָס דער צווייטער זאָגט מיינט ער נישט ערנסט, נאָר ער האָט זייטיקע כוונות.

„באפס הרגו איש”, טייטשן די בעלי־מוסר און חסידות: מיט אַ דריי מיט דער נאָז האָבן זיי אַוועקגעהרגעט אַ מענטש. זיי האָבן גאָרנישט געטאָן. בלויז געדרייט מיט דער נאָז: יענער, מילא, מען ווייסט שוין... וואָס ווייסט מען? ווער ווייסט? דאָס איז נישט וויכטיק. געגנוג: מען ווייסט שוין! און אַזוי־נאָך פּטרט מען אַוועק אַ מענטש.

ד״ר יהודה אבן שמואל (קויפמאַן) האָט אַמאָל געזאָגט: „דאָס אומגליק פון היינטיקן דור איז: וואָס מען איז נישט פעאיק זיך איינצוהערן, וואָס דער צווייטער רעדט, וואָס דער צווייטער זאָגט”. ממילא האָט מען דאָך נישט פון וואָס און וועגן וואָס צו טראַכטן. אַז מען הערט זיך צו צום צווייטן, ברענגט עס צו זעלבסטקאָנטראָל, אָפּפרישן דעם געדאַנק, אָבער היינט, ווען מען גייט בלויז יענעם פּאַטשן בראַוואָ, וואָס ער זאָל נישט זאָגן, אָדער יענעם צו שטערן, וואָס ער זאָל נישט זאָגן — טראַכט מען דאָך גאָרנישט. ווערט דאָס לעבן פּוסט און ציניש.

— * —

אויף דעם מענטשנס געדאַנק, זיינע דערפינדונגען א.א.וו. זעענען דאָך אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אַנדערע האָבן פריער געטראַכט, וואָס אַנדערע האָבן פריער געשאַפן, פון די געדאַנקען, וואָס אַנדערע ברענגען אויף דער וועלט און זיי זענען גורם צו דער אַנטוויקלונג פון נייע געדאַנקען, פון נייע שאַפונגען אָדער זייער פאַרפולקאָמונג.

ווען אָבער יעדער דרייט זיך ארום: אני ואפסי־עוד, איך און מער קיינער. דער גאַנצער אמת איז מיט מיר, נאָר איך מיין עס ערלעך, אַלע אַנדערע האָבן זייטיקע כוונות, ממילא הערט מען זיך נישט צו צו דעם צווייטן — ממילא קומט עס צו פוסטקייט, צו ציניזם — דער ערגסטער שונא פונעם לעבן.

ליידער לעבן מיר דאָ אינעם לאַנד אין אַזאַ חשדותדיקער אַטמאָספער און פון דעם קאָנען זיין זייער ווייטגייענדע און שווערע נעגאַטיווע רעזולטאַטן פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער מדינה און באַזונדערס פון דעם יונגן דור.

עס קאָן ווייטער אַזוי נישט גיין. עס מוז קומען אַן איבערברוך אין צו־גאַנג צו יענעמס מיינונג, צו יענעמס פאָרשלאַגן. קודם כל דאַרף מען באַהאַנדלען די זאַכן לגופו של ענין. צי דער פאָרשלאַג איז גוט, גערעכט אָדער נישט. פאָר־לעמיזירן מיט דעם צווייטנס מיינונג, נישט מיט דעם צווייטנס כוונות, וואָס קיי־

נער פון אונז איז דאָך באמת נישט פעאיק אַריינצוקוקן אין יענעמס האַרץ און לייענען יענעמס מחשבות. אמת: סוף מעשה במחשבה תחילה. פון דער מעשה קאָן מען לערנען, וואָס די מחשבה איז. האָט מען נאָך צייט צו וואַרטן און זען יענעמס מעשים. אָבער קודם כל דאַרף מען דאָך זיך צוהערן צום צווייטן. און נאָך אַ זאַך: טראַץ דעם, וואָס סוף מעשה במחשבה תחילה, האָט מען דאָך אונז געלערנט: „והאלוקים יראה ללבב". נישט אַ מענטש קאָן זיין אַ שופט אויף יענעמס כוונות, נאָר אין געצייילטע אויסנאַמס־פאַלן איז דאָס מעגלעך. ביי אונז איז דאָך געוואָרן אַ מאָדע, אַז מען לאָזט אַפילו דעם צווייטן נישט אויסרעדן, מען רייסט אים איבער אין דער מיט, ווייל מען ווייסט שוין פון פריער, אַז ער האָט בייזע כוונות און שלעכטע מחשבות, אַפילו ווען ער מאַכט די בעסטע פאָרשלאַגן און זאָגט אַרויס די בעסטע געדאַנקען.

— * —

אַזעלכע ענדערונגען מאַכן זיך נישט אין איין טאָג. די אַטמאָספער אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַזוי פול מיט חשדים, אַז מען קאָן גאָרנישט אָנהייבן אַרויסקריכן פון דער בלאָטע. און דאָך איז עס אונזער פליכט, די פליכט פון אַלע צו לייטערן אַ ביסל די אַטמאָספערע, אויפהערן פאַלעמיזירן מיט דעם צווייטנס כוונות, נאָר מתווכח זיין מיט דעם צווייטנס געדאַנקען און פאָרשלאַגן. צוגיין צום צווייטנס מיינונג פון דעם פרינציפּ, אַז „כל אדם בחזקת כשרות", אַז יעדער מענטש איז אַן ערלעכער מאַן. און דאָס וואָס ער זאָגט מיינט ער ערלעך, אַן זייטיקע כוונות, אַפילו ווען מען קאָן נישט אָננעמען דעם צווייטנס מיינונג.

לאָמיר צוריקגעבן דער יוגנט דעם גלויבן אינעם מענטש, אַז נישט יעדער צווייטער מענטש איז פאַלש, ליגנעריש, נאָר פאַרקערט: עס טרעפן אויך פאַלשע, ליגנערס. אָבער די מערהייט מיינט עס ערנסט. די יוגנט וועט זיך דאַן צוהערן צום צווייטן. וועט פרווון פאַרשטיין, לערנען און עס וועט נעמען א סוף צו דעם ציניזם, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונזער לעבן און מאַכט אַ תל עולם פון דעם בעסטן און שענסטן פון אונזערע נשמות.

לאָמיר זיך צוהערן איינער צום צווייטן!

וואָס פאַר אַ טענה האָבן זיי ?...

וואָלטן מיר נישט פאַרקריפּלט געוואָרן אין גלות, וועלנדיק נאָכטאָן, וואָס די גוים טוען, וואָלטן מיר געוואָלט אין מדינת ישראל באַנייען אונזער אָריגינעל יידיש געריכטס־וועזן — וואָלט איבערהויפּט אין מדינת ישראל דאָס געריכטס־וועזן געהאַט אַן אַנדער פּנים. מען וואָלט אַנדערש באַשטימט די ריכטער, עס וואָלט נישט געווען קיין „דן יחיד"; מען וואָלט אַנדערש געפּאָרשט די עדות, קיין באַשולדיקטער וואָלט נישט געקאָנט דערשיינען אַלס עדות, נאָר אַלס אָנגע־קלאָגטער, און אַ סך זאַכן וואָלטן געהאַט אַן אַנדער אויסזען.

די יידישע און די נישט יידישע וועלט וואָלט דאַן געזען דעם אונטער־שיד צווישן אָריגינעלן יידישן געריכטס־וועזן און דעם נישט־יידישן. מען וואָלט דאַן געזען „כי לא כצורנו צורם" און מען וואָלט געפילט, „כי היא חכמתכם ובינת־כם לעיני העמים".

האָבן מיר אָבער צו דעם, פּאַרלויפיק, נישט זוכה געווען, ווייל עס איז נאָך נישט פאַראַן געגנוג אומאָפּהענגיקע יידן מאמינים אין מדינת־ישראל, וועלכע זאָלן פאַרשטיין, אַז אין כנסת און אין דער רעגירונג דאַרפן זיצן מער יידן מאמינים (און דאָס קאָן נאָר זיין, ווען יידן מאמינים וועלן עולה זיין אין ארץ־ישראל) — איז דעריבער דאָס געריכטס־וועזן אין מדינת ישראל פאַרלויפיק נישט באַזירט אויף דער אָריגינעלער יידישער וועלט־ און לעבנס־אויפפאַסונג פון „געריכט" און „גערעכטיקייט" ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער יידישער תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה, נאָר אויף דער גויישער אויפ־פאַסונג פון „געריכט" און „גערעכטיקייט", און דעריבער איז דאָס געריכט אין ישראל געבויט נישט ווי ר' ישמעאל פסקנט, עס זאָל נישט זיין קיין „דן יחיד". מען האָט פאַרטריבן דעם אמתן „דן יחיד" פון געריכט־וועזן אין מדינת־ישראל. טאָ, וואָס פאַרא פּרעטענזיע האָבן זיי, אַז אינעם קאַסטנער־גרינוואַלד פּראָצעס איז געווען אַ שופט דן־יחיד? איר האָט דאָך אַזוי געוואָלט, אַז דער אמתער „דן יחיד" זאָל נישט זיין ביים געריכט? איר האָט דאָך באַשטימט קעגן דער מיינונג פון רבי ישמעאל „אל תהי דן יחיד", אַז עס זאָל יאָ זיין אַ „דן יחיד", איר האָט פאַרטריבן פון געריכטס־וועזן אין מדינת־ישראל דעם „שאין דן יחיד אלא אחד", וואָס אַ טענה האָט איר, אַז דער דן יחיד, וועלכן איר האָט באַשטימט, האָט גע־פּסקנט ווי ער האָט געפּסקנט?

איך גיי דאָ נישט אַריין אין דעם עצם פּסק־דין, עס האָט קיין שום מענטש אין מדינת־ישראל נישט די רעכט צו צווייפלען אין דער ערלעכקייט פונעם שופט, אין זיין באַמיאונג צו זיין אַ דן אמת לפי ראות עיניו. „ואין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות". אין אונזער פאַל — וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט.

טראָץ דעם, כל זמן לויט דעם געריכטס־וועזן, וואָס הערשט אין מדינת־ישראל, איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר אַן ערעור, פאַר אַן אַפּעלאַציע אויף דעם פסק־דין, דאַרף יעדער מענטש און די גאַנצע געזעלשאַפט אָפּוואַרטן דעם רעזול־טאַט פונעם ערעור, פון דער אַפּעלאַציע. אָבער מיט וואָס קאָן זיך דערקלערן דער „ספּאָנטאַנער" אָרגאַניזירטער „פאָלקס־צאָרן", וואָס איז אויסגעבראָכן קעגן דעם שופט הלוי, הלמאי ער האָט זיך דערלויבט אַרויסצוגעבן אַ פסק־דין אין אַזאַ פאַרוויקלטן משפט, וואָס טראָגט אַ היסטאָרישן כאַראַקטער, אייגער אַליין; וואָס פאַר אַ טענה איז דאָס צום שופט? די יענע, וואָס האָבן דעם שופט באַשטימט צו פירן דעם משפט אייגער אַליין, זיי האָבן דאָך אים געגעבן די רעכט (נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס רבי ישמעאל זאָגט), אַז ער זאָל אייגער אַליין אַרויסגעבן א פסק־דין אין דעם פאַרוויקלטן היסטאָרישן משפט! די יענע, וואָס האָבן באַשטימט דעם משפט, האָבן באַשטימט דעם שופט אייגער אַליין, האָבן דען נישט געוווסט, אַז דער משפט איז אַ פאַרוויקלטער און אַ היסטאָרישער? און אויב זיי האָבן טענות, זאָלן זיי האָבן טענות צו זיך אַליין, וואָס אַנשטאָט צו באַ־שטימען דאָס געריכטס־וועזן, ווי עס האָבן אונז געלערנט די תנאים, האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַ געריכטס־וועזן נוסח גוי...

עס איז עטוואָס שרעקלעכעס געשען: מען „פּראָטעסטירט" קעגן דעם פסק־דין! און ווער? — קרובים למלכות. די, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דאָזיקן נוסח פון „משפּטים בל ידעום", זיי פּראָטעסטירן...

בכלל, פון ווען אָן איז דערלויבט אין מדינת־ישראל צו „פּראָטעסטירן" קעגן אַ פסק־דין פון א שופט?! פון ווען אָן איז דערלויבט אין מדינת־ישראל צו קריטיקירן אַ שופט, פאַרוואָס ער האָט געפּסקנט אַזוי און נישט אַנדערש?

די, וועלכע האָבן איבערגעגעבן דעם משפט דעם שופט, ווי אַזוי דערלויבן זיי זיך אַזאַ קריטיק קעגן דעם פסק־דין און פערזענלעכע אָנגרייפן קעגן אים? האָבן זיי עטוואָס קעגן דעם שופט, זאָלן זיי עס זאָגן קלאָר, וואָס פאַר אַ שיטה אין דאָס: מבזה צו זיין דעם שופט דורך „ספּאָנטאַנישע" פּראָטעסטן, דורך „ספּאָנטאַנישע" דעמאָנסטראַציע אייגלאַדונגען פון באַשולדיקטן, נאָך איידער דאָס העכסטע געריכט האָט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט?

וואָס קומט דאָ פאַר? וואָס איז דאָ געשען? דענקט עמעץ, אַז נאָך אַזאַ „ספּאָנטאַנישע" אַקציע קעגן אַ פסק־דין, קעגן אַ שופט, וועט דער פּרעסטיזש און פאַרטרויען פונעם געריכטס־וועזן אין מדינת־ישראל שטייגן?! גראָבט מען נישט מיט דעם אונטער דאָס פאַרטרויען, וואָס הערשט ביים היינטיקן טאָג צום געריכטס־וועזן?

און צו דער עצם טענה. מען פרעגט: „היתכן, ווי קאָן מען ביי אַזאַ משפט פסקענען נאָר בלויז לויט די פאַקטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט? מען דאַרף דאָן אָפּשאַצן די סיטואַציע, וועלכע האָט געהערשט אין יענע צייטן". „און ווער האָט דאָס רעכט, — פרעגט מען — אַרויסצוגעבן אַ פסק־דין, ווי אַזוי מען האָט געדאַרפט האַנדלען אין יענע ביטערע שווערע טעג!" מען

טענהט: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו״, „און ווער ווייסט — שטעלט מען אַ תמימותדיק פּנים, — ווי יעדער איינער פון אונדז וואָלט געהאַנדלט!״

דאָס אַלץ איז אָבער נאָר אַ טענה, ווען אַ יחיד גייט באַשולדיקן אַ צווייטן. אָבער ווען אַ געריכט דאַרף אַרויסטראָגן אַ פּסק־דין, וועלכער זאָל פעסט־שטעלן די עצם־פאַקטן, דאַרף עס קודם־כל זאָגן: וואָס איז געשען. ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער גרויס פון דער שטראָף, קען מען נעמען אין באַטראַכט די באַדינגונגען, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פעסטשטעלן די עצם פאַקטן, וואָס אויף דעם האָט מען אונדז געלערנט: „אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות״.

איך וויל זיך נישט נעמען קיין רעכט צו ווערן אַ שופט און פּסקענען הלכות, אָבער עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער יידישער אָריגינעלער פּסק־הלכה אין אַזאַ פאַל („הצופה״, ד׳ תמוז תשט״ו, „על כפות המאזניים״, יהושע טהור):

„אמרו להם גויים, תנו לנו אחד ונהרגנו, ואם לאו נהרוג את כו־לכם — ייהרגו כולם ואל ימסרו נפש אחת מישראל״ (תוספתא תרומות, סוף פרק ז׳; רמב״ם, יסודי התורה, פרק ה׳, הלכה ה׳). אין יידיש: ווען די גויים האָבן געזאָגט צו יידן: גיט אונדז איינעם אים צו הרגענען, ווען נישט וועלן מיר אייך אַלע אויסהרגענען — זאָלן אַלע געהרגעט ווערן און זאָלן נישט איבערגעבן צו הרגענען איין נפש פון ישראל״.

די פראַגע שטייט אָבער נאָך פיל שאַרפער: האַלט מען, אַז מען קאָן נישט משפטן די יעניקע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס און זיי צו־געהאָלפן, ווייל זיי האָבן געגלויבט און געהאָפט דורכדעם צו ראַטעווען זייער לעבן צוליב דעם, וואָס קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי וואָלט ער געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל — דאַן האָט די כנסת נישט געדאַרפט אָננעמען אַ געזעץ צו שטעלן צום משפט די יעניקע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס. ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז אין יעדן פאַל האָבן יידן נישט מיטגעהאָלפן די נאַציס צו פאַרטי־ליקן יידן, ווייל זיי זענען פלוצלונג געוואָרן „אַנטיסעמיטן״, נאָר ווייל זיי האָבן געגלויבט, מיט רעכט אָדער אומרעכט, אַז דורך דעם וועלן זיי ראַטעווען זייער לעבן אָדער דאָס לעבן פון זייערע נאָענטע, און ווען טראָץ דעם האָט די כנסת אָנגענומען אַ געזעץ צו שטעלן צום משפט די „משתפי פעולה״ מיט די נאַציס — וואָס פאַר אַ טענה האָט מען צום שופט הלוי: הלמאי ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע! די העכסטע געזעצגעבערישע אינסטאַנץ אין דער מדינה, די כנסת, האָט נישט בלויז געגעבן רעכט דעם שופט, נאָר אים פאַרפליכטעט צו משפטן די יעניקע, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין קאָלאַבאָרירן מיט די נאַציס, ווען ער געפינט זיי שולדיק.

וואָס פאַר אַ טענה האָט מען צום שופט הלוי? באַזונדערס וואָס פאַר אַ טענה האָבן זיי, די יעניקע, וועלכע ווילן נישט, אַז דאָס געריכטס־וועזן אין מדינת־ישראל זאָל זיך פירן ווי רבי ישמעאל. זיי האָבן דאָך פאַרטריבן פונעם

גערייכט־ווענן אין מדינת־ישראל דעם „שאין דן יחידי אלא אחד״. וואָס פּילדערן זיי ?! ווער איז זיי שולדיק ?

— * —

אדרבא, איר זענט נישט צופרידן — ביטע זייער: דער וועג איז אָפן. פּירט איין דעם אמתן יידישן משפּט, דעם משפּט פון דער תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה.

לאָמיר זיך איבערבעטן

א.

די תורה האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם מענטש זייער פיל פליכטן, וואָס אַלע זענען געוואָנדן אין גרונט געגומען אויסצובעסערן דעם מענטשנס מידות, האַלטונג און פירונג. אַלע מצוות, וואָס מען דאַרף טאָן און זאַכן, וואָס מען דאַרף אויסמיידן נישט צו טאָן — אַלע קומען לערנען דעם מענטש, אַז ער איז נישט אַליין דער בעל־הבית אויף דער וועלט, און אַז אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, דאַרף עקזיסטירן און יעדער מענטש האָט דאָס רעכט צו לעבן און געניסן פון גאָטס וועלט.

„ואהבת לרעך כמוך" איז דער יסוד פון אַלע מצוות אין דער תורה. זאָגן חסידים: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, מיט אַלע זיינע פעלערן, אַזוי ווי דו האָסט דיך ליב מיט אַלע דיינע פעלערן. „כמוך" — נישט ווייניקער. און ווער נאָך ווי דו זעלבסט ווייסט אַלע דיינע פעלערן, און דאָך האַלסטו, אַז טראָץ אַלע דיינע פעלערן האָסטו עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אויף דער וועלט, אַזוי זאָלסטו אויך וויסן, אַז דער צווייטער, טראָץ אַלע זיינע פעלערן און טראָץ זיין אַנדערש־דענקען ווי דו, טראָץ זיין אַנדערש־פירונג ווי דו — האָט ער אויך לעבנס־באַרעכטיקונג אויף גאָטס וועלט.

„כשם שפרצופיהם של בני־אדם אינן דומות, כך אין דעותיהן שוות", אַזוי ווי די פנימער פון מענטש זענען נישט גלייך איינער צום צווייטן און דאָך האָבן אַלע מענטשן לעבנס־רעכט, אַזוי זענען אויך די מענטשן מיט זייערע פאַר־שידענע פנימער און מיינונגען נישט גלייך איינער צום צווייטן. און דאָך האָבן אַלע גלייכע רעכט צו לעבן און צו געניסן פון לעבן. יעדער אויף זיין חשבון, פאַרשטייט זיך, פון זיין אַרבעט, נישט אויף יענעמס חשבון. אַזוי האָבן אונז גע־לערנט אונזערע חז"ל.

ב.

דעריבער טיילט זיך תשובה אין צוויי טיילן: תשובה כלפי די חטאים, וואָס מען האָט געזינדיקט כלפי דעם רבונו של עולם, און תשובה כלפי די חטאים, וואָס מען האָט געזינדיקט קעגן דעם צווייטן מענטשן.

און דער דין זאָגט אונז קלאָר: אַז יום כפור איז מכפר נאָר אויף די עבירות כלפי דעם רבונו של עולם; קעגן די עבירות, וואָס דער מענטש זינדיקט כלפי דעם צווייטן איז יום כפור נישט מכפר כל זמן מען בעט נישט איבער דעם צווייטן.

און דאָן גייט אַוועק אַ ריי דינים ווי אַזוי מען דאַרף דעם צווייטן איבערבעטן, און אַז דער צווייטער דאַרף זיך לאָזן איבערבעטן און וואָס מען

דאַרף טאָן אין פֿאַל ווען דער צווייטער וויל זיך נישט לאָזן איבערבעטן. עס זענען אויך דאָ ספּעציעלע דינים ווי אַזוי תשובה צו טאָן ווען מען האָט געזינדיקט קעגן דעם ציבור, קעגן דעם כּלל, און מען קען נישט אָנווייזן די פּערזאָן, וועלכע מען האָט געטראָפֿן, כּדי גוט צו מאַכן דאָס פֿאַרברעכן א.א.וו.

ג.

די תּורה האָט געוווּסט, אַז עס איז גרינגער תּשובה צו טאָן כּלפּי דעם רבונו של עולם ווי כּלפּי דעם צווייטן מענטש. און בכדי אַרויסצובעמען דעם מענטשן פֿון אַ טעות, האָט מען אים אָנגעזאָגט: אַז ער איז נישט יוצא מיט דעם, וואָס ער מאַכט בעסער זיין לעבנס־וועג כּלפּי דעם רבונו של עולם. דאָס איז נויטיק, בכדי דער מענטש זאָל פֿון דעם לערנען ווי אַזוי גוט צו מאַכן זיין האַל־טונג כּלפּי דעם צווייטן מענטש און כּלפּי דעם גאַנצן ציבור. דעריבער: יום־כּפּור העלפֿט נישט כּל־זמן מען בעט נישט איבער, מען פֿאַריכט נישט די פֿעלערן, וואָס מען האָט געמאַכט קעגנאיבער דעם צווייטן. נאָר דאַן איז „ונסלח לכל בני ישראל, כי לכל העם בשגגה“.

ד.

די תּורה שטעלט אויך אַוועק אין צענטער פֿון דער איבערבעטונג די מעגלעכקייט פֿון קאָנען זיך איבערבעטן. דעריבער ווערט אונטערגעשטראָכן „ב־שגגה“. אַלע זינד זענען אַ רעזולטאַט פֿון מיספֿאַרשטענדעניש, בשגגה.

קנאה, פֿאַרוואָס דער צווייטער איז אַנדערש פֿון מיר, פֿאַרוואָס ער טראַכט נישט אַזוי ווי איך, פֿאַרוואָס ער פֿירט זיך נישט אַזוי ווי איך, פֿאַרוואָס ער האָט אַ לייכטערע פּרנסה פֿון מיר, פֿאַרוואָס ער אַרבעט ווייניקער ווי איך, פֿאַרוואָס ער פֿאַרדינט מער ווי איך.

אַזוי ארום הויבן זיך אָן די מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן, פֿאַרוואָס מען האָט פֿיינט דעם צווייטן. נישט צוליב יענעמס פֿעלערן האָט מען פֿיינט דעם צווייטן, נאָר צוליב יענעמס מעלות, וועלכע רופֿן אַרויס קנאה. נישט־פֿאַרגינעריי. כּמעט אַלע „על חטא“, וואָס מען זאָגט יום־כּפּור, האָבן צו טאָן מיט אָט די מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס קומען אַרויס פֿון קנאה און נישט פֿאַרגינעריי, וועלכע זענען אויך אַ רעזולטאַט אין אמתן פֿון מענטשלעכער פֿוילקייט. אַנשטאָט צו קאָנקורירן מיטן צווייטן, מיט מער אַרבעט, מיט מער שאַפֿונג — פֿאַרגינט מען נישט דעם צווייטן, וואָס יענער, מיט זיין ענערגיע, מיט זיין ווילן, מיט זיין שׂכל, מיט זיין אַרבעטזאַמקייט, האָט דערגרייכט מער פֿון מיר.

פֿון דאַנען די שׂנאה צום צווייטן. דאָס וועלן שלעכטס טאָן דעם צווייטן.

פֿון דער צווייטער זייט, דעם וואָס גאָט העלפֿט און ער האָט זיך „אַרויפֿ־געאַרבעט“, ווי מען זאָגט, מיינט שוין, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע און, אַז ער האָט די מאה, האָט ער שוין די גאַנצע דעה צו הערשן איבער דעם צווייטן. ער מיינט טאַקע, אַז דאָס רעכט צום לעבן גיט דער כּוח און דאָס געלט. און פֿון דאַ־נען דאָס קוקן פֿון אויבן־אַראָפּ אויף דעם צווייטן, אויף דעם שוואַכן, דאָס וועלן באַרויבן זיינע רעכט. פֿאַרגעסנדיק, אַז אַלע מענטשן אויף דער וועלט, מיט דעם

פאַקט נאָר, וואָס זיי זענען אויף דער וועלט געקומען, וואָס זיי עקזיסטירן — האָבן זיי שוין נישט בלויז די רעכט צו עקזיסטירן, נאָר די פליכט צו עקזיסטירן.

ה.

זיך צו באַפרייען פון אָט דער מיינונג, אַז די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשן און זייער אויסערלעכע פיזיאָנאָמיע, און זייער דענקונגס־אַרט, זייער לעבנס־וועג קאָנען זיין אַ באַרעכטיקונג פאַר דיסקרימינאַציע, קומט יום־כפור, ווען אַלע יידן זענען גלייך, אַלע עסן נישט. אַלע זענען פאַרפליכטעט גלייך מוותר צו זיין אויף זייערע תענוגים, אַלע דאַרפן גיין אָנגעטאָן גלייך אין ווייסע קיטלען, ווייל אַלע זענען מיר קינדער פון איין טאַטן אין הימל און מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטן איינער קעגן דעם צווייטן.

מען דאַרף געדענקען און וויסן, אַז יעדער איז דאָס, וואָס ער קען זיין. מען קען דעריבער נישט פאַרלאַנגען פון צווייטן, אַז ער זאָל זיין דאָס, וואָס ער איז נישט, אַז ער זאָל זיין פונקט ווי איך (דעמאָלט וואָלט ערשט נישט געטויגט, ווייל מיט וואָס וואָלט איך מיך געזען אַנדערש, בעסער מכלומרשט פונעם צווייטן) און טראָץ דעם האָט ער רעכט צום לעבן אַזוי ווי איך.

גלייכצייטיק אָבער דאַרף יעדער געדענקען, אַז ער זאָל זיין לכל הפחות דאָס, וואָס ער קען זיין, וואָס ער דאַרף זיין.

— * —

מען דערציילט, אַז דער רבי ר׳ זושא האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען פאַרן בית־דין של מעלה און מען וועט אים פרעגן, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען ווי משה רבינו, וועט ער ענטפערן: ווייל מען האָט מיך נישט באַשאַפן ווי משה רבינו. אָבער, האָט ער געזאָגט, אַז מען וועט מיך פרעגן: זושא, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען אַזוי ווי זושא האָט געדאַרפט זיין — וועט זיין ביטער, וועל איך נישט האָבן וואָס צו ענטפערן. דעריבער, האָט ער מסיים געווען, דאַרף יעדער מענטש זאָרגן פאַר איין זאַך: ער זאָל זיין, וואָס ער קאָן זיין און וואָס ער דאַרף זיין.

— * —

דאָס איז דער יסוד פון איבערבעטן זיך יום־כפור: יעדער זאָל זיין וואָס ער דאַרף זיין, וואָס ער קאָן זיין, וועלן מיר אַלע זיין גוט און פרום, און די וועלט וועט זיין וואָס זי דאַרף זיין. דאַן וועלן מיר נישט האָבן קיין פרעטענזיעס איינער צום צווייטן. דאַן וועלן מיר קאָנען זיך איבערבעטן איינער דעם צווייטן.

— * —

ערב־יום־כפור — לאָמיר זיך איבערבעטן!

דער קאַמף קעגן מיסיאָן

די כנסת האָט איבערגעגעבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זיך צו פאַרנעמען מיט דעם פּראָבלעם, וואָס הייסט: די אַרבעט פון דער מיסיאָן אין מדינת־ישראל.

אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר זוכן וועגן ווי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דער מיסיאָן, האָט די מיסיאָן אָנגעהויבן קעגן אונז אַן אַטאַקע. פון פאַרשי־דענע נישט־יידישע קרייזן, ווי אויך יידישע קרייזן, באַזונדערס אין אַמעריקע, ווערן מיר קריטיקירט פאַר אונזער נעגאַטיווער שטעלונג צו דער מיסיאָנערישער אַרבעט פון נישט־יידן אַריינצוציען אין זייער נעץ יידישע קינדער און זיי אַרי־בערפירן צום קריסטלעכן גלויבן.

אויך דאַלעסן, ווי מען גיט איבער, איז דערלאַנגט געוואָרן, דורך גע־וויסע קריסטלעכע קרייזן אין ירושלים, אַ ספּעציעלער מעמאָראַנדום, וועלכער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די שוועריקייטן, אין וועלכע די מיסיאָן שטויסט זיך אָן, פון דער אַנטיפּאַטיע־אַטמאָספער, וועלכע מיר יידן שאַפן קעגן זיי.

— * —

ווי אַזוי איז פּאַקטיש די לאַגע?

נישט־יידן אין ארץ־ישראל שיקן זייערע קינדער אין נישט־יידישע שולן, ווי אין יידישע. די נישט־יידישע שולן ווערן אויסגעהאַלטן פון דער רע־גירונג פּונקט ווי די יידישע. אין פאַריקן יאָר זענען געווען אין לאַנד 192 נישט־יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן מיט 708 לערער, אין וועלכע עס האָבן געלערנט 27.151 קינדער.

אמת, אַז פיל נישט־יידן אין ישראל שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן דווקא און נישט אין די נישט־יידישע שולן, און אַפילו נישט אין די מיסיאָן־שולן, נישט ווייל זיי זענען געצווונגען דערצו, נאָר צוליב מאָטיוון, וועלכע עס איז זייער זאַך.

קלאָר, אַז אין די יידישע שולן ווערט נישט געפירט קיין שום פּראָ־פּאַגאַנדע איבערצופירן די נישט־יידישע קינדער צום יידישן גלויבן. יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט געיאָגט נאָך גרים און האָבן נישט פּרובירט וועמען עס איז אַריבערצופירן צום יידישן גלויבן, נישט מיט געוואַלד און נישט מיט געלט אָדער אַנדערע מיטלען.

די מיסיאָן־שולן קומען נישט געבן דערציאונג די קינדער, די שולן האָבן אַ קלאָרע טענדענץ: אַריבערצופירן יידישע, ווי אויך מוסולמענישע קינדער צום קריסטלעכן גלויבן. זייערע שולן זענען נישט בילדונגס־אינסטיטוציעס, נאָר שמד־אינסטיטוציעס.

עס איז דעריבער אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז מיר יידן ווילן נישט, קענען נישט און דאַרפן נישט דולדן, אַז מען זאָל אַפילו פּרוּוון אַריבערצופירן יידישע קינדער צו אַן אַנדער גלויבן. עס וועט אויך זיין אַ נאַטירלעכע זאַך, ווען מוסולמענישע עלטערן (און עס איז שוין געווען אַזאַ פאַקט) וועלן פאָדערן פון דער רעגירונג, זיי צו באַשיצן קעגן דער קריסטלעכער מיסיאָן, וועלכע וויל אריבערפירן זייערע קינדער צום קריסטלעכן גלויבן.

איז דען נישט קלאָר, אַז אַזעלכע שולן רופן אַרויס פאַרביטערונג און אומרואיקייט צווישן יידישע עלטערן, ווי אויך צווישן מוסולמענישע עלטערן?

איז עס דען נישט די פליכט פון דער רעגירונג צו רעגולירן דורך אַ געזעץ אויפצוהערן די העסלעכע מעשים פון עפענען שולן, בכדי דורך די שולן אַריבערצופירן קינדער פון איין גלויבן צו אַן אַנדער גלויבן?! עס איז נישט נוגע בלויז יידן, אָבער עס רירט אָן ספּעציעל אונז יידן.

נישט־יידן ווילן עפענען נישט־יידישע שולן, ביטע זייער. אָבער שמד־שולן, דאָס האָבן מיר רעכט, אַז עס זאָל זיין פאַרבאָטן. עפענען שולן מיט דער קלאָרער טענדענץ אַריבערצופירן קינדער צום שמד, דאָס נישט. דאָס איז אומ־מענטשלעך, דאָס איז העסלעך, דאָס איז קעגן פרייהייט פון געוויסן. עס איז נישט וויכטיק צי מען צווינגט מיט געוואַלד, צי דורך געלט, דורך קויפן נשמות.

מיר זעען ווי מיר אַלע, און אויך ערלעכע מענטשן נישט־יידן, האָבן אויפגעציטערט, ווען די קאַטוילישע קירכע וויל פאַרן ראַטעווען פון די צוויי קינדער פינאַלי, אויך „ראַטעווען" זייערע נשמות און זיי אַריבערפירן צום נישט־יידישן גלויבן.

פאַר אונז יידן (אַפילו פאַר נישט־רעליגיעזע) איז דאָס גאַנץ באַזונדער שרעקלעך: צוויי טויזנט יאָר זענען מיר געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער, ווייל מיר האָבן געוואָלט בלייבן יידן. און איצט — דאַרפן מיר דולדן שולן, וועלכע ווילן אונזערע קינדער אַריבערפירן צום נישט־יידישן גלויבן?!

איז דאָס דען אַ פראַגע פון טאָלעראַנץ, פון פרייהייט, פון גלייכהייט? ניין! אַלע רעליגיעס זענען אין ישראל פולקאָם גלייכבאַרעכטיקט, טעאָרעטיש און אין דערווירקלעכקייט. אָבער קומען און פאָדערן פון אונז מיר זאָלן דער־לויבן עפענען שולן, וועלכע זייער טענדענץ איז אַריבערצופירן יידישע קינדער צום שמד, דאָס איז מער ווי חוצפה.

אין נאָמען פון פרייהייט דאַרף די כנסת־קאָמיסיע פאַרשלאָגן דער רעגי־רונג אַרויסצוגעבן אַ געזעץ, וועלכער זאָל פאַרבאָטן די עקזיסטענץ פון שולן, וועלכע זייער טענדענץ איז אַריבערצופירן קינדער פון איין גלויבן צום צווייטן.

— * —

ביז עס וועט מקוים ווערן, וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט לאחרית הימים, וועלן מיר זיך באַגנוגענען מיט: —

„כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ד' אלקינו לעולם ועד" (מיכה ד', פסוק ה').

יידן ווילן סדר...

א.

„ביי יידן איז גישטאָ קיין סדר" — אַזוי איז אָנגענומען ביי די גויים. זיי טייטלען מיט די פינגער אויף דעם מכלומרשטן פּעלער אונזערן. און מיר שאָקלען צו מיטן קאָפּ. מיר זענען נאָך מוסיף: ביי יידן קאָן נישט זיין קיין סדר...

די אקסיאָמע האָט אין זיך אַזוי פּיל אמת ווי א סך בלבולים, וואָס מ'האָט אויסגעטראַכט אויף יידן. דער אמת איז: אַז מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט אָנ־עמען דעם „גויישן־סדר". מיר האָבן נישט געוואָלט אים אָנערקענען, ווייל מיר האָבן זייער „סדר" געהאַלטן פאַר „אומאָרדענונג". דעריבער האָבן מיר זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט. זייער „סדר" איז שטענדיק געווען און איז נאָך, אין זייער אַ גרויסער מאָס, ליידער נאָך הייַנט — אַוועקצושטעלן אונז יידן „מחוץ־לסדר". „יידן — נישט". אונז האָט מען געשטעלט „אויסערן־געזעץ". דעריבער האָבן מיר רעוואָלטירט קעגן אַזאַ „סדר". די גויים האָבן אונז טאַקע מיט רעכט געזען ווי די, וועלכע שטערן „זייער סדר". דער סדר, וועלכער האָט געפאָדערט מיר זאָלן זיין „אויסערן סדר".

מיר זענען עדות דערצו אויף ביים הייַנטיקן טאָג, ווען מיר האָבן פאַר־גאָסן אַזוי פּיל בלוט (ווייל אַנדערע האָבן אונז געצוווּנגען צו פאַרגיסן בלוט), בכדי זוכה צו זיין צו אַ שטיקעלע סדר, לפּחות אין אַ שטיקעלע פון אונזער ארץ־ישראל, לפּחות אין אַ שטיקעלע פון אונזער ירושלים.

וואָס ווילן מיר דען איצט אין מדינת־ישראל, מער ווי אַ שטיקל סדר? וואָס פאַרלאַנגען מיר פון די וואָפנשטילשטאַנד־קאָמיסיעס און פון זיכערהייטס־ראַט, מער ווי מען זאָל אונז דאָ לאָזן לעבן בסדר? און דווקא זיי, די גויים, וועלכע האָבן שטענדיק צו אונז טענות, אַז מיר האָבן נישט ליב קיין סדר — זאָגן אונז: די מצרים, די סיריער, די ירדנער — זיי מעגן אַרייַנדרינגען אין מדינת ישראל, רצחנען, גזלנען, ראַבעווען אַלץ וואָס זייער האַרץ גלוסט. זיי מעגן מאַכן אומאָרדנונג ביי אייך אין מדינת ישראל, מעגן שטערן דעם סדר. נאָר איר יידן, איר מדינת־ישראל זאָלט נישט פּרוּוון חלילה צו רעאַגירן אויף דעם אומ־סדר, וואָס אַנדערע מאַכן ביי אייך... אָט דאָס איז דער גויישער סדר: ביי אונז צו מאַכן אומאָרדנונג, אונז צו שטערן דעם סדר. און מען פאָדערט נאָך פון אונז, מיר זאָלן זיי דאַנקבאַר זיין פאַר דעם, אַז נישט, טאַדלט מען אונז, אַז מיר זענען די שטערער פון סדר...

אָט דאָס איז דער „סדר" פון די גויים, וואָס פּיל ביי אונז בענקען נאָך אים.

דאָס איז אונזער אומגליק: מיר האָבן אָקצעפּטירט דעם בלבול קעגן

אונז. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן איינרעדן, אַז מיר זענען קעגן סדר. און פיל ביי אונז נאָך היינט האַלטן, אַז אַלע אַרום אונז ווילן סדר, נאָר מיר, משטיינס־געזאָגט, שטערן אים.

וויפיל וויצן, פאָלקלאָר, לעגענדעס און מעשות זענען געשאַפן געוואָרן אַרום דעם בלבול, אַז מיר האָבן נישט ליב קיין סדר, וואָס מיר האָבן אַקצעפטירט אַלס אמת, אַלס „יידישע מדה" כביכול.

די לעגענדע וועגן יידישן אומסדר דאַרף מען אויסרייסן מיטן וואָרצל, איצט באַזונדער, ווען מיר הויבן פון אויפסניי אָן אַ מדינה־לעבן, אין וועלכן מיר ווילן עס זאָל זיין סדר...

ב.

בעצם, דער גאַנצער יידישער וועזן איז שטרעבונג און בענקשאַפט נאָך סדר, נאָך אָרדענונג, נישט בלויז אין זיין אָרט־לעבן. ער וויל סדר, און דאָס איז זיין העכסטער אידעאַל, אין דער גאַנצער וועלט־אָרדענונג. אומסדר, אומאָרדענונג איז קעגן דער גאַנצער יידישער אויפפאסונג.

די יידישע וועלט אויפפאסונג:

עס איז געווען תוהו ובוהו, האָט דער רבונו של עולם געמאַכט אָרדענונג. באַשטימט געזעצן פאַר דער נאַטור, פאַר בהמות און חיות, פאַר מענטשן, פאַר פעלקער. אַפילו גרענעצן פאַר פעלקער: „ייצב גבולות עמים".

דער יידישער סדר איז: „חרות" — פרייהייט פון מענטש און פאָלק, פריי פון פאַרקנעכטונג צו די היהשע אינסטינקטן, פריי פון פאַרשקלאַפן איין מענטש דעם צווייטן, איין פאָלק דאָס צווייטע. סדום, בבל און אַלע גלותן זענען נישט מער ווי שטערן דעם סדר, די וועלט־אָרדענונג, און די לעבנס־באַרעכטיקונג פון דעם גאַנצן דאַ־זיין און זיין פרייהייט.

די גאַנצע תורה. אַלע דינים פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה איז נישט מער ווי אָפּצוהיטן דעם געטלעכן און מענטשלעכן סדר און דעם סדר פון אַלע באַשעפענישן — פון פרייהייט פון מענטש און פאָלק.

שבת און יום טוב, כשר און טריפה, טמא און טהור, הייליק און וואָכעדיק, כלאיים און שעטנז — וואָס זענען די אַלע חוקים און דינים, אויב נישט צו דערציען דעם מענטש און ייד. ער זאָל קענען לעבן לויט אַ מענטשלעך־יידישן סדר. די אַלע דינים וועגן נשואין וגרושין, דאָס גאַנצע יידישע פאַמיליע לעבן, וואָס איז עס דען, אויב נישט צו האַלטן דעם יידיש־מענטשלעכן סדר.

און אַלע געזעצן אויף דעם געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלן געביט פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, זענען דען מער ווי האַלטן סדר אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש?

חומשים, נביאים, משנה, תלמוד, ארבע שלחן־ערוך'ס, חושן־משפט'ס א.א.וו. וויפיל סדר שטעקט אין דעם אַלעם. און טאָמער טרעפט אַמאָל, אַז עס דאַכט זיך, אַז איין וואָרט, איין נקודה שטייט נישט אויף זיין אָרט, איז הימל עפן זיך. ברעכט מען זיך דעם קאָפּ אויסצוגעפינען: פון וואַנען קומט דער פאַל

פון נישט־סדר און מען פרוווט זוכן פאַרשידענע סיבות דערצו.

וויזט דאָס אַלץ נישט, ווי מיר יידן, ווען מיר לעבן, פילן און טראַכטן ווי יידן, ווי פילבאַר מיר זענען אויף דעם, אַז עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן דער סדר?

ג.

דער גאַנצער קאַמף, וואָס דאָס יידישע פאָלק פירט מיט זיך און אַנדערע מיט דעם גלות, פאַר ארץ־ישראל איז נישט מער ווי אַן אייביקער געראַנגל מיט זיך און אַנדערע, אַז מיר זאָלן קאָנען זיין דאָס, וואָס מיר זענען, זאָלן קאָנען לעבן לויט אונזער סדר (לעבן לויט אַ פרעמדן סדר — הייסט תוהו ובוהו) אין אונזער לאַנד.

ווען מיר האָבן אונטער דעם איינפלוס פון פרעמדע פעלקער, פרעמדע קולטורן, פרעמדע שפּראַכן, פרעמדע סדורים, פאַרנאַכלעסיקט אונזער אייגנאַר־טיקן סדר — האָט זיך אָנגעהויבן אונזער אומנאָרמאַלקייט. איז געקומען צום העכסטן פונקט פון נישט־סדר, פון גלות... גלות איז דער גרעסטער שונא פון סדר, פון סדר פאַר דער גאַנצער וועלט און ספּעציעל פאַר דעם יידישן פאָלק.

די גוים האָבן נאָך איין טעות. זיי מיינען, אַז גלות הייסט אומאָרדענונג בלויז פאַר יידן. דער אמת איז, אַז גלות הייסט אומאָרדענונג אויך פאַר זיי, פאַר די גוים.

דער אמת איז דאָך, אַז מיר יידן האָבן אַ ביסל צעטרייסלט דעם סדר ביי די גוים. עס איז דאָך נישטאָ קיין געביט אין לעבן, וווּ דער ייד האָט נישט געשטערט דעם גוישן־סדר, האָט נישט אַריינגעברענגט עפּעס יידיש אין דעם גוישן סדר.

מיר יידן לעכצן און בענקען נאָך אַ ביסל סדר. און די גאַנצע אומצו־פרידנהייט אין מדינת ישראל איז דאָך אויך נישט מער ווי אַן אויסדרוק פונעם ווילן, עס זאָל זיין מער סדר...

גלות הייסט: נישט קיין סדר, גאולה — איז סדר, אָרדענונג. ווען מיר אַלע אין מדינת ישראל און די יידן אין גלות וועלן אָנהייבן פילן, אַז מיר קאָנען מאַכן א סדר, אַן אמתן יידישן סדר, דאַן וועט די אתחלתא דגאולה פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ גאולה שלימה, דאַן וועלן אויך אויפהערן די אינערלעכע אַרומרייסענישן, דאַן וועלן מיר און אַנדערע זעען, אַז: אכן יש סדר לישראל ובישראל!

פון יציאת מצרים ביז היינט האָבן מיר נישט אויפגעהערט אָפּצוריכטן דעם סדר פסח ביי נאַכט, געעפנט די טיר און געזאָגט שפוך־המתך אויף די אַלע, וואָס האָבן אויף אונז אויסגעטראַכט דעם בלבול, אַז מיר ווילן נישט קיין סדר, אַז מיר האָבן נישט ליב קיין סדר.

ביי שקלאַפן איז נישטאָ קיין סדר, מענטשן פרייע קאָנען לעבן מיט סדר.

— השתא עבדי, לשנה הבאה בני־חורין — האָבן מיר געזאָגט צוויי טויזנט יאָר. און עס זאָגן עס נאָך מיליאָנען יידן אין גלות. זאָלן מיר דאָ אין מדינת ישראל פילן דעם חרות און אָפּהיטן דעם אמתן יידישן סדר...

נישט קיין טויט-שטראָף

א.

די פראַגע וועגן טויט־שטראָף־געזעץ אין מדינת ישראל שטייט שוין ווידער אויף דער טאָג־אָרדענונג. און אויב מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז די עפנטלעכע מיינונג געווען קעגן טויט־שטראָף, קאָן מען איצט האָבן דעם איינדרוק, אַז אין דער פראַגע איז אַריינגעטרעטן אַן ענדערונג.

עס איז נישט קיין ספק, אַז די ענדערונג איז אַ רעזולטאַט פון די פיל מאָרד־פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען לעצטנס אין דער מדינה און די טויט־שטראָפן, וואָס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן. אָבער דווקא די ענדערונג אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג דאַרף זיין פאַר אונז אַ וואָרענונג נישט צו איילן זיך מיט אַ געזעץ וועגן טויט־שטראָף. די פראַגע פון הרגענען אַ מענטש ביי יידן, אַפילו אַ רוצח, איז איינס פון די האַרבסטע פראַגן. עס רירט אָן אין דעם הייליקסטן פון הייליקסטן פון יידנטום, פון זיין גלויבן, פון זיין תורה, פון זיין עקזיסטענץ, פון זיין האָפענונג אין אַ בעסערער און שענערער צוקונפט פון דער מענטשהייט בכלל.

דעריבער קאָן מען נישט צוגיין צו דער פראַגע אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער שטימונג, וועלכע איז באַאיינפלוסט פון פאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען, ווי שווער די דערשיינונגען זאָלן נישט זיין. וואָלטן מיר נישט געגלויבט, אַזוי ווי יידן מאמינים גלויבן, אַז אַלע שלעכטע שאָטן־זייטן אין דער מדינה זענען צייטווייליקע און אַז מיר וועלן דאָס אַלץ איבערווינדן — וואָלט די מדינה נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. אוודאי דאַרפן מיר אַלץ טאָן צו באַזייטיקן די שאָטן־זייטן. אָבער די מיטלען דערצו קאָנען נישט זיין אַזעלכע, וועלכע רירן אָן, ווי געזאָגט, דאָס הייליקסטע פונעם יידנטום, פונעם מענטשלעכן לעבן, וואָס קיינער איז נישט באַרעכטיקט אַוועקצונעמען, אַפילו נישט דער מענטש אַליין.

ב.

פאַר אַ רעליגיעזן ייד איז דער ענין פון טויט־שטראָף אַ גאַנץ קלאָרער: אַפילו אין דער צייט, ווען עס איז געווען דער סנהדרין, און מען האָט קיין מענטש נישט געקאָנט באַשטראָפן אָן דעם מען זאָל דעם באַשולדיקטן פריער וואָרענען (התראה) און אויספאָרשן די עדות, נישט דעם באַשולדיקטן (אויף זיינע רייד האָט מען זיך איבערהויפּט נישט פאַרלאָזט, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז אַ באַשולדיקטער אין אַ פאַרברעכן איז פסיכיש נישט פעאיק צו זאָגן דעם אמת); דאָס געריכט האָט געדאַרפט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון 23 ריכטער און ביזן אויספירן דעם טויט־אורטייל — האָט מען געקאָנט יעדע רגע ענדערן דעם פסק־דין,

אויב ס'איז עמעצער געקומען און האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ נייע עדות־דערקלערונג — און דאָך זאָגט אונז די גמרא, אַז ווען דורך זיבעציק יאָר האָט מען איינמאָל געפסקנט און אויסגעפירט אַ טויט־אורטייל, האָט מען דאָס געריכט גערופן אַ „געריכט פון מערדער". על אחת כמה קאָן אַ רעליגיעזער ייד נישט געבן זיין האַנט, זיין שטים פאַר אַ געזעץ פון טויט־שטראָף ביי דער היינטיקער פּראָצעדור פונעם געריכטס־וועזן און צוזאַמענשטעל פון ריכטער, וווּ דריי מענטשן אַליין קאָנען דעצידירן וועגן אַ מענטשנס לעבן, לויט די עדות פונעם באַשולדיקטן אַליין א.א.וו.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס קיין שום טייל פונעם רעליגיעזן יידנטום אין ישראל האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט פאַר טויט־שטראָף. אַלע זענען אין איין מיינונג — קעגן דעם געזעץ.

ביי א ייד אַ מאמין, ווען ער דאַרף משפּטן אַ מענטש פאַר אַ טאַט, פאַר וועלכער עס קומט טויט־שטראָף — איז דאָס אַליין פאַר אים שוין דאָס שרעק־לעכסטע. ער משפט נישט בלויז דעם מענטש, וועלכער שטייט פאַר אים, נאָר ער משפט דעם מענטש ביז סוף כל הדורות...

ג.

בפרט היינטיקע צייטן אין מדינת ישראל. קאָן דען ווער צווייפלען, אַז מיר אַלע (נישט וויכטיק מאַמענטאַל ווי אַזוי און פאַרוואָס) זענען אומדירעקטע שותפים אין דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער מדינה. קאָנען מיר דען זאָגן מיט א רואיק געוויסן „ידינו לא שפכו"? דאָס, וואָס אונז איז נישט געלונגען אין די לעצטע פינף יאָר צו געבן דערציאונג, אַרבעט און סאָציאלע פאַר־זאָרגונג דער יוגנט און די עלטערע — האָט דען נישט צוגעברענגט מענטשן יונג און אַלט צו גזלענען, ראַבעווען און אויך רצחנען?! איז דען נישט די פאַרצווייפ־לונג, אין דעם גרעסטן טייל פאַלן, די סיבה פון די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון מאָרדן?!

און צי קאָנען מיר מיט אַ שטיל־רואיק געוויסן זאָגן, אַז די נישט־רעליגיעזע דערציאונג האָט נישט קיין גרויסן חלק אין די נעגאַטיווע דערשיי־נונגען? מען האָט געלערנט דער יוגנט און די עלטערע צוזאַמען, אַז עס איז „לית דין ולית דיין", אַז דער מענטש איז נישט מער ווי אַ חיה, וועלכע קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ, אַז דער מענטש שטאַמט פון אַ חיה, — פאַרוואָס זאָל ער זיך דאַן נישט פירן ווי א חיה?! ווען מען האָט אַריין דער יוגנט אין קאָפּ נישט צו גלויבן אין תורה, נישט מקיים צו זיין מצוות, אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן פון זייערע עלטערן, וועלכע רעדן וועגן גאָט, תורה און רעליגיעז־מענטשלעכע יידי־שע מאָראַל — וואָס זאָל זיי צוימען, אַז אין געוויסע שווערע פּסיכאָלאָגישע מאָ־מענטן זאָל ער נישט זען ס'לעבן ווי הפקר, זיינס אָדער יענעמס. און מערסטנטייל, פאַרשטייט זיך, יענעמס לעבן?!

און ווען מיר, די געזעלשאַפט, טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער געשאַפענער לאַגע, ווער גיט אונז דאָס רעכט צו פאַרמשפּטן צום טויט די,

װעלכע זענען אַ קרבן פֿון דער הפקרות, צו װעלכע מיר אַלע זענען שותפים?!

כל זמן מיר האָבן נישט געטאָן און טאָן אויך נישט אַלץ צו שאַפֿן אַ הייליקע באַציאונג צום מענטשלעכן לעבן, צו דערװייטערן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות, װעלכע פֿירן מענטשן צו װערן אַפֿילו מערדער, װען מיר האָבן גאָרנישט געטאָן (מיר טוען נאָך פֿאַרקערט), כדי איינצופֿלאַנצן צוריק אין דער פֿאַרצװייפֿלטער יוגנט אמונה, קדושה, טהרה, און אַז דער מענטש איז נישט קיין חיה, נאָר ער טראָגט אין זיך אַ געטלעכן פֿונק — כל זמן מיר האָבן דאָס אַלץ נישט געטאָן, האָבן מיר נישט קיין רעכט צו באַשטראָפֿן מיט טויט די, װעלכע גליטשן זיך אויס.

װעלן מיר דאָס אַלץ טאָן — װעט דער פּראָצענט פֿון מערדער ביי יידן זיין אַזאַ קליינער, אַז דער גאַנצער פּראָבלעם װעט נישט זיין אַקטועל.

אָבער דאָס װעלן מיר נישט דערגרייכן דורך טויט־שטראָף.

ד.

טויט־שטראָף װעט נישט אָפּשרעקן דעם, װעלכער איז שוין אַזוי פֿאַר־דאָרבן, אַז ער שרעקט זיך נישט פֿאַר קיין שום שטראָף.

איינס פֿון די ביידע: די, װעלכע זענען אמתע דעגענעראַטן און מיר זענען זיך איינגעאָנצן פֿון זיי מתיאש, װעלן זיך נישט אָפּשרעקן פֿון טויט־שטראָף. זייער אייגן לעבן איז ביי זיי נישט מער װערט װי יענעמס לעבן. װידער די, װעלכע זענען געװאָרן מערדער אין רעזולטאַט פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדע־נונג און לאַגע — זענען מיר דאָך מיטשולדיק אין זייער שולד און קיינער גיט אונדז נישט רעכט זיי צו פֿאַרמשפּטן צום טויט. און פֿאַר אָט די מענטשן איז גענוג אייביקע תּפֿיסה.

און דאָס איז חל אויך אויף דער פֿראַגע פֿון טויט־שטראָף קעגן פֿאַרע־טער, בוגדים קעגן דער מדינה. זענען מיר דאָך געװוען עדות שוין אין מדינת ישׂראל, װי אַ מיליטערישע געריכט האָט פֿאַרמשפּט צום טויט איינעם, װעלכן מען האָט חושד געװוען אין בגידה. און ערשט נאָכן טויט האָט אַ צװייט געריכט אויס־געפֿונען, אַז עס איז געמאַכט געװאָרן אַ פֿאַטאַלער טעות.

אָבער דאָס, װאָס דאָס צװייטע געריכט האָט אויסגעפֿונען נאָך יענעמס טויט, האָט שוין יענעם נישט צוריק געגעבן דאָס לעבן. איז װאָס די איילעניש מיט טויט־שטראָף? אַלס שטראָף איז גענוג, װען מען מאַכט דעם באַשולדיקטן אומשעדלעך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט דורך אייביקער תּפֿיסה און װידער, אַז אַנ־דערע זאָלן לערנען דערפֿון און זיך אָפּשרעקן — איז אָדער זיי װעלן זיך אָפּ־שרעקן פֿאַר לעבנסלענגלעכע תּפֿיסה, אָדער זיי װעלן זיך נישט אָפּשרעקן אויך פֿאַר טויט־שטראָף.

— * —

די אַלע נעגאַטיװע דערשיינונגען אינעם לעבן פֿון אונדזער יונגער מדינה — רעליגיעזע, מאָראַלישע, געזעלשאַפֿטלעכע — זענען פֿאַרבייגייענדיקע. מיר, די געזעלשאַפֿט, די מדינה, די פּאַרטייען, די גייסטיקע פֿירער דאַרפֿן אַלץ טאָן צו

דערוווייטערן די סיבות, וועלכע האָבן געבערענגט צו דער לאַגע. איינס פון די זאַכן, וואָס מיר דאַרפן טאָן, איז איינצופלאַנצן אין דער געזעלשאַפט דאָס געפיל פון הייליקייט פונעם מענטשלעכן לעבן און דווקא דאָס נישט באַשטימען קיין טויט־שטראָף געזעץ קען דינען אַלס גרויסער דערציאונגס־פאַקטאָר פאַר דער הייליקייט פונעם מענטשלעכן לעבן אין מדינת ישראל.

דער עצם־פאַקט, וואָס אַפילו דאָס געריכט קאָן זיך נישט דערלויבן צו באַרויבן קיין מענטשלעכע לעבנס, קאָן דינען אַלס זייער וויכטיקער דערציאונגס־פאַקטאָר אין איינפלאַנצן אַ הייליקע באַציאונג צו מענטשלעכע לעבנס.

זיכער, אַז צו דעם גוויסקט זיך איינצופלאַנצן בכלל אינעם מענטשלעכן געוויסן, געפיל, אַז עס איז דאָ הייליקייט אויף דער וועלט, אַז דאָס געבאָט פאַרן מענטשלעכן לעבנס־אינהאַלט איז: קדושים תהיו! מיר זאָלן זיין הייליק אין אונזער פירונג, אין אונזער לעבנס־וועג. דאַן וועלן מיר נישט האָבן ביי אונז קיין מערדער, אַזוי ווי עס זענען אַזעלכע כמעט נישט געווען ביי יידן ביז איצט.

נישט טויט־שטראָף, נאָר הייליקייט פונעם לעבן פאָדערט זיך.

אַ תשובה אויף 2 פראַגן

„אַ לייענער פון די „לעצטע נייעס" פון ערשטן נומער אָן", וועלכער וווינט אין שכונת מונטיפיורי נעבן תל־אביב און וויל נישט, איך זאָל פאַרעפנט־לעכן זיין נאָמען, פרעגט מיך צוויי פראַגן, און ער פאַרזיכערט מיר, אַז אַ סך לייענער פרעגן די זעלבע פראַגן „אַפילו ווען זיי שרייבן נישט" צו מיר.

די פראַגן זענען:

1. „נאָכדעם ווי דער סאטמארער רבי האָט געאסרט צו גיין צו די וואַלן צו דער כנסת, מיט וואָס פאַר אַ רעכט רופן אַנדערע רבנים און רביים יאָ צו שטימען צו דער כנסת און נאָך אין נאָמען פון דער תורה הקדושה. צי איז דאָס נישט אפיקורסות חלילה? און ווי אַזוי קומט דער מזרחי און הפועל המזרחי צו רופן צו שטימען פאַר זייער ליסטע, נאָך דעם ווי די רביים רופן צו שטימען פאַר דער ליסטע פון אגודה — דאָס איז דאָך ווידער אפיקורסות".

2. „איך האָב נעכטן געלייענט דאָס אַרטיקל „מדינה און רעליגיעזע פּראָבלעמען" פון משה קול אין „לעצטע נייעס", ווו ער שטיצט זיך אויף הרב מימון, אַז ער האָט געוואָלט אַ סנהדרין, בכדי מבטל צו מאַכן חליצה און יבום. איז דאָס אמת"?

איך וויל פאַרזיכערן דעם לייענער, אַז טראָץ דעם, וואָס די פראַגן זענען זייער שווערע און אַפילו אַ ביסל פאַרפלאָנטערטע, וועל איך זיך באַמיען זיי קלאָר צו מאַכן, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך, נישט פאַרפלאָנטערנדיק זיך אין דער וואַל־אַגיטאַציע.

— * —

מיר ווייסן, אַז שטענדיק זענען געווען חלוקי דעות וועגן פאַרשידענע פראַגן, ווי אַזוי דאַרף מען זיך פירן לויט דער תורה. מיר געפינען די מחלוקות נאָך אין דער משנה, גמרא, צווישן די פוסקים און צווישן די רבנים אין זייערע שאלות ותשובות. די מיינונגס־פאַרשידנהייטן זענען אַנטשטאַנען ווי אַזוי מכוון צו זיין צום זמת פון דער תורה.

און ווייל די אַלע מתווכחים זענען געשטאַנען אויף דעם יסוד פון אמונה אין רבונו של עולם, פון אמונה אין תורה מן השמים, האָט מען אויף דעם גע־זאָגט „אלו ואלו דברי אלקים חיים". ווייל אַלע האָבן דאָך געהאַט איין ציל: ווי אַזוי מכוון צו זיין צום רצון פונעם בורא און מקיים זיין די תורה, פאַרשטאַרקן די אמונה די חלוקי־דעות זענען קיין מאָל נישט געווען אינעם עצם יסוד פון דער אמונה אין בורא עולם און נישט אינעם יסוד פון תורה מן השמים. דעריבער אי די, וועלכע האָבן געאסרט, אי די, וועלכע האָבן מתיר געווען — זענען געווען גלייכבערעכטיקטע יידן און נישט קיין אפיקורסים חלילה.

די פראַגע איז געשטאַנען: ווי דאַרף מען זיך פירן למעשה? איז דער ענטפער: מען האָט כמעט שטענדיק געפסקנט ווי דער רוב האָט באַשלאָסן, די מערהייט. דער באַשלוס פון דער מערהייט האָט פאַרפליכטעט אויך דער מינדער־הייט, וועלכע האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון דער מערהייט, אָנגע־מענדיק, אַז די מערהייט האָט מכוון געווען צום אמת, און ביידע האָבן דאָך גע־זוכט דעם אמת אין דער תורה.

דאָס איז אַלץ געווען, ווען מיר האָבן געהאַט אַ סנהדרין, די העכסטע אינסטאַנץ, וועלכע האָט עוסק געווען אין איין זאַך: זוכן און פאַרטיפן זיך אויסצו־געפינען די אמתע כוונה פון דער תורה.

נאָכדעם ווי „בעוונותינו הרבים" האָבן מיר נישט קיין סנהדרין, זענען אַלע פוסקים אייניק אין דער דעה, אַז דער מרא־דאתרא, דער שטאָט־רב, וועלכער איז געוויילט געוואָרן, איז דער לעצטער פוסק. זיין פסק־הלכה איז מחייב אַלע איינוווינער פון שטאָט. אין פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם גאַנצן לאַנד, איז קובע דער פסק־הלכה פון די רבנים הראשיים, וועלכע זענען די רבנים פונעם גאַנצן לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז עס רעדט זיך וועגן רבנים, וועלכע זענען מאמינים אין בורא עולם און אין תורה מן השמים, און זוכן אַן ענטפער אויף אַלע פראַגן אין דער תורה.

און ווייל עס איז דאָ זייער שווערע פראַגן, וועלכע זענען נוגע היינט דער גאַנצער מדינה און דעם גאַנצן יידישן פאָלק, און עס איז נויטיק, אַז עס זאָל זיין אַן איינהייטלעכע תורה־אויטאָריטעט פון יודעי דת־ודין, וועלכע גלויבן אין בורא און אין תורה מן השמים, און זיי זאָלן ענטפערן אויף אַלע פראַגן אינעם ליכט פון דער תורה, און זייער פסק־דין, פון דער מערהייט, זאָל מחייב זיין אַלע יידן מאמינים — האָט הרב מיימון, ווי אויך דער שרייבער פון די שורות און אַנ־דערע, געהאַלטן, אַז מען דאַרף שאַפן די סנהדרין, נישט פאַר די צוועקן, וועלכע קול ווייל, נאָר בכדי צוריק צו שאַפן א פסק הלכה, וועלכער זאָל מחייב זיין אלע יידן מאמינים.

— * —

כל זמן מיר האָבן נישט זוכה געווען צו אַ סנהדרין, איז די העכסטע הלכהשע אויטאָריטעט פאַר אַלע יידן מאמינים, וועלכע לעבן אין ארץ־ישראל — די רבנות הראשית.

די רבנות הראשית, לויטן דין, פאַרפליכטעט אַלע יידן מאמינים, וועלכע ווילן זיך פירן לויט דער תורה, צו פאָלגן דעם פסק־דין. ווען די רבנות הראשית דערקלערט, אַז מדינת־ישראל איז „ראשית צמיחת הגאולה", דאַרפן אַלע יידן מאמינים ציען אַלע קאָנסעקווענצן פון דעם. ווען די רבנות הראשית פסקנט, אַז פרומע יידן דאַרפן זיך באַטייליקן אין די וואַלן צו דער כנסת, דאַרפן אַלע יידן מאמינים אזוי זיך פירן.

אי דער סאטמארער רבי טראַכט אַנדערש, האָט ער רעכט צו זראַכטן

ווי ער וויל און אַפילו זאָגן זיין מיינונג ווי ער טראַכט, אָבער דער סאטמארער רבי איז נישט דער פּוסק למעשה, נאָר די רבנות הראשית. און ווען אַנדערע רביים און רבנים רופן יאָ זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן, טראָץ דער מיינונג פון סאטמארער רבין, איז אין דעם חלילה נישטאָ קיין שמץ פון אפיקורסות. פאַר־קערט: דערמיט האָבן זיי נאָר פאַרשטאַרקט די אויטאָריטעט פון רבנות הראשית אין דעם פּונקט: פון גיין צו די וואַלן צו דער כנסת.

די רבנים און רביים, וועלכע נישט קוקנדיק אויף דעם סאטמארער רבינס מיינונג, רופן יאָ צו גיין צו די וואַלן פון דער כנסת, און מיט רעכט, ווייל אַזוי האָט געפּסקנט די רבנות הראשית, און זיי זעען נישט קיין שמץ פון אפיקור־סות, ווען זיי רעכענען זיך נישט מיט דער מיינונג פון סאטמארער רבין, האָבן זיי במילא דורך דעם געגעבן רעכט דעם המזרחי, הפועל המזרחי און די רבנים און רביים, וועלכע האַלטן נישט, אַז דער וועג פון דער אגודה איז אַ ריכטיקער — זיי זאָלן רופן יידן מאמינים צו שטימען פאַרן מזרחי און הפועל המזרחי. ווידער־אַמאָל די פּוסקים הלכה למעשה איז די רבנות הראשית פאַר יידן מאמינים. די רבנות הראשית ווידער האָט נישט געפּסקנט, אַז מען דאַרף שטימען פאַר דער אגודה, איז דעריבער דער רוף פון אַלע רבנים און רביים, וועלכע רופן צו שטי־מען פאַר דער אגודה, נישט קיין פּסק־הלכה, עס איז נישט מער ווי אַ מיינונג פון די רבנים און רביים, וועלכע געהערן צו דער אגודה, אָדער זענען נאָענט צו דער אגודה. אַלע, וועלכע געהערן צום מזרחי און הפועל המזרחי, קאָנען האָבן אַ פּונקט פאַרקערטע מיינונג. דער רוף צו שטימען פאַר דער אגודה איז אַ רוף פון דער אגודה, פּונקט ווי דער רוף פון מזרחי און הפועל המזרחי איז אַ רוף פון מזרחי און הפועל המזרחי. ביידע זענען נישט קיין פּסק־הלכה. אַ פּסק־הלכה איז נאָר די רבנות הראשית באַרופן צו געבן. און ווען צוליב וועלכע עס איז סיבה האָט די רבנות הראשית נישט געגעבן קיין פּסק־דין — איז יעדער ייד, וועלכער איז אַ מאמין, פריי אַליין צו באַשליסן, וועלכער וועג איז ריכטיקער — דער וועג פון דער אגודה אָדער פונעם המזרחי און הפועל המזרחי. דער וועג, וועלכער האָט געפירט דערצו, אַז אַ גרויסער טייל יידן מאמינים זענען נישט גע־גאַנגען קיין ארץ־ישראל און די מערהייט אין ארץ־ישראל איז צוליב דעם נישט קיין רעליגיעזע, אָדער דער וועג פון מזרחי, באַזונדערס פון הפועל המזרחי, וואָס אַ דאַנק זיי זענען צענדליקער טויזנטער יידן מאמינים געקומען קיין ארץ־ישראל און געשאַפן אַ רעליגיעז לעבן, און אַ דאַנק זיי איז דאָך דאָ אַ שטאַרקער רעלי־גיעזער כוח אין מדינת ישראל, וועלכער האָט מצליח געווען אַריינצוברענגען זייער וויכטיקע יסודות פון דער תורה אין מדינת ישראל.

יעדער פרומער ייד האָט רעכט צו באַשליסן אליין, צי איז ריכטיק דער וועג פון די, וועלכע זאָרגן אַריינצונעמען די טויזנטער עולים רעליגיעזע יידן, וועלנדיק, אַז מדינת ישראל זאָל פון „ראשית צמיחת הגאולה" פירן צו דער גאולה, אָדער עס האָבן רעכט די, וועלכע די גאַנצע „מדינת ישראל" גייט זיי נישט זייער פיל אָן, זיי ווילן נאָר, אַז מדינת ישראל זאָל זיי נישט שטערן צו זיין פרומע יידן.

עס איז נישטאָ קיין שמץ פון אַפּיקורסות נישט אינעם רוף פון די רבנים און רביים צו גיין צו די וואַלן, טראָץ דער מיינונג פון סאַטמאַרער רבין, און ס'איז נישטאָ קיין שמץ פון אפיקורסות אינעם רוף צו שטימען פאַר הפּועל המזרחי און מזרחי.

יעדער ייד א מאמין דאַרף באַשטימען, וועלכער וועג איז דער ריכטיקער.

— * —

און איצט אויף דער צווייטער פראַגע: כאילו הרב מימון האָט פאָרגעשלאָגן א סנהדרין. בכדי מבטל צו זיין חליצה און יבום.

פון דעם אויבנגעזאָגטן ווייסט איר שוין, אַז נישט דאָס איז געווען הרב מימונס כוונה. הרב מימון רעדט וועגן אַ סנהדרין פון מאמינים, וועלכער זאָל אַריינברענגען די תורה אינעם יידישן לעבן און נישט חלילה מבטל צו זיין די תורה, בשעת ה' קול רעדט וועגן אַ סנהדרין, וואָלט איך געזאָגט, פון ראבייס.... ה' קול זוכט וועגן נישט ווי אַזוי מען זאָל קאָנען מקיים זיין די תורה אין מדינת־ישראל, נאָר פאַרקערט, בשעת הרב מימון זוכט וועגן ווי אַזוי מקיים צו זיין די תורה אינעם לעבן פון מדינת־ישראל.

דאָס איז דער אונטערשייד צווישן הרב מיימון און ה' קול.

— * —

איך ווייס נישט צי מיינע ענטפערס זענען אַזוי קלאָר, ווי דער לייענער האָט עס פון מיר געפאָדערט, אַז יעדער ייד זאָל זיי פאַרשטיין. איך האָב זיך יעדנפאַלס באַמיט דאָס צו טאָן.

אַמעריקע צווייפלט אין מדינת־ישראל

„....פיל יידן אין ישראל טראַכטן, אַז דאַלעסעס רעדע האָט פיל טיפערע וואָרצלען. לויט זייער מיינונג הויבט אַמעריקע אָן צווייפלען אין דער ציוניסטישער גרונט־אויפפאַסונג, אַז ישראל האָט וואָס צו געבן דער וועלט, עס באַטראַכטיקט איר עקזיסטענץ".

(לאָנדאָן, „טיימס", 20.6.53)

א.

דאַלעסעס באַוווסטע אומסימפּאַטישע רעדע פאַר ישראל איז נאָך נישט אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג־אָרדענונג פון דער וועלט־פּרעסע. דאָס ווייזט ווי וויכטיק די וועלט־פּרעסע שאַצט־אָפּ די רעדע, אַז איצט, איבער אַ חודש, ווערט זי נאָך קאָמענטירט. דאָס ווייזט אויך אונז, אַז מיר זאָלן זיך נישט באַציען מיט גרינגשעצונג, מיט טרייסטן זיך, אַז די רעדע איז נישט די אָפיציעלע שטעלונג פון אַמעריקע.

— * —

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז די אויבנדערמאָנטע סיבה, וועלכע ווערט געבראַכט פון „טיימס", האָט געבראַכט צו דאַלעסעס שטעלונג. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז אַמעריקעס דראַנג נאָכן מיטעלן מזרח און די פאַלשע אָפּשאַצונג פון די אַראַבישע כוחות האָט געברענגט דאַלעסן צו זיין איצטיקער מיינונג. און איצט זוכט מען די מיינונג צו באַזירן אויף מכלומרשטע אידעאָלאָגישע יסודות. און אָט די באַגרינדונג איז פאַר אונז נישט ווייניקער געפערלעך ווי דאַלעסעס מיינונג זעלבסט. ווייל רעאַל־פּאָליטישע מאָטיוון קאָנען זיך ביי געוויסע סיטואַציעס ענדערן, אָבער אידעאָלאָגישע מאָטיוון ווערן פאַרוואַנדלט אין אן אייביקייטס וויכוח.

ביי מיר אין זכרון איז נאָך פאַרבליבן בעווינס אידעאָלאָגיע, וועלכע ער האָט אַנטוויקלט פאַר אַ זייער הויכע נישט־יידישע גייסטלעכע פּערזענלעכקייט אין לאָנדאָן, אַז אַ יידישע מדינה אין ישראל וועט זיך שטעלן אין שפּיץ פון דעם „אויפוואַכנדן מזרח" מיט רוסלאַנד בראש קעגן דעם „קריסטלעכן אונטערגייענדיקן מערב". ווען ער האָט אַפילו געזען, אַז ער האָט אַ טעות געמאַכט (און מדינת־ישראל איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם טעות), האָט ער זיך דאָך נישט געקענט באַפרייען פון דער אידעאָלאָגיע זיינער.

— * —

עס פאָדערט זיך דעריבער אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט באַלד ביים אָנפאַנג צונישט צו מאַכן אָט די אידעאָלאָגיע פון דאַלעסן.

קודם־כל דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דער ציוניזם איז געקומען

אין דער ערשטער רייע צו געבן אַ „מקלט בטוח", אַ זיכערע היים פאַר די מי־ליאָנען יידן, וועלכע צוליב פאַרשידענע סיבות האָבן זיי קיין „זיכערע היים" נישט געפונען אין קיין שום פּלאַץ אויף דער וועלט. נישט די אַמעריקאַנער רעגירונג און נישט קיין אַנדערע האָבן געעפנט זייערע טויערן פאַר דריי פערטל מיליאָן יידן, וועלכע זענען אַנגעקומען קיין ישראל. נישט קיין אַנדערע ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געזאָרגט, אַז די יידן זאָלן קאָנען קומען אין מדינת ישראל. נישט קיין אַנדערע ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט דער הילף פון מדינת ישראל טוען אַלץ, אַז די יידן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין אַפריקע און אונטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג" זאָלן קאָנען קומען קיין ישראל.

דער ציוניזם און מדינת ישראל זענען נישט אויף דער וועלט געקומען, בכדי עפּעס צו זאָגן אַנדערע. עס איז אַ גרויסער ספק, צי די וועלט איז גרייט עפּעס צו הערן פון יידן. דער ציוניזם איז געקומען עפּעס זאָגן דער יידישער וועלט קודם־כל. און דער יידישער וועלט האָט דער ציוניזם געזאָגט: א סוף צו דער אייבקער פרעמדקייט און וואַנדערונג.

דער ציוניזם און מדינת ישראל האָבן נישט אַנטוישט דאָס יידישע פאָלק. פאַרקערט: דאַכט זיך, אַז זייער ווייניק באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס קאָנען וויזן אַזאַ דערפאָלג, ווי דער ציוניזם און מדינת ישראל אין זייער הויפּט־אויפ־גאַבע פון קיבוץ גלויות, פון אַ „מקלט בטוח".

— * —

אוודאי, מיר גלויבן און מיר זענען טיף איבערצייגט אין דעם, אַז וואָס מער יידן עס וועלן זיך קאָנצענטרירן אין מדינת ישראל, וועט דער יידישער גייסט ווידער אויפלעבן. די קאָנצענטראַציע פון מאַסן יידן אין זייער אייגן לאַנד וועט מיט זיך ברענגען א יידישן אייגנאַרטיקן רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון לעבן.

אַזאַ זאַך כאַפּט זיך אָבער נישט. עס מוז געדויערן אַ ביסל. אָבער מיר האָבן דעם פעסטן גלויבן און די זיכערקייט, אַז דער הויפּט־ציל, פאַר וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע מדינה — די קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק — וועט דערגרייכט ווערן.

— * —

מיט דאַלעסן האָט עס אָבער נישט צו טאָן. ווען ער איז ווירקלעך אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן זיין וואָס מיר דאַרפן זיין און וואָס מיר האָפן, אַז מיר וועלן עס זיין, איז נישט דער וועג פון שטערן אונז דורך רייצן די אַראַבער קעגן אונז, נאָר דורך געבן אונז אַ מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן רואיק בויען אונזער מדינה, אָן פּחד פון מלחמה מצד דער אַראַבישער זייט. און אַז מיר זאָלן זיך קאָנען אָפּגעבן מיט דעם גייסטיקן יידישן רענעסאַנס.

דאָס אַלץ איז געזאָגט כלפּי חוץ, אָבער צווישן אונז געזאָגט, דאַרף מען וויסן, אַז אָט דער דאַלעסעס געדאַנקען־גאַנג האָט אין זיך געוויסע אמתן. פאַר־לויפיק האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס אָפּגענויגט זיין גייסטיקן זין. דאַלעסעס

רעדע דאַרף דעריבער זיין פאַר אונז אַ שטויס צו אַ טיפערן חשבון־הנפש. מיר דאַרפן פּרווון טראַץ אַלע צרות, און אפשר צוליב די אַלע צרות, זען אונזער גייסטיק־טרויעריקע ווירקלעכקייט און זוכן די וועגן אויף בעסער מאַכן.

זאָלן מיר מודה זיין: מדינת ישראל האָט ביז איצט אין אַ גרויסער מאָס אַנטוישט. נישט וויכטיק די סיבות. ווען זיי זאָלן זיין די אָביעקטיווסטע, ענדערן זיך נישט די פאַקטן. און אויב מיר זעלבסט לערנען עטוואָס פון דעם, ווי אַזוי צו באַזייטיקן די סיבות, אָבער פרעמדע פאַראינטערעסירט דאָס איבערהויפּט נישט. זיי זענען גאָרנישט פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן באַזייטיקן די סיבות. זיי זענען צופרידן, אַז די זאַך־לאַגע איז אַזעלכע, אַז זיי קאָנען „אָנהויבן צווייפלען צי ישראל האָט וואָס צו געבן דער וועלט".

— * —

דער צווייפל איז אָבער נישט בלויז אַן אויסערלעכער. אויך די יידישע וועלט, און אַפילו אין מדינת ישראל הויבן זיך אָן פיל שרעקן פאַר דער גייסטי־קער אינהאַלט־לאָזיקייט פון מדינת ישראל. נישט ווייל מיר האָבן נישט וואָס צו זאָגן דער וועלט, נאָר ווייל מדינת ישראל, אויסער איר טיפן היסטאָרישן אינהאַלט, — האָט פאָרלויפיק אַנטוישט אין גייסטיקן זין.

ביי מיין לעצטן באַזוך אין אַמעריקע, אַלס ראש־העיר פון ירושלים, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו קומען אין באַרירונג מיט מענטשן פון פאַר־שידענע שיכטן. און אינטערעסאַנט, כמעט אַלע שמועסן האָבן זיך קאָנצענטרירט ארום איין פּונקט: צי האָט ירושלים עפּעס צו זאָגן דער וועלט, דער יידישער ווי דער נישט־יידישער? וואָס באַדייט, האָט מען מיך געפרעגט, אין היסטאָרישן זין פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, מדינת ישראל און ירושלים אַלס רעזידענץ?

רעפאָרם־רביים, קאָנסערוואַטיסטן, האָבן מיך ממש פאַרמאַטערט — צי וועט די יידישע מדינה באמת זיין בכוח צו ברענגען צו אַ גייסטיקער רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן אין חוץ לארץ און געבן אַ נייעם גייסטיקן אינהאַלט די יידן אין ישראל? שטייען מיר טאַקע פאַר אַ נייעם רענעסאַנס אינעם יידישן לעבן באַזירט אויף די פּרינציפּן פון די נביאים, וועלכע ירושלים וועט אָנזאָגן, אָדער עס איז נישט מער ווי אָפּגעראַטעוועט איין — צוויי מיליאָן יידן, וועלכע עס האָט געדראָט אַ פיזישער אונטערגאַנג? אָבער עס איז נישט מער ווי ווען מען וואָלט זיי אָפּגעראַטעוועט דורך ברענגען זיי נאָך אַמעריקע.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ביי אַ מסיבה אין דער רעדאַקציע פון „ניו־יאָרק טיימס", האָט איינער פון די אָנוועזנדיקע, אַ קריסט, געזאָגט: ירושלים איז הייליק פאַר אונז אַלע, אָבער מיט דעם צוריקגאַנג פון יידן אין ישראל, מיט מאַכן ירושלים אַלס רעזידענץ פון ישראל — האָט איר אויף זיך גענומען אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, נישט בלויז צו היטן די הייליקע פּלעצער, נאָר צו ווייזן אונז, פאַרוואָס און צוליב וואָס ירושלים איז הייליק אויך היינטיקע צייטן...

שוין נישט רעדנדיק וועגן רבנים, תלמידי חכמים, ישיבה־בחורים, סטו־דענטן — אַלע, אַלע האָבן געהאַט איין פראַגע: הערט מען באמת אין ישראל די טריט פון משיח? פילט מען דאָס ליכט זיינס?

— * —

אַזוי פאַרשטייען יידן ווי נישט־יידן אין חוץ־לארץ דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל. אָבער נישט בלויז אין חוץ־לארץ. אויך מיר דאָ — פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זאָגן דעם אמת — האָבן דאָך געטראַכט און טראַכטן נאָך און גלויבן אין דעם טראָץ אַלעם, אַז מדינה ישראל איז עטוואָס מער ווי אַ „מקלט בטוח", ווי געבן זיכערקייט דאַכלאָזע יידן. מיר גלויבן דאָך באמת, אַז מדינת ישראל, פריער אָדער שפּעטער (עס איז אָפּהענגיק פון אונז), וועט פון אויפסניי, ווי אַמאָל די נביאים, זאָגן אַן אַלט־ניי וואָרט פון לעבנס־אַרט, פון ערלעכקייט, פון גלייכהייט, פון מאָראַלישער הויכקייט אונז אַליין און טאָקע דער גאַנצער וועלט אויך.

צי עס איז שלעכט צי עס איז גוט. אַזוי איז עס: עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אויב צוויי טויזנט יאָר גלות און חורבן האָבן מיר זיך געקענט האַלטן אויף אַ געוויסער מאָראַלישער הויך און אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, וועלכע טראָץ דער שנאה צו אונז האָבן אויך פרעמדע געמוזט מודה זיין, ווען זיי זענען געווען ערלעך צו זיך, אַז מיר יידן מיט אונזער „שמע ישראל" האָבן אין זיך געהאַט עטוואָס בעסערעס, שענערעס און העכערעס — זאָלן מיר איצט אין מדינת ישראל דאָס אַלץ פאַרלאָזן און ווערן „אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער", מער נישט?

ג.

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל! דערוויייל איז אָבער זייער טרויעריק: ווען מען לייענט יעדן טאָג די צייטונגען און מען הערט זיך צו צום ראַדיאָ, וואָס עס טוט זיך אָפּ — כאַפּט אָרום אַ שרעק. אוודאי ביי די אַלע שאָטן־זייטן, איז אויך דאָ סטאַבילע פּאָזיטיווע דערשיינונגען פון בויען און שאַפן, טראַכטן און לערנען. אַפילו זוכן און גראַבלען זיך אין די שאָטן־זייטן איז אויך אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. — אָבער דאָס אַלגעמיינע טאָג־טעגלעכע בילד, ווען מען קוקט זיך צו דערצו, כאַפּט אָרום אַ שוידער, אַ קעלט.

עס איז נישט ריכטיק, ווען מען וויל די גאַנצע שולד אַרויפוואַרפן אויף די נייע עולים — פאַרקערט: ווען די נייע עולים וואָלטן געפינען אין לאַנד אַ דיסציפּלינירטע מאָראַלישע אַטמאָספער, וואָלטן זיי געוואָרן פון איר מיטגעריסן. דער פאַקט איז אָבער, לײדער, פאַרקערט. זיי האָבן געפונען אַ שטימונג פון „חטוף ואכול" — „כאַפּ און עס": זיי האָבן געפונען אַ גייסטיקע ירידה אין לאַנד, און זיי זענען געוואָרן פון איר מיטגעריסן.

— * —

אָט די גייסטיקע נידערלאַגע איז דער ערגסטער שונא אין איצטיקן מאָ־מענט פון מדינת ישראל, פונעם יידישן פאָלק בכלל.

ד.

מען מוז דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט און די יידן פון מדינת ישראל צוריקגעבן אַן אידיי, און דער אידעאַל איז: נישט די עקזיסטענץ פון דער מדינה אַלס אידעאַל פאַר זיך, נאָר די מדינה פאַרן עקזיסטענץ און איינ־הייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק, די עקזיסטענץ און אייגנהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק און מדינת ישראל, בכדי צו פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן, וועלכע זענען דורך איב געטראָגן געוואָרן אין זיין גאַנצער היסטאָרישער עקזיסטענץ, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין גלות, און פאַר וועלכע ער איז געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער, און נישט געוואָלט אויף זיי מוותר זיין, האָט נישט גע־קענט אויף זיי מוותר זיין, נאָר מיט איין באַדינג: אויפהערן צו עקזיסטירן.

בכדי צו פאַרווירקלעכן אָט די אידעאַלן, מוז מען האָבן די מדינה. אָן איר, ווען מען לעבט אין חוץ־לארץ אַפילו אין די בעסטע עקאָנאָמישע און גייסטיקע יידישע באַדינגונגען, — קאָן מען נישט פאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. כדי דאָס יידישע פאָלק אַלס גאַנצע איינהייט זאָל פאַרווירקלעכן די פאָליטישע זעלבשטענדיקייט און גייסטיקע לעבנס־אייגנ־אַרטיקייט — איז נויטיק מדינת־ישראל.

— * —

וואָס זענען די אידעאַלן? — לאָמיר עפענען דעם ספר הספרים, זאָלן מיר זיך פאַרטראַכטן אין תורה שבעל־פה, לאָמיר נאָכפאָלגן אונזער היסטאָריע און מיר וועלן באַלד קלאָר זען, וועלכער איז געווען דער לעבנס־וועג, וואָס האָט געגעבן דעם פאָלק זיינע אידעאַלן, זיינע נביאים און ווער זענען געווען די גרופן אינעם פאָלק, וועלכע האָבן אין משך פון דער צייט דעזערטירט פון אים.

מען קאָן דאָך נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז די גייסטיק־מאָראַלישע נידערלאַגע, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט דעם ישוב, איז בעיקר צו באַמערקן ביי די, וועלכע ווילן איבעררייסן דעם היסטאָרישן פאַרנעם פונעם יידישן פאָלקס־אינהאַלט. דאָרט איז אַמשטאַרקסטן די פוסטקייט.

יאָ, מען קאָן פרעגן: און יידן, וואָס האָבן דעם פאָדעם נישט איבערגע־ריסן — ביי זיי איז נישטאָ קיין מאָראַלישע נידערלאַגע? — יאָ. עס איז אויך דאָ. אָבער דער פּראָצענט איז אַ קלענער, זייער אַ קליינער, און אויך דער פּראָ־צענט איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער אַרומיקער אַטמאָספער.

און זייער אינטערעסאַנט: ווען עס טרעפט אַ פאַל, ווען אַזעלכע יידן ווערן נכשל אין אַן עבירה, טוט די גאַנצע פרעסע אַלאַרמירן: זעט, אַפילו אַזאַ ייד זינדיקט אויך. ביי אַנדערע אַלאַרמירט מען שוין נישט. דאָרט איז עס אַ נאַ־טירלעכע דערשיינונג, אַ רעזולטאַט פון דעם גאַנצן לעבנס־אויפפאַסונג און פון דעם לעבנס־אַרט.

— * —

דאַלעסעס רעדע און די סיבות, וועלכע מען שרייבט איר צו, מוז ברענ־גען צו אַ חשבון הנפש: מען מוז דעם פאָלק צוריקגעבן זיין אמתן נאַטירלעכן

לעבנס־אינהאַלט. אַ מדינה, נישט בלויז פטור צו ווערן פון די צרות אין גלות, נאָר אַ מדינה פאַר פאַרווירקלעכן דעם גרויסן היסטאָרישן, מאָראַלישן, געזעל־שאַפטלעכן, עטיש־רעליגיעזן לעבנס־וועג, וועלכער דאַרף ברענגען אין זיין פאַרווירקלעכונג אין מדינת ישראל צו אַ רענעסאַנס פון דער גאַנצער מענטש־הייט.

מען מוז מאַכן אַ סוף צו דער פוסטקייט אינעם יידישן לעבן. און די רעזולטאַטן אין מדינת ישראל און אויסער אירע גרענעצן וועלן זיך לאָזן באַלד פילן צום גוטן.

— * —

מיר האָבן נאָך וואָס צו זאָגן דער וועלט, מיר וועלן נאָך אַנטוישן די דאַלעסעס און צום גוטן, אָבער צום ערשטן דאַרפן מיר זיך זעלבסט עפּעס זאָגן.

„אויב מיר וועלן — איז עס נישט קיין לעגענדע — האָט אונז געזאָגט ד״ר הערצל.

זאַמלען — יאָ ; שאַפן — נישט !

א.

מלך ראַוויטש איז נישט דער ערשטער, וועלכער טראָגט זיך ארום מיטן געדאַנק צונויפצוזאמלען אַלץ, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן נאָכן חתימת־התלמוד, בכדי עס זאָלן נישט פאַרלוירן גיין פאַר אונז און פאַר אַנדערע אַלע אונזערע אינערלעכע און אויסערלעכע גייסטיקע ראַנגלענישן, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אין שריפט און אין וואָרט.

מלך ראַוויטש האָט אָבער אַריינגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט אין דעם געדאַנק: די זאַמלונגען זאָלן נישט זיין סתם זאַמלונגען, נאָר מען זאָל זיי פאַר־וואַנדלען אין אַ „צווייטן" תנ״ך. דאָס הייסט, מען זאָל אויף די זאַמלונגען אַרויפ־ציען אַ הייליקייטס־הילע. אַנדערש, יעדנפאַלס, פאַרשטייט זיך נישט, וואָס הייסט שאַפן אַ „צווייטן" תנ״ך ?!

וויל זיך זאָגן גאָר פשוט: תנ״ך איז נישט קיין מענטשלעכע שאַפונג. און אַלץ, וואָס דער מענטש שאַפט, קאָן נישט אין זיך האָבן אָט די וועזנטלעכע געטלעכע הייליקייט. דעריבער ווען מען וויל פרובירן שאַפן אַ „צווייטן" תנ״ך, הייסט „נאָכמאַכן" אַ תנ״ך. וועט עס זיין נאָכגעמאַכט... עס וועט האָבן אפשר די זעלבע עטיקעטן, עס וועט אָבער דאָך זיין נאָכגעמאַכט, פאַלש.

זאָל מען נישט וועלן זיך זעלבסט אָפּנאַרן: אַלע גרויסע מענטשלעכע שאַפונגען אין דער אַמאָל־קער און שפּעטערער קלאַסישער ליטעראַטור ווערן אוודאי אָפּגעשאַצט לויט זייער ווערט. אָבער עס וועט קיינער נישט קומען און זיי פאַרגלייכן מיטן תנ״ך. מיט דעם תנ״ך קאָן מען זיי נישט פאַרגלייכן, ווייל תנ״ך איז תנ״ך, ווייל גאָט האָט אים באַשאַפן. לויט דער יידישער מסורה, האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן די תורה נאָך פאַר בריאת־העולם. תורה געהערט נאָך צו דער ספערע פון „אַין", פאַר דעם „יש", וועלכן דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן.

ב.

די, וועלכע פרוון אַראָפּנעמען די געטלעכקייט פונעם תנ״ך און אים פאַרוואַנדלען אין משטיינסגעזאָגט מענטשלעכער שאַפונג פון אַ געוויסער תקופה, מאַכן אים וואָכעדיק. וואָס פאַר אַ זין האָט עס נאָכצומאַכן דעם תנ״ך, וואָס איז נישט מער, לויט זייער מיינונג, ווי ליטעראַטור חס־ושלום ?

זעט מען דאָך די רעזולטאַטן פון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג: די אַלע, וועלכע האָבן אויפגעהערט גלויבן אין תורה מן השמים, און דערציִען זייערע קינדער אויף דער „ליטעראַטור" פונעם תנ״ך, אַפילו ווען מען פרוווט זיך קלאָ־

מערן אין די אידעאַלן פונעם תנ״ך, האָבן שוין דעם תנ״ך לאַנג אָוועקגעוואָרפן און זיין אינהאַלט לאַנג פאַרגעסן.

ווייל אויב מענטשן האָבן דעם תנ״ך געשריבן, אויסגעטראַכט מיטן מוח, אַפילו אויסגעוויטיקט דורך דער נשמה און אויסגעבענקט מיטן הארץ, איז עס דאָך נישט מער ווי אַ מענטשלעכע שאַפונג, פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין „יענע״ דורות און וואָס האָט עס צו טאָן מיט „אונזערע״ דורות? מיר שאַפן זיך זעלבסט „אונזער״ תנ״ך מיט „אונזער״ „עשרת הדברות״, וועלכע מען קען זיי געסינען אין יעדן פאַרטיי־פּראָגראַם, זאָל מען מיר מוחל זיין, אַפילו אין די האַלב אָדער גאַנץ פּאָרנאָגראַפישע זשורנאַלן, וועלכע שאַפן אויך אַ „פילאָזאָפיע״ פאַרן לעבן.

ווען מען ווייסט נישט אונטערצושיידן צווישן קודש און חול — מוז דאָס לעבן ווערן הפקר...

נישט בלויז דאָס לעבן, דאָס אייגענע און דעם צוויטנס ווערט הפקר, נאָר אַפילו דאָס פאָלק הערט אויף צו זיין הייליק. אַפילו דאָס פאָטערלאַנד פאַר־לירט זיין וועזנטלעכן אינהאַלט. די צווי דערשיינונגען היינט אין ישראל (הלוואי זאָלן זיי זיין די לעצטע): פון איין זייט די, וועלכע זעען אין רוסלאַנד אַ צווייט פאָטערלאַנד, פון דער אַנדערער זייט דער כנעניזם, וועלכער וויל אָנהויבן אַ נייעם חשבון, אָדער צוריקגיין צום אַלטן חשבון פון כנען און תורה פאַר אַברהם אבינו — דאָס אַלץ איז דאָך אַ רעזולטאַט פון אָט דער טעאָריע, אַז דעם תנ״ך האָבן מענטשן געשאַפן און נישט, אַז דער תנ״ך האָט מענטשן געשאַפן, האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן.

ג.

שאַפן אַ צווייטן תנ״ך הייסט אַרויפציען הייליקייט, געטלעכע, אויף דער מענטשלעכער שאַפונג. געטלעכע הייליקייט קאָנען אָבער מענטשן נישט שאַפן. דער וואָס גלויבט אין גאָט, דער קאָן הייליקן זיין לעבן: כי קדוש אני ד׳ מקדישכם.

אדרבה, וועלכע ליטעראַטור, יידישע אָדער נישט יידישע, איז באמת פאַרהייליקט געוואָרן מיט געטלעכע הייליקייט אַזוי ווי דער תנ״ך?! איז דען פאַראַן אַ מענטשלעכע שאַפונג, וואָס מענטשן, אַפילו די, וועלכע פּרווון מיט גע־וואַלט ארויסרייסן פון זיך דעם חלק אלקי ממעל, זאָלן צו איר צוגיין מיט דעם אינערלעכן מענטשלעכן ציטער ווי מען גייט צו צום תנ״ך?

מען פרעגט: און וואָס איז מיט תורה שבעל־פה? דער וואָס שטעלט אַזוי די פראַגע, מאַכט זיך נישט זען אָדער נישט פאַרשטיין, וואָס איז תורה שבעל־פה. תורה שבעל־פה שטעלט דאָך אַוועק דעם יסוד פון תורה מן השמים. און זי אַליין איז נישט מער ווי אַ טייל פון תורה מן השמים, נישט דער געשריבע־נער טייל, נאָר דער איבערגעגעבענער טייל: משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים און אַזוי ווייטער. תורה שבעל־פה, משנה און תלמוד, איז דאָך נישט קיין נייע שאַפונג, קיין צווייטער תנ״ך חס ושלום,

נאָר אַ דירעקטער המשך פון תורה שבכתב און פון אומדערשיטערלעכער אמונה אין דער געטלעכקייט פון תורה שבכתב. און טראָץ דעם אַלעם, מבחינת קדושה, הייליקייט, אונטערשיידט מען צווישן תורה שבכתב און תורה שבעל־פה. און נישט דאָ איז דער פלאַץ אַריינצוגיין אין די אונטערשיידן.

אויך אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָכן חתימת־התלמוד, האָט אין זיך אַ וועזנטלעכע הייליקייט, ווייל זיי זענען אַ המשך פון פרשנות אויפן יסוד פון אמונה און תורה מן השמים.

אָבער ווי קען מען קומען און רעדן וועגן שאַפן א צווייטן תנ״ך פון אַט דער ליטעראַטור, וועלכע איז אין איר וועזנטלעכן איינהאַלט אין ווידערשפרוך צו תורה מן השמים, צו קדושה, ווייל כי קדוש אני ד׳ מקדישכם.

איך רעד איצט נישט וועגן יידן מאמינים, וואָס ביי זיי איז בכלל אַט דער געדאַנק אַליין, פון אַ „צווייטן״ תנ״ך, שוין דער גרעסטער חילול הקודש, און זיי לאַכן זיך אויס פון דעם געדאַנק, ווייל דעם אמת קען מען נישט נאָכמאַכן. מען קען נישט שאַפן קיין צווייטן אמת. אָדער, אָדער. המשך צום אמתן אמת קאָן נאָר זיין, ווען מען גלויבט אין דעם אמתן אמת. אָבער ווען מען זאָגט, אַז דער אמתער אמת איז נישט מער ווי אַ באָבע־מעשה, און מען וויל נאָכמאַכן באָבע־מעשות, איז עס לעכערלעך, און אַ פרומער ייד, טראָץ וואָס דער געדאַנק ציטערט אים אויף, לאַכט ער זיך אויס דערפון.

אָבער אָפילו נישט־פרומע יידן: איינס פון די ביידע, איז דער תנ״ך תורה מן השמים — קאָן מען אים נישט נאָכמאַכן, — איז ער חלילה ווי נישט־פרומע יידן טראַכטן — נאָך וואָס דאַרף מען אים נאָכמאַכן?!

מען וויל צוזאַמענזאַמלען אַלץ, וואָס דער יידישער געדאַנק, דער מענטש־לעכער, האָט געשאַפן — מהיכי־תיתי. א „צווייטן״ תנ״ך נאָכמאַכן, דאָס הייסט — פעלשן, חס ושלום. דאָס הייסט אויך זיך סתם צו נאַר געמאַכט.

והיא לא תצלח!

„חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט"

איך בין מודה און מתוודה, אַז דורכלעזנדיק דעם „ענטפער און אויפ־קלערונג" פון דעם זייער חשובן סופר און משורר מלך ראַוויטש („לעצטע נייעס", ב' שבט), פיל איך, אַז איך האָב זיך מתווכּח געווען מיט אים גאַנץ אומזיסט. בבחינת „טענו בחטין והודו לו בשעורים". די מיספאַרשטענדעניש פון מיין זייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ קעפל אין דער צייטונג, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן א „צווייטן" תנ"ך, וואָס דער בלויזער נאָמען רופט שוין אַרויס אַ ציטער, אַ שוידער ביי אַ ייד אַ מאמין.

„שמאַ־קאַ־גרים". דער נאָמען „צווייטער" תנ"ך האָט גורם געווען צו דעם ווידערשטאַנד, וועלכער דער געדאַנק האָט אָנגעטראָפן, זיך אָנגעשטויסן.

„חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט" — ווי עס פאָרמולירט עס ראַ־וויטש אין זיין „ענטפער און אויפקלערונג" — אדרבה ואדרבה! איך באַגריס עס מיטן גאַנצן האַרץ. הלוואי זאָל מען אָנהייבן מאַכן דעם „חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט", דורך צונויפזאַמלען אַלץ, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט וועגן דעם געזאָגט זיך און דער וועלט במשך צוויי טויזנט יאָר פון נאָך דעם חורבן בית־שני.

באַזונדערס איז דער „חשבון" נויטיק איצט, ווען עס גייט און ווערט אָפּגעשלאָסן, אַזוי ווילן מיר אַלע האָפן, א תקופה אין דער היסטאָריע פונעם יידישן פאָלק, די תקופה פונעם חורבן, די יידישע היסטאָריע, לויט דער יידישער טראַדיציע, ווערט געטיילט אין דריי עפּאָכעס: צוויי טויזנט יאָר — „תוהו ובוהו", צוויי טויזנט יאָר — „תורה" און צוויי טויזנט יאָר — „ימות המשיח". מיר געפינען זיך איצט אין דער דריטער תקופה פון ימות־המשיח, וועלכע דאַרף מיט זיך ברענגען די פאַרווירקלעכונג פון די יידישע אידעאַלן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט. לויט דער יידישער טראַדיציע דאַרף די תקופה, וועלכע פאַרענדיקט די ימות־המשיח, דורך דער „אתחלתא דגאולה" אָנהייבן די תקופה פון „אחרית הימים", וועלכע דאַרף מיט זיך ברענגען באַ־פרייאונג, אמתע, פאַר מענטש און פאָלק און גליק פאַר דער גאַנצער וועלט.

אין דער צייט פון דעם היסטאָרישן ווענדע־פונקט איז זייער נויטיק צו מאַכן אַ חשבון קודם־כל מיט זיך זעלבסט: ווער זענען מיר, וואָס זענען מיר, וואָס ווילן מיר פאַר זיך, וואָס זאָגן מיר אַנדערע. דאָס איז ממש אַ לעבנס־נויט־ווענדיקייט. ווען מען קוקט זיך צו, וואָס עס ווערט פון אונז דאָ און אין חוץ־לאָרץ, וואָס מען וויל מאַכן פון אונז, ווי עס הערט אויף דאָס פילן, דאָס געפיל פאַר אונזער יידיש־מענטשלעכער ספּעציפישקייט, אייגנאַרטיקייט, ווי מען רייסט זיך מיט געוואַלט זיך צו פאַרפרעמדן פונעם אמתן יידישן קוואַל אַזוי ווייט, אַז

מען הייבט שוין אָן לייקענען אין דער איינהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק, אַז מען טראַכט שוין וועגן ישראלים אָדער כנעניםן און יידן — ביי אַזאַ דראַנג זיך צו פאַרפרעמדן, זיך צו פאַרלייקענען, צו וועלן ווערן עפּעס אַנדערש, אַן „עם אחר", אויפהערן זיין אַ המשך פונעם היסטאָרישן יידישן פאָלק, אין אַזאַ מאָמענט איז עס זייער וויכטיק און נויטיק צו מאַכן אַ חשבון מיט זיך.

און דעם חשבון קאָן מען באמת נאָר מאַכן, ווען מען וועט צוזאַמענזאַמלען די אַלע חשבונות, וואָס אונזער פאָלק האָט געמאַכט מיט זיך אין שריפט און אין וואָרט במשך פון די צוויי טויזנט יאָר חורבן.

צוזאַמענגענעמען אָט די אַלע חשבונות און מאַכן פון זיי איין גרויסן חשבון מיט זיך, קאָן אָן ספק אַ סך מיטהעלפן צו מאַכן אַ חשבון־הנפש, ווו אהין גייען מיר ווייטער, ווו אהין דאַרפן מיר גיין ווייטער, וואָס זאָלן מיר טאָן, כדי נישט צו מאַכן אַ טעות אין חשבון.

ווייס איך גאַנץ גוט, אַז ביי חשבונען קאָן מען אַמאָל מאַכן אַ טעות אין חשבון אויך. איז דאָך אונזער אומגאָרמאַלע לאַגע, לויט דער אויפפאַסונג פון יידן מאמינים, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ טעות אין חשבון... דאָך גלייכער אַמאָל צו מאַכן אַ טעות אין חשבון. וועלכן מען קאָן פאַריכטן ווי לעבן אָן חשבון איבערהויפּט...

— * —

דאָס זעלבע אויך בנוגע דעם „דין מיט דער וועלט". דאָס איז אויך אַזוי נויטיק, ווי דער חשבון מיט זיך. און אפשר בכדי צו מאַכן דעם חשבון מיט זיך איז נויטיק דער „דין מיט דער וועלט".

בעצם, במשך פון אונזער גאַנצער עקזיסטענץ האָבן מיר נישט עוסק געווען מער ווי אין די צוויי זאַכן: מיר האָבן שטענדיק געמאַכט אַ חשבון מיט זיך, און אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם חשבון האָבן מיר געמאַכט דעם דין מיט דער וועלט.

עס איז נישט קיין צופאַל, אַז וואָס ווייניקער מיר האָבן געמאַכט אַ חשבון מיט זיך, האָבן מיר אויפגעהערט צו מאַכן דעם דין מיט דער וועלט. און ממילא — אַז מיר האָבן נישט קיין דין מיט דער וועלט, דאַרפן מיר נישט קיין חשבון מיט זיך...

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל אַנטהאַלט אין זיך די סכנה פאַר ביידע זאַכן: צו פאַרגעסן דעם חשבון מיט זיך און מיינען, אַז מיר האָבן נישט קיין דין מיט דער וועלט.

עס איז אָפּהענגיק איינס פונעם צווייטן: חשבון מיט זיך הייסט קודם־כל צו אָנערקענען דעם זיך, דעם קאָלעקטיוון זיך, דעם „עם לבדד ישכון". דער עם לבדד ישכון האָט אַ גרויסן דין מיט דער וועלט. פאַרזעט מען דעם חשבון מיט זיך, וויל מען זיך איינגלידערן אין דער גרויסער וועלט, איינעם מערב אָדער מזרח. דאַן הערן מיר אויף צו עקזיסטירן מיט זיך און פאַר זיך, דאַן עקזיסטירן מיר פאַר אַנדערע, פאַר אַ רעזשים, דעם אָדער אַ צווייטן, דאַן האָבן מיר נישט

קיין שום דין מיט דער וועלט. דער גאַנצער דין אונזערער מיט דער וועלט באַזירט זיך אויף אונזערע רעכט צו זיין אויף „אַנדערש" ווי די וועלט, צו טראַכטן אַנ־דערש, צו זעען זאַכן אַנדערש, צו לעבן אַנדערש, זיך צו האָבן אַן אייגענעם חשבון. הערן מיר אויף צו פירן אַן אייגענעם חשבון, האָט די וועלט אַ דין מיט אונז. „אין תערבין למרוותא" — „ווען איר מישט זיך אויס מיט אונז" — טענהט די וועלט די גאַנצע צייט צו אונז, דאַן וויל אונז די וועלט צוזאָגן אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט (משטיינסגעזאָגט: דאָס גויישע גוטס אויף דער וועלט) און זייער עולם־הבא אויך.

און ווייל עס געפינען זיך ליידער ביי אונז יידן, וועלכע האָבן שוין נישט קיין געדולד, עס איז פאַר זיי נישט גענוג דער אייגענער חשבון, די אייגענע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, זיי ווילן פאַר יעדן פּרייז זיך איינגלידערן אין דער גויישער וועלט, אויב נישט אין דער וואָכעדיקער גויישער וועלט, לפּחות אין דער אַזוי גערופענער גויישער רעליגיעזער וועלט — איז זייער בויטיק אין אַזאַ צייט צו מאַכן אַ דין מיט פעלקער, מיט דער וועלט.

אַזאַ דין מיט פעלקער, מיט דער וועלט, וועט ממילא ברענגען דערצו, אַז מיר וועלן זען, אַז מיר האָבן נישט דאָרט וואָס צו זוכן.

— * —

איך ווייס נישט, צי פּונקט געזנוי ווי איך זע עס, איז עס אויך די כוונה פון ראַוויטשן צו מאַכן „דעם חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט", און צו דעם צוועק צוזאַמענעמען אַלע אונזערע חשבונות און מאַכן פון זיי איין גרויסן חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט. וואָס עס זאָל אָבער נישט זיין די כוונה — אַזא חשבון איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אַזאַ דין דאַרף מען איצט מאַכן. נאָך צוויי טויזנט יאָר חורבן דאַרף מען מאַכן אַ דין מיט דער וועלט פאַר אַמאָל און אנצייכענען דעם וועג אויף ווייטער.

חשבון מיט זיך, דין מיט דער וועלט — אוודאי און אוודאי. זאָל מען עס אָבער נישט אָנרופן מיט אַ נאָמען, וועלכער רופט אַרויס ציטער ביי יידן מאמינים, וועלכער אַנטהאַלט אויך נישט דאָס, וואָס מען וויל זאָגן אין די ווערטער: חשבון מיט זיך, דין מיט אַנדערע.

אמת, דער תנ"ך אַנטהאַלט אין זיך דעם חשבון מיט זיך און דין מיט אַנדערע. אָבער דער תנ"ך האָט דעם חשבון אָנגעהויבן, האָט דעם דין אַרויסגע־רופן, דאָס איז דער בראשית, דער יש מאין. פאַר אַ ייד אַ מאמין איז דער ראשית נישט קיין מענטשלעכע שאַפונג. ממילא אויך די תורה, אונזער ראשית, איז נישט קיין מענטשלעכע שאַפונג.

אויפן יסוד פונעם תנ"ך, דער, וועלכער האָט אָנגעהויבן אונזער ראשית אַלס „עם לבדד ישכון", וועלכער האָט אָנגעהויבן דעם דין מיט דער וועלט: אברהם העברי, שהוא מעבר אחד וכל העולם מעבר השני, וועלכער פאָדערט פון אונז אומאויפהערלעך — בואו חשבון — אויפן יסוד פון דעם אַלעם, זאָלן מיר צוזאַמענזאַמלען אַלץ, וואָס קאָן אונז העלפן מאַכן דעם חשבון מיט זיך און דעם

דין מיט דער גאַנצער נישט־יידישער וועלט.

דאָס דאַרף מען טאָן, דאָס מוז מען טאָן, דאָס קאָן מען טאָן, ווען מען געדענקט: עס איז דאָ אַ יידישע וועלט און אַ נישט־יידישע וועלט.

עס נויטיקט זיך אַ טיפערע רעוויזיע

אַז עס גייט — זאָגט מען — גייט פון אַלע זייטן. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דער לאַגע אין מדינת ישראל איצט. עפעס אַ צעפאַרנקייט, ווו מען רירט זיך. דער אויטאָריטעט פון דער רעגירונג אין לאַנד איז שרעקליך געפאַלן, טראָץ דעם, וואָס זי שטיצט זיך אויף איבער פינף־און־אַכציק פּראָצענט אין דער כנסת. מען רעכנט זיך נישט מיט די געזעצן. מען האָט נישט קיין פאַר־טרויען צו דער רעגירונג. די אומצופרידנקייט שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג און די פאַרביטערטקייט וואַקסט. אָן ספק, אַז דאָס האָט אַ געוויסן איינפלוס אויך אויף די אַראַבער אין לאַנד, וועלכע טראַכטן וועגן יענע גוטע צייטן, ווען אַלץ איז געווען הפקר. אויך די אויסערלעכע וועלט האָט זיך אָנגעהויבן באַציען מיט ביטול צו אונז. הכלל, עס איז שלעכט אינערלעך און אויסערלעך.

אוודאי איז נישט שווער צו געפינען דעם שולדיקן. מען קאָן עס מאַכן בקיצור און זאָגן, אַז די רעגירונג איז אין אַלעם שולדיק. און זיכער טראָגט די רעגירונג אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויסערלעכער און אינער־לעכער נידערלאַגע. אָבער עס וואָלט געווען געגומען צו לייכט דעם ענין, ווען מיר זאָלן עס וועלן אָפּפטרן אַזוי מיט וואַרפן די שולד אויף דער רעגירונג און דער־מיט פאַרענטפערן אַלע בעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם לעבן אין מדינת ישראל. די זאַך איז פיל טיפער און עס פאָדערט זיך אַ זייער ערנסטע פאַרטראַכטונג וועגן דער לאַגע. עס פאָדערט זיך אַ חשבון־הנפש אַ זייער ערנסטער.

— * —

עס איז אַ פאַראַדאָקס, אָבער אַ פאַקט, אַז מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט די יוגנט אין ישראל און אויך דער עלטערער דור פאַרלוירן יעדן אידעאַל, האָט אויפגעהערט צו האָבן אַן אינהאַלט אינעם לעבן, האָט פאַר־לוירן דעם זין פאַר עפּעס העכערס און שענערס אינעם לעבן. און ווען מען פאַר־לירט דעם אינהאַלט פאַרן לעבן, רייסט זיך אריין די פוסטקייט, ווי אַ ראַק, די פוסטקייט, וועלכע מען מוז אויספילן מיט בלאָזן פון זיך, מיט גרויס האַלטן זיך קעגן דעם צווייטן, אַז מען איז שטאַרקער פון אים, מיט אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדע צוים, יעדן אויטאָריטעט, מיט נישט רעכענען זיך מיט דעם צווייטן. מיט איין וואָרט: עס ווערט אַלץ הפקר. מען לעבט מיטן היינט, מען האָט נישט קיין מאָרגן און מען טוט וואָס די אויגן און דאָס האַרץ גלוסט.

דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי פוסט, אַז עס איז געוואָרן הפקר דאָס איי־גענע לעבן און על אחת כמה וכמה דעם צווייטנס לעבן.

— * —

פאַרוואָס איז עס אַזוי געשען?

האָט דאָך דער אידעאַל פון דער מדינה מיט זיך געטראָגן אַזוי פיל שיינקייט, האָפענונגען און גוטסקייט. ווו איז דאָס אַלץ אַוועקגעקומען?

און דער ענטפער איז: די מדינה האָט אין זיך געטראָגן בלויז די אויסער־לעכע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג: דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול מלכות. די מדינה האָט אָבער נישט געטראָגן מיט זיך דעם אידעאַל פון אינערלעכער באַפריי־אונג פון מענטש. פאַר אַ טייל האָט די מדינה געטראָגן אויך דעם אידעאַל פון סאָציאַלער באַפרייאונג, אָבער אויך דאָס האָט נישט צו טאָן מיט דער אינערלע־כער גייסטיקער באַפרייאונג פון דעם מענטש. סאָציאַלע באַפרייאונג איז נישט מער ווי אַ ראַם, אַ רעזשים, אָבער אין דעם רעזשים קענען זיין גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן. די מדינה האָט נישט געטראָגן מיט זיך דעם אידעאַל פון אויסבעסערן דעם מענטש און ייד צוזאַמען.

מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז יעדער ייד, אומעטום ווו ער געפינט זיך, איז גוט. ער איז בעסער ווי אַנדערע, ער האָט אין זיך בעסערע מידות אין באַצי־אונג צום צווייטן, אין אָפּשאַצן דעם מענטש און זיינע רעכט, אין אָפּהיטן און ריכטיק האַלטן דעם ווערט פון לעבן. מיר האָבן געטענהט, אַז דער גלות לאָזט אונז נישט ברענגען צום פולן אויספיר די אַלע גוטע און שיינע מידות, וועלכע מיר, יידן, אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער, באַזיצן. דעריבער האָבן מיר גע־לייגט גרויסע האָפענונגען, אַז מיט דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגענע זעלבשטענדיקע מדינה, וועלן מיר אוודאי זיין גוטע מענטשן.

מיר האָבן פאַרגעסן אָדער פאַרזען, אַז אַ גרויסער טייל פון אונז האָט אין זיך געהאַט די גוטע מידות, ווייל מיר זענען געווען געיאָגט און געפּלאָגט פון אַנדערע. האָבן מיר געזען ווי שלעכט עס איז, אַז אַנדערע האָבן שלעכטע מידות. מיר אַלס יידן האָבן געפילט ווי שלעכט עס איז יעדן איינעם פון אונז און אונז אַלע צוזאַמען, דאַדורך וואָס אַנדערע באַזיצן שלעכטע מידות, און דעריבער האָבן מיר זיך בעת־צרה פאַראייניקט און זיך קעגנזייטיק געהאָלפן. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געטאָן, אַז מיר זאָלן אָרגאַניש פון זיך אויסרייסן די שלעכטע מידות, אַז מיר זאָלן אָרגאַניש אין זיך איינפלאַנצן גוטע מידות.

— * —

דאָס איז געווען אויך די טיפערע סיבה, וואָס אַ גרויסער טייל פונעם רעליגיעזן יידנטום איז געווען קעגן ציוניזם. זיי האָבן געפילט, ווי דער ציוניזם, דער וואָכעדיקער, קומט נאָר באַפרייען דעם ייד פון דעם אויסערלעכן גלות און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מיט דער באַפרייאונג פון דעם אויסערלעכן גלות אַליין און נישט פון דעם אינערלעכן גויישן גלות, וואָס מיר האָבן אין זיך איינגע־זאַפּט, קאָן ברענגען דערצו, אַז מיר וועלן טאַקע אַרויס פון גלות, אָבער דער גלות וועט נישט אַרויס פון אונז.

דאָס איז נישט בלויז מליצה. עס איז קיין סוד נישט, אַז פיל פונעם וואָכנ־דיקן ציוניזם האָבן געשטרעבט צו אַ מדינה, ווייל זיי האָבן אין גלות נישט געקענט זיין קיין גוים. די גוים האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען זייער גויישקייט, דערי־

בער האָבן זיי געשטרעבט נאָך ארץ־ישראל, בכדי זיי זאָלן קאָנען דאָ זיין גויים אומגעשטערט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז די צרה פון גלות איז נישט, ווייל מען האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די גוישקייט פון די צווישן אונז, וועלכע האָבן געשטרעבט צו זיין גויים, נאָר די צרה איז געווען און איז נאָך, אַז אין גלות קאָן מען קיין יידן נישט זיין און אַז ארץ־ישראל דאַרף מען, בכדי מיר זאָלן קענען זיין יידן, לעבן ווי יידן, טראַכטן ווי יידן.

און ווען די מדינה איז אַנטשטאַנען, האָבן מיר מיט איינמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע צוימען, וועלכע האָבן אונז געצוימט אַלס יידן און געוואָרן גויים ווי אַלע גויים. דאָס שפיגלט זיך אָפּ אין דער פרעסע. עס איז קיינמאָל נישט געווען אין ארץ־ישראל אַ פרעסע ווי אַ טייל צייטונגען היינט, וועלכע פרעדיקן ממש אַראָפּצוואַרפן פון זיך אַלע מאָראַלישע און עטישע צוימען פונעם לעבן, וועלכע דאָס יידנטום האָט אין אונז איינגעפלאַנצט און אַ דאַנק וועלכן מיר האָבן אָפּגעהיטן גוטע מידות און אויסגעהאַלטן ביז מיר האָבן זוכה געווען צו דער מדינה; דאָ שפיגלט זיך אָפּ: דאָס בלאָזן זיך און די פוסטע גאווה און טראַכטן נאָר וועגן זיך און דאָס מבטל זיין אַנדערע. דאָס שפיגלט זיך אויך אָפּ אין דער באַציאונג צו די אַראַבער.

אָט די גוישקייט האָט פון אונז אַרויסגעריסן דאָס איבערגעגעבנקייט צו דער מדינה אַפילו, צו יעדן אויטאָריטעט, ווייל יעדער פילט זיך, אַז ער איז אַליין אַלץ. ווייל דער אידעאַל איז — איך.

— * —

און ווייל דער איך איז דער אידעאַל, פילט די רעגירונג אויך, אַז זי קאָן נישט האָבן דעם פאַרטרויען צו די, וועלכע זעען דעם איך אין צענטער. זי הויבט זיך אָן באַציען מיט חשד נישט בלויז צו די בירגער נישט־יידן, נאָר אויך צו בירגער יידן. פון דאַנען די אויסנאַמס־געזעצן. און אין אמתן איז דער חשד נישט אומבאַגרינדעט. נישט ווייניק יידן שטייען היינט אין דינסט פון פרעמדע, פון אַנדערע.

אַזוי־אַרום שאַפט זיך דער פאַרכישופטער קרייז פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי. די רעגירונג הויבט אָן זען, ווי זי איז די איין־און־איינציקע געטרייע דער מדינה. און די רעזולטאַטן לאָזן זיך שנעל פילן. דאָס פירט צו באַגרענעצן די פרייהייט פון מענטש פון איין זייט און פון קוקן פון אויבן־אַראָפּ מצד דער רעגירונג אויף דער באַפעלקערונג.

יעדעס געזעץ, יעדע תקנה טראָגט דעם כאַראַקטער פון אומצוטרוי צו דער באַפעלקערונג און די באַפעלקערונג באַמיט זיך דאַן צו ווערן אומצוטרוילעד...

— * —

דער רעליגיעזער טייל פון דער באַפעלקערונג פילט זיך אוודאי שטאַרק פאַרביטערט: פאַר אים איז דאָך געשען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס עס האָט נאָר געקאָנט געשען. מדינת ישראל, וועלכע אין איר טיפן אינהאַלט האָט געדאַרפט אונז געבן אַ מעגלעכקייט פון לעבן אַלס יידן, צו פאַרשטאַרקן דורך איר אהבת־

ישראל, צו אַנטוויקלען אין זיך די אמתן יידישע גוטע מידות פון רחמנים, ביישנים און גומלי־חסדים, העלפט זי גאָר מיט שאַפן גוישקייט. אַ ציטער האָט זיי אַרומגענומען. אלע פרומע יידן זענען שותפים צו דער שרעק, נאָר אַ טייל ברענגט עס צום אויסדרוק אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן וועג און אַ טייל אויף אנדערע גויישע וועגן. אויך רעליגיעזע יידן האָבן זיך געלערנט פון גויישע וועגן.

— * —

דאָס איז די טיפערע סיבה פון דער איצטיקער מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכער נידערלאַגע אין לאַנד, וועלכע קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק אין דער גרויסער שרעקלעכער אויסוואַנדערונג פון ישראל.

אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

וויל מען מאַכן אַן ענדע צו דער נידערלאַגע אין לאַנד — מוז מען געדענקען: מדינת ישראל איז נויטיק געווען און איז נויטיק, כדי מיר זאָלן קאָנען זיין דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט זיין אין גלות. דאָס הייסט, בכדי מיר זאָלן קאָנען דאָ לעבן ווי יידן און טראַכטן ווי יידן. ס'הייסט זיין יידן. וועלן מיר וויסן, אַז מיר דאַרפן דאָ זיין יידן, וועט זיך אַלץ שנעל בעסערן צום גוטן.

גאולה איך פאַרן יחיד

בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים
(הגדה)

איינער פון די סימני־הגאולה איז, אַז נישט בלויז דער כלל־ישראל ווערט אויסגעלייזט, נאָר אויך ר׳ ישראל. און כל זמן דער יחיד, דער איינצלנער מענטש פילט נישט, אַז אויך ער איז אויסגעלייזט געוואָרן מיטן פאָלק — איז די גאולה נישט גאַנץ, איז עס נישט קיין גאולה שלימה.

דעריבער זאָגט אונז דער בעל־הגדה, אַז אין יעדן דור, אין יעדער תקופה, ווען מען רעדט פון גאולה (און די גאולה פון מצרים איז דער סימבאָל פאַר אַלע איבעריקע גאולות פון יידישן פאָלק), איז יעדער ייד מחויב זיך צו באַטראַכ־טן ווי ער אַליין וואָלט אין יענער צייט, בשעת יציאת מצרים, אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. ער דאַרף פילן, אַז מצרים איז געווען אַ שקלאַפן־לאַנד נישט בלויז פאַרן פאָלק ישראל, פאַר זיין פאָליטישער אָדער גייסטיקער פרייהייט, נאָר מצרים איז אויך געווען אַ שקלאַפן־לאַנד פאַר יעדן יחיד, פאַר יעדן ייד, אַפילו ווען ער האָט געוואָלט ווערן אַ מצרי, זיך פירן און לעבן ווי א מצרי. און ווען די באַ־פרייאונג איז געקומען, איז עס געווען נישט בלויז פאַרן קאָלעקטיוו, וואָס האָט זוכה געווען צום מעמד הר־סיני, נאָר עס איז געווען אַ באַפרייאונג אויך פאַר דעם יחיד.

און כל זמן דער יחיד האָט נישט געפילט, אַז די שעה פון באַפרייאונג האָט געקלונגען אויך פאַר אים, און עס האָט אים געפעלט דאָ פלייש, דאָ וואַסער א.א.וו. איז געווען „ווילונר״. האָבן די יחידים רעוואָלטירט און זיי האָבן מיטגע־ריסן מיט זיך דאָס גאַנצע פאָלק, אַזוי ווייט, אַז גאָר אַ גרויסער טייל האָט אָנגע־הויבן שרייען: צוריק נאָך מצרים! די אומצופרידנקייט פון די יחידים האָט גע־ברענגט צו דעם, אַז יידן זענען געזעסן אָדער געוואַנדערט איבעריקע פערציק יאָר אין דער מדבר, ביז די אומצופרידענע זענען אויסגעשטאָרבן, ווייל מען האָט נישט געקענט צופרידנשטעלן אַלע יחידים, אַז זיי זאָלן אַלץ האָבן פונקט אַזוי ווי אין גלות, ווי אין מצרים דעם סיר־הבשר. און ווייל זיי האָבן נישט געפילט די אינדיווידועלע גאולה, נאָר די גאולה פונעם כלל, האָבן זיי ביי יעדע שווערי־קייט געוואָרפן דעם גט אין פנים און געשריגן, אַז זיי זענען מוותר הן אויף דער גאולה, הן אויף דער תורה און האָבן אפילו אַן עגל געמאַכט.

— * —

דער כוח פונעם יידישן פאָלק אויסצוהאַלטן אַזוי פיל גלותן און צרות איז אין אַ גרויסער מאָס אויך אַ רעזולטאַט, וואָס נישט בלויז דאָס יידישע פאָלק

איז געווען פאַרשקלאַפט, נאָר אויך יעדער יחיד. און דעריבער האָט נישט בלויז דאָס פאָלק, דער קאָלעקטיוו געבענקט און געלעכצט נאָך דער נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג, נאָר אויך יעדער יחיד האָט געבענקט נאָך דער גאולה. ער האָט זיך געזען פאַרשקלאַפט און ער האָט זיך געוואָלט זען אויסגעלייזט מעבדות־לחרות.

— * —

דעריבער מוז די גאולה, כדי זי זאָל זיין אַ גאולה שלימה, האָבן אין זין אויך דעם יחיד, דעם איינצלנעם מענטש. די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג מוז מיט זיך ברענגען אינדיווידועלע באַפרייאונג. אַ פאָלק, וואָס באַפרייט זיך פון פרעמדן יאָך און ווערט נאַציאָנאַל זעלבשטענדיק, מוז זאָרגן, אַז זיינע קינדער זאָלן נישט ווידער פאַרשקלאַפט און פאַרקנעכט ווערן ביי זיך אַליין אין דער אייגענער מדינה.

נישט אומזיסט איז דער גרעסטער טייל פון דער תורה, וואָס מיר האָבן באַקומען ביים הר־סיני, נאָכן אַרויסגיין פון מצרים, דער וועג־ווייזער פאַרן פריוואַטן לעבן פון מענטש; די געזעצן זענען געווידמעט צו רעגולירן די באַ־ציאונגען פון איין מענטש צום צווייטן. זיי גאַראַנטירן יעדן מענטש גלייכע רעכט צו געניסן פון גאָטס וועלט און פאַרפליכטן אים צוריקגעבן דורך אַרבעט, וואָס ער נעמט פון דער וועלט.

דעריבער לערנט מען אונז, אַז אַ פרייער מענטש איז נאָר דער, וואָס לערנט תורה און אויב אַלע זין פון פאָלק וועלן לערנען תורה — וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין אַ פריי פאָלק, אַ בן־חורין.

אַזאַ פאָלק, וועמענס זין עס פילן זיך פריי, פילן, אַז דאָס פאָלק, די מדינה, די מלוכה זאָרגט פאַר יעדן יחיד, פאַר זיין וווּל, פאַר זיין עקזיסטענץ — אַזאַ פאָלק איז זיך קיינמאָל נישט מתייאש פון דער גאולה. די זין פון אַזאַ פאָלק לאָזן נישט זיך מייאש זיין. זיי וואַרטן אויף דער גאולה, זיי זענען גרייט זיך מקריב זיין פאַר דער גאולה, פריוואַטער און נאַציאָנאַלער.

מען האָט אונז געלערנט: ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים ...באהבה.

אַליין לערנען, אַנדערע לערנען, וואָס? — אָפּהיטן די תורה און אַלץ טאָן מיט ליבע, באהבה. און ליב האָבן קאָן מען נאָר, ווען מען פילט און מען גלויבט, אַז אַלץ, וואָס מען פאָדערט פון אים, ער זאָל טאָן, איז אויך אין זיין אינטערעס, אין זיין פּערזענלעכן נוצן, פאַר זיין פרייהייט און דער פרייהייט פון זיינע קינדער, דאַן קאָן ער אויך אַלץ טאָן, וואָס עס איז נויטיק פאַרן לאַנד, פאַרן פאָלק.

— * —

ווען קאָן דער מענטש זיך פילן און זיין זיכער, אַז געזעצן, וועלכע די מדינה נעמט אָן, זענען פאַר זיין טובה וועגן — ווען די געזעצן מאַכן נישט קיין אונטערשיד צווישן קלאַס, פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט א.א.וו. „תורת אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם".

און ווען עס פילט זיך פאַרביטערונג צווישן דער באַפעלקערונג, ווען מען באַקלאָגט זיך אויף דיסקרימינאַציע, ווען מען באַפאָרצוגט נישט וועמען עס קומט, נאָר וועמען מען וויל — קאָן מען זיך נישט פילן „ווי מען וואָלט אַרויס־געגאַנגען פון מצרים". דאָן פילט מען זיך ווי אין אייגענעם לאַנד וואָלט מען געוועזן שקלאַפן און דאַן ווערט דער גאַנצער גאולה־אינהאַלט פון דער מדינה געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן.

ווען מענטשן פילן זיך נישט פריי צו זאָגן, וואָס זיי טראַכטן, צו געהערן צו דער פאַרטיי, וועלכע איז זיי נאָענט, צו דערציען זייערע קינדער, ווי זיי גלויבן — דאַן קאָנען זיי נישט פילן, אַז זיי זענען שוין אַרויס פון מצרים.

ווען מען האָרכט אונטער געשפּרעכן נישט פון פאַרעטערישע פּאַרטייען פון דער מדינה, נאָר פון מענטשן, וועלכע זיצן צוזאַמען ביי איין רעגירונגס־טיש, קאָנען די מענטשן נישט פילן, אַז זיי געפינען זיך אין אַ פריי לאַנד.

מדינת ישראל, מלכות ישראל, ממשלת ישראל איז אַן אָנזאָג פון גאולה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, סיי פון דעם חלק, וועלכער לעבט שוין אין ישראל, סיי פון דעם חלק, וועלכער לעבט נאָך אין חוץ־לארץ. אָבער גלייכצייטיק דאַרף מדינת ישראל טראָגן פרייהייט און גליק, גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן פאַר אַלע אירע איינוווינער.

נאָר דאַן וועט יעדער ייד אין מדינת ישראל זיך פילן „כאילו הוא יצא ממצרים"...

און נאָך אַ וואָרט וועגן די יידן, וועלכע לעבן נאָך אין חוץ־לארץ. אויך אויף זיי ליגט די פליכט, זיי זאָלן זיך זען, ווי זיי זעלבסט וואָלטן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. דאָס איז אָבער גוט געווען, כל זמן עס איז נישט געווען קיין מדינת ישראל. האָט מען געקענט יוצא זיין מיט זאָגן. היינט צו טאָג, ווען מיר האָבן ב"ה זוכה געווען צו מדינת ישראל — קאָן מען מקיים זיין די מצווה פון „חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" נאָר אין ארץ־ישראל. נאָר דאָ קאָן מען פילן, אַז נישט בלויז אונזערע זיידעס זענען אַרויס פון מצרים. נאָר מיר אַליין, יעדער איינער איז אַרויס פון מצרים...

כדאַי זיך דורכצושמועסן

גרינבוימס אַרטיקל א. ג. „נטורי קרתא" און „אַ בריוו אין רעדאַקציע" („לעצטע נייעס", יד׳ טבת) גיט מיר, טראָץ זיין פּאָלעמישן כאַראַקטער, אַ מעגלעכ־קייט זיך אַביסל דורכצושמועסן, נישט פּרווונדיק איבערצייגן איינער דעם צווייטן אָדער קומען צו איינשטימיקייט אין פראַגן פון אמונה ודת, ווייל דאָס איז אומ־זיסט (טראָץ וואָס אַלס ייד אַ מאמין בין איך מיך נישט מייאש פון קיין שום ייד). איך גלויב אָבער, אַז דורכצורעדן זיך העלפט אַמאָל אָפּשוואַכן די פאַרביטערונג, וואָס עס הערשט, פּרובירן זיך פאַרשטיין, אַפילו ווען מען איז נישט איינשטימיק.

גוט איז, אַז עס געפינט זיך אין לאַנד אַ צייטונג, אויף וועמענס שפּאַלטן מען קען זיך דורכרעדן אָן שנאה. —

בכדי צו פאַרקירצן דעם וועג, ווייל דער שרייבער פון די שורות פּרווון אויפצוקלערן קורץ ווי מעגלעך, פּונקט ביי פּונקט, ווי אַזוי אַפילו נישט־פרומע יידן דאַרפן האַנדלען, לויט זיין מיינונג, אין דער פראַגע פונעם „מחלוקת־קלוב" ביי „מאה שערים". גרינבוימס אַרטיקל אַנטהאַלט אָבער אויך אַ פראַגע (אָדער פראַגן) געווענדעט דירעקט צום שרייבער פון די שורות, וועלכער וועט פּרובירן ענטפערן אויף די געשטעלטע שאלות.

דאָס אַרטיקל וועט דעריבער טראָגן אַ כאַראַקטער פון אויפקלערונגען:

א) אין „הארץ", „דבר", „זמנים" (מעגלעך אויך אין אַנדערע צייטונגען) זענען אַרויסגעטרעטן שרייבער (איך מיין נישט די בריוו אין רעדאַקציע), וואָס האַלטן זיך נישט אַלס פרומע יידן, און דאָך האַלטן זיי, אַז פאָרן שבת דווקא דורך „מאה שערים" איז נישט בלויז אַן איבעריקע זאַך, נאָר אויך נישט ריכטיק, ווייל אויך נישט־פרומע יידן (אויב מען מיינט נישט להכעיס) האָבן נישט קיין פליכט ווי צו טאָן פרומע יידן. איך מיין, אַז עס איז גאַנץ מענטשלעך, ווען נישט־פרומע יידן, נישט וועלנדיק פאַרביטערן דאָס לעבן פון פרומע, וועלן טאָן אַלץ, כדי אויסצומיידן איבעם עפנטלעכן לעבן און אין אַנוועזנהייט פון פרומע יידן טאָטן, וואָס קאָנען פאַרמיטן ווערן.

איך וויל גלויבן, אַז אויך נישט־פרומע יידן זענען פעאיק צו פאַרשטיין, אַז דער פרומער ייד ליידט זייער פיל פון דעם עפנטלעכן נישט פרומען לעבן.

ב) דער „מחלוקת־קלוב" אין „מאה שערים", אויף וויפיל מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז נישט א „לעצטע שאַפונג". אַמאָל איז דאָרט געווען אַ קינדער־גאָרטן. היינט האָט מען אים פאַרוואַנדלט אין אַ קלוב. דער קלוב איז נישט פאַר די קינדער פון „מאה שערים", נאָר מען ברענגט יוגנט פון אַנדערע געגענטן אין דעם קלוב, בכדי (די כוונה איז דאָך קלאָר) דורך דעם קלוב משפּיע זיין אויף די קינדער פון „מאה שערים" צו ענדערן זייער לעבנס־אַרט. עס איז נישט קיין ענין

פון „נטורי קרתא״ דווקא. נאָר פון כמעט אַלע איינוווינער פון „מאה שערים״.

מען פרעגט, פאַרוואָס האָבן פרומע יידן אַזוי מורא פאַר דער השפעה פון פרייע. דער ענטפער איז אַ פשוטער: נישט פרום לעבן איז גרינגער און דער יצר־הרע העלפט אויך אַ ביסל צו. אָבער נישט דווקא פרומע יידן האָבן מורא פאַר השפעה. און נישט־פרומע יידן האָבן נישט מורא ?!!

וויל מען ווירקלעך אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון לאָזן יעדן לעבן לויט זיין געוויסן, האָבן רעכט דאַרויף אויך מענטשן פון „מאה שערים״. איז דען נישט דאָס גאַנצע לעבן פאַרלויפיק אין ישראל געבויט אויף אַזעלכע געטאָס, ווו יעדער איינער האָט מורא פאַר דער השפעה פונעם צווייטן און יעדער שליסט זיך איין אין זיין געטאָ ?!

וואָס איז עין־חרוד, בהלל, בית אלפא א.א.וו. אויב נישט געטאָס, אין וועלכע מענטשן האָבן זיך איינגעשלאָסן, וועלנדיק לעבן לויט זייער געוויסן, מורא האָבדיק פאַר דעם איינפלוס פון פרעמדע ?! און די לעצטע שפּאַלטונגען אין די קיבוצים פון מפא״י, מפ״ם א.א.וו. דאָס אַרויסנעמען מענטשן, איבערפירן זיי אין אַנדערע ישובים, וואָס עס האָט געקאָסט צענדליקער טויזנטער פונט, דאָס צעברעכן פאַמיליע־לעבנס — דאָס הייסט נישט געטאָס ? נישט וועלן אַריינלאָזן אַנדערע, וואָס טראַכטן בלויז אַנדערש, אין די ד׳ אמות פון די, וואָס האָבן אַן אַנדערע מיינונג — דאָס הייסט נישט געטאָס ?

פאַרלויפיק איז דאָך „מאה שערים״ און „בית ישראל״ באמת אָפּגעזונדערטע שכונות. נישט־פרומע יידן קאָנען דורכגיין גאַנץ ירושלים אָן „מאה שערים״, פאַרוואָס דווקא האָט דאָס מאה שערים׳דיקע עין־חרוד נישט אַזויפיל רעכט ווי דאָס עמק׳דיקע עין־חרוד ? איז דאָך לכל הדעות די אמונה פון „מאה שערים״ פאַר פרומע יידן אַ זאַך, וואָס שטייט מער ווי אַ „ביסעלע״ העכער פון דער עין־חרודער אמונה ?

דער „מחלוקת־קלוב״, אויב מען מיינט נישט להכעיס, מוז נישט זיין אין „מאה שערים״. פונקט אַזוי ווי מפא״י וועט קיינמאָל נישט לאָזן, אַז אין איירס אַ מושב אָדער קיבוץ זאָל מפ״ם אָדער השומר הצעיר אויפשטעלן אַ קלוב, און דאָס גאַנצע לאַנד וועט עס פאַרשטיין, נאָר ווען פרומע יידן פאָדערן פאַר זיך און זייערע שכונות („מאה שערים״ איז אַ פרומע שכונה) די זעלבע רעכט, איז הימל־עפן־זיך.

ג) איך געדענק, מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק אין פוילן, פאַר מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, האָט מען באַשולדיקט די יידישע סיים־דעפּוטאַטן (אויב איך האָב קיין טעות נישט — בעיקר גרינבוימען), אַז דורך זייער געשריי, אַז מען טוט אָן צרות יידן, ברענגען זיי שאָדן פוילן. אויף דעם איז געקומען דער ענטפער (און ווידער אויב איך האָב נישט קיין טעות, טאַקע פון גרינבוימען): שאָדן פוילן ברענגען די, וועלכע שטעלן די יידן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי מוזן שרייען... מען האָט דאַמאָלט אויך באַשולדיקט די יידן, אַז לאַ־כצעקתה. עס איז אויך געווען יידן, וואָס האָבן געזאָגט: לאַ כצעקתה און געפאָדערט צו שרייען

שטילערהייט. מען האָט אונז אויפגעוויזן באותות ובמופתים, אַז מען האָט איבער־געטריבן. אויף דעם אַלעם איז געקומען דער ענטפער: מען שרייט נישט סתם, מען שרייט ווען עס טוט וויי. און ווען מען שרייט, קאָן מען עס נישט טאָן מיט אַ קאַמערטאָן אין האַנט. היטן דעם טאָן, דאָס קאָן מען נאָר, ווען מען זינגט און מען שפּילט, שרייען ווען עס טוט וויי איז נישט קיין זינגעריי און קיין שפּילעריי.

אגב, בלויז פרומע יידן פון „מאה שערים" אָדער „נטורי קרתא" שרייען?

ניין. אַנדערע פרומע יידן שרייען אויך — און אויב זיי שרייען נישט מיט דעם זעלבן טאָן און באַנוצן זיך נישט מיט די זעלבע מיטלען איז עס, ווייל זיי האַלטן, אַז טראָץ אַלעס: דער וועג צו שעדיקן די מדינה, מחלל השם צו זיין ביי גויים — איז נישט קיין יידישער.

זאָל מען נישט פאַרגעסן: אין דער צייט, ווען אין פוילן איז אַ גרויסער טייל יידן געווען אויף דער זייט פון דער פּאָליטיק פון ליארמען, שרייען, דע־מאָנסטראַציעס, זענען געווען אַ גרויסער טייל יידן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער וועג פון ליאַרמען ברענגט שאָדן. דאָך אָבער: ווי געטאָן האָט ביידע. עס זענען געווען מייגונגס־פאַרשידנהייטן וועגן די מיטלען און וועגן צו פירן דעם קאַמף פאַר רעכט און לעבנס־זיכערהייט פון פוילישע יידן.

עס טוט ווי אַלע פרומע יידן, אָנהויבנדיק פון די „נטורי קרתא" ביז הפועל המזרחי, דאָס וואָס מען טוט דאָ אין לאַנד פרומע יידן. עס זענען דאָ ניואַנסן און חלוקי דעות וועגן דעם אופן ווי בעסער צו מאַכן די לאַגע.

ד) שאַדן דער יידישער מדינה און איר כבוד ברענגען נישט בלויז „נטורי קרתא" מיט זייער שרייען און זיך ווענדן צו די אומות־העולם, וואָס קיינער באַ־רעכטיקט עס נישט. צי „יורדים", ווייל מיר האָבן נישט געפונען די וועגן זיי איינ־צוואָרדענען, מיט זיי צו רעדן אַ מאָל בלויז אַ גוט וואָרט — האָבן נישט געברענגט שאַדן דעם נאָמען פון ישראל? טעלעגראַמעס און אַרטיקלען אין נישט־יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד אָדער יידישע צייטונגען אין פרעמדע שפּראַכן, וועלכע אויך נישט־יידן לייענען, אַז אין מדינת ישראל דריקט מען אונטער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אַז מען באַרויבט די רעכט פון פּריוואַטע איניציאַטיוו, אָדער אַז מדינת ישראל האָט זיך פאַרקויפט דעם אימפּעריאַליזם און וויל קעמפן קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד — דאָס אַלץ ברענגט נישט שאַדן מדינת ישראל און איר גוטן נאָמען?

ה) איך בין פאַלקאָם איינשטימיק, אַז דער וועג פון די „נטורי קרתא" זיך צו ווענדן צו גויים איז אַ פאַרברעכן. עס איז אויך אמת, אַז זיי (די „נטורי קרתא" זענען נישט גאַנץ מאה שערים) ווילן ליבערשט אַ פרום ארץ־ישראל אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט ווי אַן אפּיקורסישע מדינה. זאַכן, וועלכע מיר באַ־רעכטיקן נישט און אויף דעם געביט פירן זיך די פאַרביטערסטע וויכוחים שוין צענדליקער יאָרן צווישן דעם רעליגיעזן ציוניזם (המזרחי, הפועל המזרחי) און יענע טיילן. היינט איז אפילו אגודה נישט איינשטימיק מיט די „נטורי קרתא". עס ווילט זיך אָבער פאַרשטיין: בעת דעם גרויסן פּאָליטישן געראַנגל וועגן דער

עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, זענען געווען פיל קעגנער פון דער מדינה, אויס פּאָליטישע מאָטיוון און אויך אויס אידעאָלאָגישע. אַ געוויסע פּאַרטיי, וועלכע אירע פאַרטרעטער זענען שפּעטער געווען מיניסטאָרן, האָבן אַפילו געשיקט מענטשן אין אַ געוויס לאַנד משפיע זיין, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין קעגן אַ מדינה, נאָר געפאָדערט אַ יידיש־אַראַבישע מדינה. די מענטשן זענען גאָר נישט פּסול, נאָר אַנדערע, וועלכע צוליב רעליגיעזע מאָטיוון (נישט באַרעכטיקט) ווילן מוותר זיין אויף דער מדינה, זיי זענען דאָס די איינציקע פאַרברעכער?

איך בין מסכים, אַז מען דאַרף זיי באַקעמפן פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך, מיר טוען עס, אָבער דווקא די, וועלכע רעדן מיט אַזוי פיל ביטערקייט וועגן די „נטורי קרתא", רעדן דאָך נישט צוליב זייער פּאָליטישער שטעלונג, נאָר צוליב זייער רעליגיעזער האַלטונג. עס פרעגט זיך טאַקע דעריבער: נאָך וואָס דאַרף מען עס? נאָך וואָס מוז מען פאָרן דווקא דורך „מאה שערים" אום שבת, נאָך וואָס מוז דער קלוב זיין דווקא ביי „מאה שערים", אַ זאַך וואָס איז נישט באַרעכטיקט אַן און פאַר זיך און עס איז נישט באַרעכטיקט צו געבן געווער אין די הענט פון די „נטורי קרתא".

ו) מיר זענען אַ פאָלק, וואָס פאַר דער אמונה האָט עס זיך מוסר־נפש געווען. אַדאַנק דעם מסירת־נפש האָט עס אויסגעהאַלטן ביז איצט. ליידער איז לעצטנס אַנטשטאַנען אַ גרויסער טייל אינעם פאָלק, וועלכער טראַכט, אַז מיר דאַרפן ווערן אַן „אַנדער פאָלק", אַן „עם אחר". יידן מאמינים גלויבן, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען. מיר גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט סוף סוף תשובה טאָן. מעגלעך, אַז אַ טייל וועט אָפּפאַלן. יעדנפאַלס איז זיכער, אַז אסימי־לירט זיך, אָפּגעפאַלן פונעם יידישן פאָלק זענען שטענדיק די נישט מאמינים, די נישט היטנדיקע תורה און מצוות. יעדנפאַלס די, וועלכע במשך פון דער צייט איז זיי פרעמד געוואָרן די יידישע אמונה, תורה און מצוות און ווייסן גאָרנישט, וואָס דאָס איז.

מיר רעליגיעזע ציוניסטן זעען אין בויען ארץ־ישראל, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך נישט־פרומע יידן (די ערשטע בויער זענען געווען פרומע יידן), אַ גייסטיקן אָנהאַלט פאַר נישט־פרומע יידן. זיי דערפילן לויט אונזער אמונה אַן ערשט קלאַסיקע מצווה, וועלכע אמונת ישראל און די תורה איז מחייב, אַפילו ווען זיי טוען עס נישט לשם־שמים. מיר זעען אין מדינת ישראל אַ נס מן השמים. אַלס פרומע יידן האָבן מיר רעכט צו שטרעבן און פּרווון קודם־כל אַליין פאַר־ווירקלעכן, אַז מדינת ישראל זאָל ווערן די טרעגערין פון אמונת ישראל און די פאַרווירקלעכונג פון תורת ישראל און אירע אידעאַלן, לפּחות און להבדיל ווי אַנדערע ווילן דאָ פאַרווירקלעכן גריכישע טעאָריעס אָדער סאָוויעטישע תורות.

מיר פאַרשטייען אָבער, אַז עס גייט נישט צו כאַפּן, עס גייט נישט צו מאַכן עס מיט געוואַלט, מיר מוזן געפונען אַ וועג צוזאַמענצולעבן אין מדינת ישראל מיט אַנדערע, וואָס טראַכטן אַנדערש פון אונז און לעבן אַנדערש ווי אונז. דאַרף מען זוכן דעם וועג צוזאַמען, פאַרשטייענדיק, אַז מיר אַלע האָבן רעכט דאָ

צו לעבן, און מיר מוזן דאָ לעבן צוזאַמען. און כל זמן מיר קאָנען נישט איבער־צייגן איינער דעם צווייטן — מוז מען געפינען אַ מיטל־וועג. אָבער דער וועג קאָן נישט זיין דורך באַרויבן די פרומע יידן דאָס רעכט זיך אויסצולעבן ווי זיי ווילן און דערציען זייערע קינדער אין זייער גלויבן.

עס מוז אויך געפינען ווערן אַ וועג אין דער עפנטלעכקייט אָפּצוהיטן גע־וויסע פרינציפּן. נישט אריינגייענדיק דאָ אין דעטאַלן, וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז גרינבוים איז געווען דער, וועלכער צוזאַמען מיט בן־גוריון און הרב מיימון האָבן געשריבן אַ בריוו צו אגודת ישראל אָדער צו ר׳ יצחק מאיר לעווין, אַז ווען מען וועט זוכה זיין צו אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, וועט די סוכנות אויף וויפיל זי וועט האָבן אַ השפעה אַלץ טאָן צו פאַרזיכערן אין מדינת ישראל, אַז דאָס פאַמיליע־לעבן זאָל זיין כדת משה וישראל, שבת און יידישע ימים־טובים אַלס עפנטלעכע רו־טעג און כשרע קיכן, אויף וויפיל זיי וועלן זיין אויפן חשבון פון מלוכהשע געלטער (איך האָב נישט פאַר מיר דעם גענויעם טעקסט, קאָן זיין, אַז עס זענען דאָ קלייגע ענדערונגען). ווייזט דאָך אויס, אַז אויך גרינבוים פאַר־שטייט, אַז עס איז גאָר נישט פשוט צו ווערן אַן „עם־אחר״...

ז) שטעלט זיך די פראַגע פון דער צווייטער זייט: דאָס געזעץ האָט נישט דערלויבט לאָסט־אויטאָס צו פירן מענטשן פון ירושלים קיין תל־אביב, איז אַ גאַנצע וואָך גיט פאָליציי אַכטונג דערויף, נאָר דווקא שבת האָט זי זיך נישט געקימערט וועגן דעם. דאָס האָט געבראַכט צו די דעמאָנסטראַציעס. איז כל זמן דאָס געזעץ עקזיסטירט — איז מען עס מחויב צו האַלטן? באַזונדערס די, וועל־כע זענען געשטעלט אויף צו היטן דאָס געזעץ? דאָס הייסט נישט אַ פאַרברעכן קעגן מדינת ישראל?

זאָלן מיר בעמען אַ צווייטן פאַקט, וועלכער איז נישט נוגע „נטורי קרתא״, נישט „מאה שערים״, נאָר אַלע יידן מאמינים אין דער גאַנצער וועלט (מדינת ישראל געהערט דאָך לכל הדעות דעם גאַנצן יידישן פאָלק) און באַזונדערס יידן מאמינים אין ישראל. ווען מען ברענגט פרומע יידן פון צפון אַפריקע און מען באַזעצט זיי אין ישובים און מען גיט זיי נישט די רעליגיעזע באַדערפעגישן ווי מקוואות, רבנים, שוחטים, רעליגיעזן חנוך — ווי דאַרף מען עס רופן?

ווען אין אַזעלכע ישובים קומט מען צופאַרן דווקא אין שבת — ווי דאַרף מען עס רופן? דאַכט זיך, אַז לויט די מדינה געזעצן איז דאָס אַלץ מכלומרשט רעגולירט, אָבער אין לעבן איז עס גאַנץ אַנדערש. דאָס האָט אויך עפּעס צו טאָן מיט געוויסנס־פרייהייט. —

ח) מען זאָגט, אַז די רעליגיעזע פאַרטייען זענען אין אַלעם שולדיק. זיי פירן פאָליטיק. ווייס איך נישט, פאַרוואָס אַלע פאַרטייען, בכדי צו פאַרווירקלעכן זייערע אידייען, מעגן זיי זיך באַנוצן אויך מיט דעם מיטל, וואָס רופט זיך פאָליטיק און פרומע יידן נישט. אָבער איז דען נישט קלאָר, אַז ווען נישט די פּאָליטישע רעליגיעזע פאַרטייען, וואָלט דאָס לעבן פון אַ רעליגיעזן ייד און אַ רעליגיעזן קיבוץ געווען כמעט אוממעגלעך. צי וואָלט די מלוכה אויסגעהאַלטן רעליגיעזע

שולן, מקוואות, רבנים, אָדער ער וואָלט עס געדאַרפט צאָלן פון זיין אייגענער קעשענע? אויך הייגט מוזן יידן נאָך צושטייער געבן צו מקוואות, רבנים א.א.וו.

ט) מען פרעגט: פאַרוואָס דער הפועל המזרחי האָט פאָרמולירט „על יסודות תורה שבכתב ותורה שבבעל־פה". די זאַך איז אַ פשוטע: אַ סך שאלות וואָס זענען אויפגעהויבן געוואָרן און שטייען נישט קלאָר אין תורה שבכתב, איז אויף זיי דאָ דער ענטפער אין תורה שבבעל־פה. אויך שאלות, וועלכע דאָס לעבן רופט אַרויס אין יעדן דור — האָבן אונזערע גדולי התורה און רבנים געפסקנט אויף די יסודות פון תורה שבכתב און תורה שבבעל־פה, אַפילו ווען זיי געפינען זיך נישט קלאָר.

מיר ווילן, אַז אויך די פראַגן אין אונזער דור, וועלכע די מדינה רופט אַרויס, זאָלן פאַרענטפערט און געלייזט ווערן אויף די יסודות פון תורה שבכתב און שבבעל־פה. דאָס הייסט, אַז אונזערע גדולי התורה און רבנים זאָלן זוכן דעם ענטפער אויף אַלע פראַגן, וועלכע שווימען אויף אינעם מלוכהשן לעבן, אין דער תורה שבכתב ושבבעל־פה.

אַלס יידן מאמינים זעען מיר די תורה נישט בלויז צו רעגולירן די פליכטן פון מענטש צום רבונו של עולם, נאָר קומט רעגולירן דאָס גאַנצע יידישע מענטש־לעכע לעבן. מיר גלויבן, אַז אַלע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען קאָנען געפינען זייער לייזונג אויף די יסודות פון דער תורה.

אַ קליינעם ביישפיל: נאָך יענעם וועלט־קריג אין אין טשעכאָסלאָוואַקיע אָנגעגאַנגען א וויכוח פאַר פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אָדער קעגן. ביי יידן האָבן זיך די מיינונגען געטיילט. די יידישע שטימען האָבן געקענט דעצידירן. דאַן, אויף דעם פאָרשלאַג פון הרב ד"ר ברוידאָ ז"ל פון פּראַג, האָבן זיך אַלע יידן געאייניקט צו פרעגן די מיינונג פון הרבנות הראשית אין ארץ־ישראל. — דאַמאָלס: הרב קוק און הרב יעקב מאיר זצ"ל. אוןביידע האָבן געפסקנט אויפן יסוד פון דער תורה (די תשובה איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם שרייבער פון די שורות אין „סיני"), מאָטיווירנדיק עס לויט דער הלכה, פאַר פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. און יידן האָבן דאַן דעצידירט וועגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָנסטיטוציע.

דאָס הייסט ביים הפועל המזרחי: „לבנות את ארץ ישראל על יסודות התורה". אָדער „לפתור את בעיות החיים לאורה של התורה!".

עס איז נישט פאַראַן קיין שום הינטער־כוונות ביי דעם.

— * —

אַזוי איז נגזר געוואָרן. מיר מוזן לעבן צוזאַמען אין מדינת ישראל און אין דער גאַנצער וועלט — יידן מאמינים שומרי תורה מיט אַנדערע יידן. מיר מוזן געפינען אַ וועג, ביז מיר וועלן זוכה זיין, ווי מיר מאמינים גלויבן, אַז יידן וועלן תשובה טאָן. דער וועג איז אָבער נישט דורך טאָן להכעיס. און די פראַגע שטייט: ווילן מיר לעבן צוזאַמען, מוזן מיר לעבן צוזאַמען: — נאָך וואָס מוז מען פאָרן אום שבת דווקא דורך „מאה שערים", נאָך וואָס מוז מען האָבן דעם קלוב דווקא נעבן „מאה שערים"?

ייד און גוי

א.

דער גוי פאַרנעמט זיכער אַ גאַר וויכטיקן פּלאַץ אויף גאָטס־וועלט, און נישט קיין מינדערוויכטיקן פּלאַץ אין דער ספּעציפישער יידישער וועלט, אין דעם ספּעציפישן יידישן געדאַנקען־גאַנג, זיין וועלט און לעבנס־אויפפאַסונג, אין זיין אמונה און אין זיינע אידעאַלן לעתיד לבוא.

דער פּלאַץ, וואָס דער גוי פאַרנעמט אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער היסטאָריע און אין גאַנצן לאַנגן לעבנס־וועג פון יידישן פאָלק — פון אברהם אבינו ביז היינט, און פון היינט ביז דעם אחרית־הימים — איז בוגע אַלע גויים — די יעניקע, וואָס זענען געווען פאַר אונז, און אויך די, וואָס ‏,ענען אַרויסגעקומען פון אונז. זאָגט דאָך אַ פאָלקס־ווערטל: „אַלע יונים האָבן איין פנים".

דעריבער, ווען עס רעדט זיך ביי אונז וועגן גויים, מאַכט מען נישט קיין אונטערשיד צווישן קריסטן אָדער מוסולמענער, בודיסטן און אַפילו קאָמוניסטן. ווען עס רעדט זיך ביי אונז וועגן נישט־יידן, רעדט מען וועגן דעם כלל גויים. „ולא ישא גוי אל גוי חרב" — נישט וויכטיק וואָס פאַר אַ גוי. יידן זענען נישט חשוד אויף דעם ווילן פון טראָגן די שווערד אַלס סימבאָל. „ועל חרבך תחיה" איז דער אינהאַלט פון אַלע עשו'ס אין אַלע צייטן און פון אַלע נישט־יידישע אמונות (קאָמוניזם איז אויך אמונה, אַ פאַלשע). דער גוי פאַרנעמט ביי אונז איינעם פון די הויפּט־פּלעצער פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם אחרית הימים.

„ומלאה הארץ דעה" מיינט מען טאַקע יידן אויך. אויך מיר וועלן קונה שלימות זיין. אָבער מען גלויבט טאַקע גאַנץ פשוט: אַז אויך די גויים, די נישט־יידישע וועלט וועט קומען צום דעת.

אונזער תורה שבכתב און תורה שבעל־פה וועט קומען צו אַלע, ממש אַלע מענטשן, ווען זיי וועלן קומען צו דער דערקענטעניש, צו דער איבערצייגונג, פון ד׳ אחד ושמו אחד.

מען וואָלט געקענט דערווייזן מיט טויזנטער ציטאַטן, אַז דער גוי, דער נישט־ייד, פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג, אין דער יידישער אמונה, אין די יידישע אידעאַלן וועגן דער גרויסער געטלעכער תקופה, צו וועלכע מיר וועלן זוכה זיין פריער אָדער שפּעטער, און אין וועלכער עס וועט קומען דער פולקאָמער מענטשלעכער רענעסאַנס. מענטשלעכער, פונעם כלל־מענטשן נישט בלויז יידן.

וויפיל פּלאַץ, טרויעריקן פּלאַץ, די נישט־יידישע וועלט, די גויים פאַר־נעמען אין אונזער היסטאָריע פון אברהם אבינו ביז היינט, איז דאָך אוודאי

איבעריק צו רעדן. וועלכעס קינד, וועמענס עלטערן עס ווילן נישט פון אים פאַרהוילן יידישקייט, ווייסט נישט, וויפיל טייכן בלוט אונזער, די נישט־יידישע וועלט, די גוים, האָבן פאַרגאָסן.

אזוי, אַז עס איז קיין שום פראַגע נישט וועגן דעם פלאַץ, וועלכן דער גוי פאַרנעמט אויף גאָטס וועלט און אין דער יידישער וועלט...

ב.

די פראַגע איז אַ גאַנץ אַנדערע, די פראַגע פון „בין ישראל לעמים". ווי אַזוי רעגולירט מען די באַציאונגען צווישן דער יידישער און נישט־יידישער וועלט, צווישן יידן און גויים. מען קאָן עס אפשר פאָרמולירן נאָך קלאָרער: נישט די פראַגע „צווישן ייד און גוי", נאָר צווישן יידישן פאָלק און אַנדערע פעלקער. מענטש מיט מענטש (אַפילו ייד און גוי) וואָלט נאָך ווי עס איז געקענט דורכקו־מען. די שאלה איז צווישן פאָלק און פאָלק. אמת, די פראַגע שטייט נישט בלויז צווישן יידישן פאָלק און גויישן פאָלק. נאָר צווישן אַלע פעלקער — איינס צום אַנדערן. אָבער דאָך טאָר מען נישט אַוועקקוקן, אַז עס עקזיסטירט אַ באַזונדער פּראָבלעם צווישן דעם יידישן פאָלק און אַלע אַנדערע פעלקער, ווי גויים, ווי נישט־יידן.

וועלן מיר ערלעך זיין און נישט וועלן זיך אַליין נאַרן, צוליב באַקוועמ־לעכקייט, דאַרפן מיר געדענקען, אַז דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ איז, ווי עס האָט געזאָגט דער נביא מיכה (פּרק ד׳ פסוק ה׳):

„כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ד׳ אלקינו לעולם ועד". ווייל אַלע פעלקער וועלן גיין יעדער מענטש אין נאָמען פון זיין גאָט און מיר וועלן גיין אין נאָמען פון אונזער גאָט אייביק.

יאָ, דער גוי שטייט אין דער מיט. נישט איין מאָל איז ער גורם צו אַ מחיצה צווישן אונז און דעם רבש"ע. נאָר די סיבה איז ווייל „ויתערבו בגויים וילמדו ממעשיהם". ווייל מיר פאַרגעסן דעם וועג, וועלכן דער נביא מיכה האָט פאַר אונז אָנגעצייכנט, מיר זאָלן גיין אויף אים אייגער אַליין — ביז מיר וועלן זוכה זיין צו „ומלאה הארץ דעה". מיר האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די גויים, מיר האָבן זיך דערנענטערט צו זיי, מיר האָבן געוואָלט מכלומרשט דורך דעם זיי דערנענטערן צו אונז, דערווייל האָבן מיר געלערנט פון זייערע מעשים, און דאָס האָט געשאַפן די מחיצה...

די באַציאונגען צווישן ייד און גוי, צווישן יידישן פאָלק און אַנדערע פעלקער קאָן מען נישט איינשטעלן (און די היסטאָריע לערנט עס אונז, אַפילו די לעצטע היסטאָריע: די השכלה־עפּאָכע, די אַסימילאַציע א.א.) אויפן יסוד פון ווילן פאַרטושן די גרונט אונטערשידן צווישן יידנטום און גויימטום. פאַרטושן בכדי מיר זאָלן זיך דערנענטערן צו די גויים, אָדער זיי דערנענטערן צו אונז. די באַציאונגען קאָן מען נישט באַזירן אויפן פעלשן אונזער היסטאָריע, אונזער אמונה און אונזער תורה, בכדי נושא חן צו זיין ביי די גויים. עס וועט צו גאָרנישט ברענגען, ווייל די אמתע גויים ווייסן גאַנץ גוט, וואָס עס איז דאָס אמתע יידנטום,

און זיי וועלן דאָך נישט אָננעמען אונזער פעלשן די יידישע אמונה, די יידישע תורה. זיי וועלן דאָך אויף אונז קוקן, מיט רעכט, ווי אויף שקרנים, ליגנערס און די שנאה וועט נאָך שטאַרקער וואַקסן. זיי וועלן דאָך טראַכטן: ווי אַזוי קאָנען זיי האָבן צו אונז פאַרטרויען, אַז מיר זענען גרייט צו פאַראַטן אונזער אמונה, אונזער פאָלק, פעלשן אונזער היסטאָריע, בכדי זיך צו דערנעענטערן צו די גויים, אָדער זיי דערנעענטערן צו אונז.

אוודאי, זיי „מעגן" פעלשן אונזער היסטאָריע, אונזער אמונה, אין קאַמף קעגן אונז, אָבער זיך לאָזן נאַרן פון אונז, מיר זאָלן פעלשן אונזער אמונה צוליב אַ גויישן שמייכל, דאָס קאָן אפילו אַ גוי נישט פאַרליידן.

ג.

ניין. די באַציאונגען צווישן דעם יידישן פאָלק און אַלע גויישע פעלקער, צווישן ייד און נישט־ייד, קאָנען זיך איינשטעלן אויפן יסוד פון אמת. און דער אמת, ווי דאָס יידישע פאָלק פאַסט אים אויף, איז — אז יעדעס פאָלק און יעדער מענטש האָט רעכט און פליכט צו עקזיסטירן אויף גאָטס וועלט לויט זיין וועזנט־לעכן אייגנאַרטיקן אינהאַלט. נאָכמער: נישט בלויז מענטשן און פעלקער האָבן אַט דאָס רעכט, נאָר אַלץ, וואָס עקזיסטירט, האָט רעכט צו עקזיסטירן. און ווער עס וויל פאַרניכטן עפעס פון דעם, וואָס עקזיסטירט, איז עובר אויף בל־תשחית. מיר דאַרפן אויפקלערן אַלע פעלקער, אַז אַזוי ווי דאָס אויסזען, דאָס געשטאַלט פון מענטשן זענען נישט ענלעך איינער צום צווייטן, אַזוי זענען אויך זייערע מיינונגען נישט גלייך איינע צו די צווייטע און דאָך האָבן אַלע רעכט צו לעבן, צו עקזיסטירן און הנאה האָבן פון גאָטס וועלט, נישט אויסנוצנדיק, פאַרשטייט זיך, יענעמס אַרבעט, און נישט וועלנדיק אָפּווישן אַנדערע פון אונטערן הימל.

דאָס זעלבע איז אויך ביי פעלקער. יעדעס פאָלק האָט זיך זיין פיזיאָגנאָ־מיע, פיזישע און גייסטיקע. מיר דאַרפן נישט אַלע טראַכטן דאָס זעלבע. און דאָך האָבן אַלע פעלקער רעכט צום לעבן און צו עקזיסטירן, און עס איז דאָ גענוג פלאַץ אויף גאָטס וועלט פאַר אַלע פעלקער, אויב יעדער וועט זיך באַגנוגענען מיט זיין היים און נישט וועלן אַריינקריכן צו יענעם, נישט וועלן, אַז אַנדערע זאָלן ווערן אַזוי ווי ער, און ער וועט נישט וועלן ווערן ווי אַנדערע.

ילך כל איש בשם אלהיו, ביז דעם גרויסן טאָג פון „ונשגב ד' לבדו ביום ההוא".

— * —

למעשה, האָט דער ציוניזם, אַפילו דער וואָכעדיקער, געפּרוווט גיין אויף דעם וועג. אויפקלערן די גויים, אַז מיר האָבן דאָס רעכט צו עקזיסטירן אַלס פאָלק אַזוי ווי אַנדערע עקזיסטירן, נישט זייענדיק ווי אַנדערע, זייענדיק אַנדערש ווי אַנדערע. מיט דער צייט אָבער איז דער ציוניזם אַראָפּ פון גלייכן וועג — ער האָט אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל אונז אָנערקענען זעלבסטבאַרעכטיקונג, נישט אַלס יידיש פאָלק, נאָר אַלס פאָלק, וואָס עס איז נאָך נישט קלאָר, וואָס עס וועט זיין. און דאָ איז די טראַגעדיע. אַלע — הן ביי אונז גופא, הן פרעמדע —

פילן, אַז מיר קומען נישט מיט אונזער גרויסן אמת, נאָר, אַז מיר ווילן זיך און אַנדערע נאַרן. און דאָס גייט נישט. פון דאַנען די צעטומלטקייט, די נישט קלאָר־קייט.

יאָ, דער גוי פאַרנעמט זייער אַ גרויסן פלאַץ ביים יידישן פאָלק. שוין ליידער צו פיל פלאַץ. דאָס קאָן מען אָבער נישט ענדערן דורך פאַלש איבערגעבן אונזער היסטאָריע, דורך פעלשן אונזער אמונה, דורך וועלן נאַרן אַנדערע און זיך. דער וועג איז:

„כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ד׳ אלקינו לעולם ועד״.

„ווער איז א ייד ?" — דער וואָס איז אַ ייד!

(צו דער פראַגע, וואָס עס האָט באַרירט מלך ראַוויטש)

א.

אַ ייד, וואָס לעבט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי אַ ייד, פרעגט קיינ־מאָל נישט: ווער איז אַ ייד? ביי אים איז יעדער מענטש, וואָס איז געבוירן ביי א יידישע מוטער — אַ ייד. אַפילו ווען אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן פירט ער זיך נישט ווי אַ ייד דאַרף זיך פירן, ווערט ער אויך פאַררעכנט פאַר אַ ייד. „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא" איז אַ געזעץ. מען קען אים רופן „עובר עבירה", „פושע ישראל", „עוכר ישראל" א.א.וו., אָבער קיינער וועט נישט טראַכטן אפילו אויף איין מינוט, אַז אַן „עובר עבירה" הערט אויף צו זיין אַ ייד.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן זאָגן, אַז דער יעניקער, וועלכער לייקנט אין דער יידישער גאולה, הערט אויף צו זיין אַ ייד. ווייל די עקזיסטענץ פון אַ ייד איז פאַרבונדן מיט דעם יידישן פאָלק, זיין עקזיסטענץ אַלס זעלב־שטענדיק אומאָפהענגיק פאָלק, וואָס גייט זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־וועג לויט זיין לעבנס־אויפפאַסונג. אַ ייד, וועלכער גלויבט נישט אין דער גאולה, הייסט, ער גלויבט נישט אין דער עקזיסטענץ־פעאיקייט און עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פונעם יידישן פאָלק, ממילא פאַרלייקנט ער זיין פערזענלעכע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אַלס ייד. זיין אינדיווידועלע עקזיסטענץ אַלס ייד איז אָפהענגיק פון זיין אָנגע־העריקייט צו דעם יידישן פאָלק, אַלס בן־ישראל.

מען קען נישט זיין קיין ייד, ווען אַפילו מען היט אָפּ אַלע געזעצן פון דער תורה און מען געהערט צו אַן אַנדער פאָלק. דאָס אָפרייסן זיך פונעם פאָלק איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן און אויך די גרעסטע שטראָף „ונכרתה הנפש ההוא מישראל". מען קאָן זיין אַ גוטער געטרייער בירגער פון דעם לאַנד אין וועלכן מען לעבט, אָבער אַ זון קאָן מען זיין נאָר פונעם יידישן פאָלק.

דאָס איז דער אונטערשיד פון נישט־יידישע רעליגיעס, באַזונדער פו־נעם קריסטנטום און דער יידישער תורה. ביי אַנדערע רעליגיעס קאָנען אָנגעהע־ריקע פון איין רעליגיע געהערן צו פאַרשידענע פעלקער. ביי יידן אידענטיפיצירט זיך די יידישע תורה מיטן יידישן פאָלק און די פון אַנדערע פעלקער, וועלכע נעמען אויף זיך צו לעבן לויט דער יידישער תורה און זענען זיך מגייר, ווערן דאַדורך פון אָט דעם מאָמענט זין פונעם יידישן פאָלק.

נישט אומזיסט האָבן די קריסטן געטענהט צו די יידן נאָך דעם חורבן (שבת קט"ז ע"ב) „מן יומא דגלותו מארעכון אותנטילת אורייתא דמשה ואות־ייהיבת אורייתא אחריתא". (פונעם טאָג ווען איר זענט פאַרטריבן געוואָרן פון אייער לאַנד איז אַוועקגענומען די תורה פון משה און עס איז געגעבן געוואָרן

אַן אנדערע תורה). ווייל אויך זיי, די קריסטן, האָבן געפילט ווי די יידישע תורה אידענטיפיצירט זיך מיט דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אין זיין אומאָפּהענגיק לאַנד, זיין פאָטערלאַנד, ארץ־ישראל.

עס איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס יידן האָבן קיינמאָל נישט אָנער־קענט קיין פרעמד לאַנד אַלס זייער פאָטערלאַנד. ווייל אַזוי ווי דער ספּעציפישער לעבנס־אַרט, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין דער יידישער תורה, אינדענטיפי־צירט זיך נישט בלויז מיטן יחיד, נאָר בעיקר מיטן כלל ישראל. אַזוי אויך זיי ביידע: תורת ישראל און עם ישראל אינדענטיפיצירן זיך מיט ארץ־ישראל.

דעריבער עקזיסטירט איבערהויפּט נישט די פראַגע „ווער איז אַ ייד?" ביי אַ ייד, וואָס לעבט זיין שטענדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן לויט דער יידישער תורה. ביי אים איז אַ ייד יעדער איינער, וועלכער איז געבוירן פון אַ יידישע מאַמע, אַפילו ווען ער טוט נישט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אַלץ, וואָס די תורה פאַרפליכטעט אַ ייד.

אַז דאָס איז נישט בלויז קיין אבסטראַקטע טעאָריע, וואָס דרינגט אַרויס פון דער יידישער געזעצגעבונג, נאָר, אַז דאָס איז אויך אַ היסטאָרישער פאַקט, איז געבנוג אָנצווייזן, אַז יידן, וועלכע זענען געווען ווייט אין זייער לעבנס־וועג פון דער יידישער תורה, און האָבן געשאַפן אויפן ריין־מענטשלעכן אָביעקט, האָבן זיי דאָך אַריינגעבראַכט „דאָס פּינטעלע ייד", וואָס האָט געטליעט טיף באַהאַלטן אין זייער האַרץ. אַזוי איז עס געווען אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, קונסט, מוזיק, ליטעראַטור. אומעטום, וווּ אַ ייד האָט געשאַפן, האָט זיך אַרויס־גערוקט דאָס פּינטעלע ייד. און עס שטעקט אַ גרויסער אמת אין דעם, וואָס די נישט־יידן זאָגן צו אונז, אַז אַ ייד אויף וואָס פאַר אַ געביט ער זאָל נישט שאַפן, שאַפט ער ווי אַ ייד.

ווייל ווי זינגט דאָס פאָלקס־לידל: אַ ייד בלייבט אַ ייד!

די פראַגע, אַלזאָ, ווער איז אַ ייד — עקזיסטירט איבערהויפּט נישט אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ ייד, וואָס לעבט לויט דער יידישער תורה. עס עקזיס־טירט אָבער די פראַגע: וואָס איז אַ ייד?

ב.

דערמיט אָבער, וואָס מען שטעלט פעסט ווער עס איז אַ ייד, דער וואָס איז געבוירן פון אַ יידישע מאַמע, גיט נאָך נישט דאָס געפיל, אַז מען איז אַ ייד. יורידיש־גענומען, אויב מען זאָל זיך אויסדריקן, איז עס ריכטיק. אָבער לעבן איז נישט בלויז יורי און געזעץ, נאָר אין דער ערשטער ריי: געפיל, איך לעב, ווייל איך פיל, אַז איך לעב. און די פראַגע שטייט: אַ ייד, וואָס איז געבוירן ביי אַ יידישע מאַמע און איז לויט אַלע יורידישע פונקטן אַ ייד, מיט וואָס פילט ער, אַז ער איז אַ ייד? פאַרשטייט זיך, אַז די פראַגע שטעלט זיך אַמשאַרפסטן ביי די מענטשן, וועלכע זענען ווייט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם יידישן ספּעציפישן לעבנס־אַרט לויט דער יידישער תורה.

א ייד, וואָס לעבט לויט דער תורה, טראַכט ממילא ווי אַ ייד, דענקט ווי אַ ייד, לעבט ווי אַ ייד און פילט אַלס אַ ייד. פאַר אים שטעלט זיך איבער־הויפּט נישט די פראַגע: וואָס איז אַ ייד? ביי וועמען שטעלט זיך די פראַגע, וועמען מאַטערט זי, די פראַגע? — אַט די, וועלכע פילן, אַז מיט זייער יידישקייט איז עפּעס נישט אין גאַנצן אין אָרדענונג, אַז עפּעס הינקט אונטער מיט זייער יידישקייט. אָדער ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט ביאַליק, זיי פילן, אַז די מזוזה ביי דער טיר פון זייער האַרץ איז געפּסלט געוואָרן.

אַט די הערן אייניקוויינז אויף צו טראַכטן און דענקען ווי יידן, פּלוצים פילן זיי, אַז זיי הויבן־אָן אויפצוהערן פילן ווי יידן און זיי הויבן אָן טראַכטן ווי נישט־יידן. און עס גייט ווייטער: אין אַ שיינעם פרימאָרגן הויבן זיי אָן פילן, אַז זיי האָבן ליב נאָר געוויסע יידן. די יידן, וועלכע דערמאָנען זיי נישט זייער יידישקייט; זיי באַציִען זיך ביסלעכווייז מיט אַנטיפּאַטיע צו די יידן, וועלכע דער־מאָנען זיי, אַז מיט זייער יידישקייט איז עפּעס נישט מיט אַלעם. אַזוי שטייען מיר פּלוצלונג פאַר אַ דערשיינונג, אַז דווקא אַ ייד, וואָס לעבט לויט דער תורה, האָט ליב אַלע יידן, אָן אויסנאַם, ביי אים זענען נישטאָ יידן, וועלכע ער דאַרף ליב האָבן און יידן, וועלכע ער דאַרף נישט ליב האָבן. און דווקא די, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט פון יידישקייט, הויבן אָן אונטערצושיידן צווישן יידן.

ביי זיי שטעלט זיך פּלוצים די פראַגע: ווער איז אַ ייד? ווייל דאָס געוויסן מאַטערט זיי. און אַנשטאָט צו שטעלן די פראַגע, וואָס איז אַ ייד, דהיינו, וואָס פאַרפליכטעט מיך מיין אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, שטעלט מען פּלוצ־לונג די פראַגע: ווער איז אַ ייד?

אוודאי, מאָנאָטעאיזם איז דער יסוד פונעם יידישן פאָלק, זיין גלויבן אין זיין תורה; אמת „ייד איז אייביקע מאָנונג פון אבסאָלוטן יושר, ייד איז מאָנונג פון זין אין דעם, וואָס עס זעט אויס אַ זינלאָז שפּיל — דאָס לעבן" („לעצטע נייעס" פון כ"ג אייר „די אייביקע פראַגע: ווער איז אַ ייד?" — מלך ראַוויטש); זיכער, „א ייד, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם יידישן גורל און פילט, אַז ער האָט פאַרבינדונג מיט דעם יידישן כלל, איז אַ גאַנץ גוטער ייד" (דאָרט) א.א.וו. אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז עס זענען פאַראַן אויך נישט־יידן, וואָס פּרעדיקן מאָנאָטעאיזם, מאָנען אבסאָלוטן יושר; מאָנען זין פאַרן לעבן, וואָס זעט אויס ביי פיל זינלאָז; עס זענען פאַראַן נישט־יידן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם יידישן גורל און העלפן דעם יידישן פאָלק. און דאָך ווערט נאָך קיין איינער פון די אַלע נישט קיין ייד. ווייזט־אויס, אַז אַט דאָס אַליין איז נאָך נישט גענוג צו זיין אַ ייד. פאַרקערט: ווער עס איז געבוירן אַ ייד און וויל נישט העלפן זיין פאָלק, טראַכט נישט וועגן מאָנאָטעאיזם, מאָנט נישט קיין יושר וצדק נישט פון זיך און נישט פון אַנדערע און דאָך איז ער אַ ייד. נישט בלויז ביי אונז, נאָר אַפילו נישט־יידן האַלטן אים פאַר אַ ייד, ווייל ער האָט „דאָס פּינטעלע ייד".

עס איז נישט קיין צופאַל, אַז די פון נישט־יידן, וואָס האָבן פיינט יידן, האָבן פיינט פרומע יידן ווי נישט־פרומע, רייכע ווי אָרעמע, געבילדעטע ווי אנאַל־

פּאַבעטן, סאָציאַליסטן ווי קאַפּיטאַליסטן, ווייל זיי האָבן פיינט יידן און יידן זענען די וועלכע זענען געבוירן יידן, דעריבער, ווייל זיי זענען געבוירן יידן, האָט מען זיי פיינט. וואָס זיי זאָלן נישט טראַכטן און וואָס זיי זאָלן נישט זיין און ווי זיי זאָלן זיך נישט אויפפירן, צי ווי די גרעסטע צדיקים, צי ווי די גרעסטע רשעים.

עס וועט קיינער נישט זיין דאַקעגן, אַז אַ כמות־ייד דאַרף אויך זיין אַן איכות־ייד, וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישן היה הוה ויהיה. ער מוז באַזיצן אַ סכום אַלגעמיינע יידישע קענטענישן און זיי כסדר אויסברייטערן, ער מוז זיין פאַרבונדן מיט אייגער פון די יידישע באַוועגונגען — — — און ערלעך טאָן עפּעס פאַר זיי. ער מוז האָבן אַ וויזיע פון יידישן מאָרגן און נישט נאָר אליין גיין אין יענער ריכטונג, נאָר — דער עיקר — פירן אויך זיינע נאָענטסטע, בעיקר קינדער אין יענער ריכטונג. אָבער, ווידער אַמאָל, זענען דאָ אויך נישט־יידן, וואָס האָבן אין זיך דאָס אַלץ און דאָך זענען זיי נישט קיין יידן. עס זענען דאָ יידן, וואָס זענען ווייט פון דעם אַלעם, און דאָך זענען זיי יידן.

ג.

עס העלפט גאָרנישט: אַ ייד איז דער, ווער עס איז געבוירן אַ ייד, ווען אפילו ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן יעדן עול פון יידישקייט, ווען אפילו ער פאַרפרעמדט זיך צום יידישן פאָלק. מיט וואָס פילט מען זיך אַלס ייד? דאָס הייסט, וואָס דאַרף מען טאָן צו זיין אַ ייד, זיך צו פילן אַלס ייד, בעסער געזאָגט: וואָס איז אַ ייד, וואָס אים מאַטערט נישט די פראַגע: ווער איז אַ ייד, אויף דעם איז דאָ נאָר איין אייציקער ענטפער: דער, וואָס לעבט ווי אַ ייד! און קיין שום פּלפּול און פּשטל קען דאָ גאָרנישט העלפן. לעבן ווי אַ ייד הייסט: לעבן לויט דער תורה.

די אָנערקענונג, אַז אַלס ייד דאַרף מען לעבן לויט דער יידישער תורה, די באַמיאונג צו לעבן לויט דער יידישער תורה, אפילו ווען צוליב פאַרשידענע סיבות קאָן מען נישט אַלץ מקיים זיין — אָט די אָנערקענונג און די באַמיאונג דאָס דורכצופירן ווי ווייט מעגלעך אינעם לעבן, מאַכט דעם ייד פילן, טראַכטן, דענקען און לעבן אַלס ייד. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס מאַכט אים זיין און פילן, וואָס ער איז — אַ ייד!

אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, צי ווען יידן זענען געזעסן אין זייער לאַנד, צי ווען זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן, אָדער אַליין געגאַנגען אין גלות, זענען מיר עדות, אַז די יידן, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו אָנערקענען, אַז די תורה פאַרפליכטעט דעם ייד אַלס ייד און האָבן דאַדורך אויפגעהערט צו לעבן לויט איר, מיט דער צייט זענען זיי אָפּגעפאַלן פונעם יידישן פאָלק, די אָבער, וואָס האָבן אָנערקענט די תורה אַלס פרימאַט פונעם יידישן לעבן, ווען צוליב פאַרשידענע סיבות האָבן זיי נישט געקענט לעבן לויט איר — זענען זיי אָדער זייערע קינדער צוריקגעקומען אין שויס פון דעם יידישן פאָלק.

אָנערקענענדיק די תורה אַלס דעם לעבנס־וועג פונעם יידישן פאָלק און

איר זין, אַנערקענט מען ממילא די אַלע אטריבוטן ווי: מאַנאָטעאיזם, גערעכ־טיקייט, איבהאַלט פאַרן לעבן, ליבע צום ייד און צום מענטש א.א.וו.

די תורה איז נאָר די, וועלכע נעמט די אַלע אבסטראקטע אידייען און וויזט דעם מענטש ווי אַזוי ער קען זיי פאַרווירקלעכן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. די תורה ווייזט, וועלכע זענען די מיטלען, מיט וועלכע מען קען דערציִען דעם מענטש, ער זאָל זיך מוסר־נפש זיין פאַר די אידעאַלן פונעם יידנטום און נישט ווערן מיטגעריסן מיטן שטראָם, מיטן שטורעם.

און זאָל מען נישט זאָגן: יאָ, כל־זמן יידן זענען אין דער פרעמד, אין גלות, איז דער יידישער לעבנס־אָרט לויט דער תורה אַ סימן פון יידישקייט, אָבער אין ישראל איז דאָס ווינען אין ישראל אַ גענוגנדער סימן פאַר צוגעבונדנ־קייט צום יידישן פאָלק, אַ סימן פון אָנגעהעריקייט צום יידנטום, אַ סימן פון זיין אַ ייד.

דאָס איז אַ גרויסער ביטערער טעות, פאַר וועלכן מיר קאָנען נאָך אַמאָל חס־וחלילה טייער באַצאָלן:

א) די תורה אַנטהאַלט אין זיך פיל געזעצן ווי אַזוי צו לעבן אַלס ייד און פריי פאָלק אין ארץ־ישראל, און ווי אַזוי צו לעבן אַלס ייד אין גלות.

ב) די קריסטן און אַנדערע טיילן פונעם יידישן פאָלק, וועלכע האָבן געגלויבט אין ארץ־ישראל און האָבן אַפילו אָנגענומען געוויסע פּרינציפּן פון דער יידישער אמונה, נאָר זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון דער תורה, האָבן מיט דער צייט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס יידן, און זענען גע־וואָרן פאַרוואַנדלט אַלס בלוט־שונאים פונעם יידישן פאָלק.

ג) אין ישראל ווינען אויך נישט־יידן, און זייער צאָל וועט וואַרשיינ־לעך גרעסער ווערן. און ווען אַפילו זיי וועלן אָפּהיטן פּינקטלעך און אויספירן אַלע געזעצן פון דער מדינה, וועלן זיי נאָך דורך דעם נישט ווערן יידן.

דאָס לאַנד מאַכט נאָך נישט די איינוווינער אַלס יידן. און די איינוווינער מאַכן נאָך נישט דאָס לאַנד אַלס ארץ־ישראל.

נאָר ווען יידן לעבן אין ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד אינעם טאָג־טעגלעכן זין (ווייל אין היסטאָרישן זין איז ארץ־ישראל געבליבן ארץ־ישראל, אַפילו ווען אַנדערע האָבן עס באַזעצט) ארץ־ישראל. און יידן לעבן אין ארץ־ישראל הייסט, ווען זיי לעבן ווי יידן, לויט תורת משה. דאַן פילן זיי ווי יידן; דאַן איז פאַר זיי קלאָר נישט בלויז ווער איז אַ ייד, נאָר אויך, וואָס איז אַ ייד! אַנדערש דראָט די געפאַר, אַז אויך אין ישראל זאָל אַנטשטיין אַן אַנדער פאָלק.

נאָר פאַר דעם גלויביקן ייד שטייט נישט די געפאַר: ווייל אַ ייד קאָן נישט אויפהערן זיין אַ ייד, דאָס יידישע פאָלק קאָן נישט אויפהערן זיין אַ יידיש פאָלק. ווייל ארץ־ישראל וועט נישט אויפהערן זיין ארץ־ישראל, ווייל די יידישע תורה וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן פונעם יידישן פאָלק.

דאָך, אויך דער גלויביקער ייד זעט די געפאַר אין דעם, ווען יידן אין ישראל וועלן אויפהערן לעבן לויט דער יידישער תורה, וועלן זיי מיט דער צייט

אויפהערן פילן זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק (באַזונדערס צו די טיילן, וועלכע לעבן נאָך אין פרעמדע לענדער), עס וועט אָפּגעשוואַכט ווערן זייער ליבע און צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל און ביי יעדע גרעסערע שוועריקייטן וועלן זיי נעמען דעם וואנדער־שטעקן און אָנהויבן וואַנדערן פון דאָסניי.

זענען מיר דאָך שוין היינט עדות, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע זייער ליבע צום „צווייטן פאָטערלאַנד" איז שטאַרקער ווי צום אייגענעם פאָטערלאנד. זעען מיר דאָך ווי אַ גרויסער טייל, וועלכער שטויסט זיך אָן אין פאַרשידענע שוועריקייטן, פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

נאָר די, וועלכע לעבן ווי יידן, טראַכטן ווי יידן, פילן ווי יידן — איז ביי זיי קלאָר, אַז זיי זענען יידן, און זיי דערפילן זייער פליכט אַלס יידן.

ווער איז אַ ייד? — דער וואָס איז אַ ייד!

— * —

די שורות זענען באַמערקונגען צו דער אָפּהאַנדלונג פון ה' מלך ראַוויטש „די אייביקע פראַגע: ווער איז אַ ייד?" די באַמערקונגען זענען נישט קעגן די אויספירונגען פון ה' ראַוויטש. זיי ציען נאָר די קאָנסעקווענצן פון די אויספירונגען פון ה' ראַוויטש.

(„ווען משיחס קומען...")

מלך ראוויטש באַצייכנט זיין רשימה „ווען משיחס קומען..." „לעצטע נייעס", ז' אדר ב') אַלס א פעליעטאָן. פאַרוואָס ווייס איך נישט. די רשימה איז פיל מער און העכער. זי פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. און דעריבער עטלעכע באַמערקונגען.

די אמונה אין „ביאַת המשיח" איז פאַרבונדן, צווישן אַנדערע, מיט צוויי זאַכן:

א) ווען משיח וועט קומען, וועט דאָס יידישע פאָלק (דער רמב"ם זאָגט: „ויתקבצו אליו כל ישראל") צוריק באַקומען זיין מלוכהשע זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. יידן אַלס יחידים און דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס דורך דער מדינה, וועלן זיך קאָנען אויסלעבן אַלס יידן לויט דער יידישער תורה און פאַרווירקלעכן אין לעבן די תורה אידעאַלן.

ב) דורך דער „תורה־אָרדענונג", וועלכע וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין ארץ־ישראל דורכן מלך־משיח, וועט זיך די וועלט בכלל דערנעענטערן צו אַ בע־סערער און שענערער וועלט־אָרדענונג, און פיל אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן ביז איצט נישט געפונען קיין לייזונג און האָבן דעריבער גורם געווען צו שנאה און מלחמות צווישן מענטשן און פעלקער — וועלן געפינען זייער לייזונג.

מיר שטייען אין אַ קאָנפליקט מיט דער גאַנצער נישט־יידישער וועלט, ווייל אַלע זייערע משיחים האָבן נישט אַנטהאַלטן די אויבנדערמאָנטע באַדינגונ־גען. דעריבער אויך איצט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו מדינת ישראל, זעען מיר זי נאָר, אַז מיר געפינען זיך אין די „ימות־המשיח", די אתחלתא דגאולה, אָדער אפשר מער פון דעם, אין דעם „תהליך הגאולה". אָבער משיח איז נאָך נישט געקומען. מיר גלויבן און וואַרטן נאָך אויף זיין קומען.

די אמונה אין משיח און די אויפגאַבע, וועלכע ער וועט דערפילן פאַר אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, ארץ־ישראל און די שכינה און וועט ברענגען גליק און פרידן דער גאַנצער וועלט, איז פאַרבונדן טיף־טיף אין דעם גלויבן, אַז דער ייד און דער מענטש בכלל וועט ווערן גוט און ער וועט זיין ראוי, זיין פעאיק צו אַ וועלט־אָרדענונג פון פריינטשאַפט און שלום. דעריבער איז די אמונה אין „ביאת המשיח" ענג פאַרבונדן מיט דער אמונה אין תשובה. דאָס הייסט: מיר גלויבן, אַז יידן (יעדער ייד באזונדער) וועט טאָן תשובה.

די אמונה אין „ביאת המשיח" איז דעריבער נישט פאַרבונדן מיט רע־זשימען. נישט דער רעזשים קאָן ברענגען משיחן, נאָר דער מענטש. דער רעזשים איז א רעזולטאַט פון דעם ווילן פון מענטש און פון „**וואָס איז דער מענטש**".

זענען מענטשן גוטע, ווילן זיי אַ גוט לעבן; שאַפן זיי אַ רעזשים, וואָס זאָל זיי מיטהעלפן צו פאַרווירקלעכן א גוט און שיין לעבן. זענען מענטשן שלעכט — שאַפן זיי אַ רעזשים, וואָס העלפט זיי שאַפן אַ שלעכט לעבן.

די אמונה אין „ביאת המשיח״ איז פאַרבונדן מיט אָט דער פראַגע „וואָס איז דער מענטש״. איז דער מענטש א חיה — שטרעבט ער צו זיין אַ חיה, וויל ער צוריק ווערן אַ מאַלפּע. ווייל יעדע זאַך ציט צום שורש. די „תשובה״ פון דער „תורה״, אַז מענטשן זענען חיות איז: צוריק צו א חיהש לעבן. מיר גלויבן אָבער, אַז דער מענטש איז אַ „יצור כפיו של הקדוש ברוך הוא״ און טראָגט אויף זיך דעם „צלם־אלוקים״ און אין זיך טראָגט ער אַ „חלק אלוקי ממעל״, גלויבן מיר דעריבער, אַז דער מענטש וועט „תשובה״ טאָן און גיין אין גאָטס וועגן: „מה הוא רחום, אף אתה רחום״. ווייל דעם מענטש ציט צום וואָרצל, צום שורש. יעדט מען איין דעם מענטש און מען לערנט אים, אַז דער שורש איז אַ חיה, וויל ער זיך פירן ווי א חיה, דערציט מען דעם מענטש און מען ווייזט אים דעם אמת, אַז דער שורש זיינער איז דער רבונו של עולם, ציט עס אים צום רבונו של עולם.

די פראַגע איז דעריבער נישט אויסצוטוישן חלילה וחס דעם „אני מאמין בביאת המשיח״ אין אַ נייעם „אני מאמין בביאת האדם עם רצון טוב״. אַפילו ווער עס האַלט זיך פאַר „א נישט פרומען ייד״ דאַרף נישט אַזוי פאַרמולירן די פראַגע אַפילו אין אַ פּעליטאַניסטישער פאָרם. נישט בלויז, ווייל אַזאַ פאַרמולירונג איז פּוגע אין דעם געפיל פון גלויביקע און פרומע יידן, נאָר ווייל מיר גלויבן, אַז דער ייד און מענטש וועט בעסער ווערן, און אַלס רעזולטאַט פון תשובה וועלן מיר זוכה זיין צו ביאת המשיח. און ווען מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת המשיח אַלס רעזולטאַט פון תשובה, וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה נישט בלויז פאַרן יידישן פאָלק, נאָר מיר וועלן זוכה זיין זיך צו דערנענטערן צו דעם אחרית הימים, דעם תכלית הבריאה, ליום שכולו טוב, אָבער ווי באַצייכנט עס דער משורר ש. שלום, צו „שבת־בעולם״.

ווען מיין פריינט מלך ראַוויטש וויל אונטערשטרייכן דעם גלויבן „בביאת האדם הטוב״, דאַרף ער דאָס נישט טאָן דורך פּוגע זיין אין דער אמונה בביאת המשיח, אַפילו ווען ער האַלט זיך פאַר אַ נישט פרומען. אגב, וואָס איז דער יסוד פון גלויבן „בביאת האדם הטוב״ אין ליכט ווי די מענטשהייט זעט אויס אָן גלויבן, אָן אמונה אין ביאת המשיח, אָן תשובה, ווען דער מענטש איז אַ „יצור כפיו של הקדוש ברוך הוא״ און נישט קיין חיה? —

די אמונה אין „ביאת המשיח״, וואָס אין רעזולטאַט דאַרף מען אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות בכלל ובפרט, האָט געשאַפן די שטימונג אין פאָלק, אַז ווען מען וואַרט אויף אַ בעסערן מאָרגן, אויף בעסערע צייטן אַפילו אינעם פריוואַטן לעבן, זאָגט מען: „מען קוקט אויס ווי אויף משיחן״. ווייל עס איז שטאַרק די אמונה, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט מיט דער צייט קומען אַ סוף צו די צרות, פון יחידים און פון כלל, פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז דעריבער גאָרנישט נויטיק צו וועלן פאַרטוישן דעם ענין פון

„ביאת המשיח" ממש פון יעדן יחיד און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל צו שענערע, בעסערע טעג און צייטן. אמונה אין „ביאת המשיח" איז איין זאַך און „משיחיזם", ווי די בעלי־השכלה האָבן עס געוואָלט פאַרטײַשן, איז אַ צווייטע זאַך.

— * —

נאָך אַ באַמערקונג: „עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא" טייטשט מען נישט „און כאָטש ער פאַרזוימט זיך — פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז אַ ליאַדע טאָג קען ער קומען" נאָר: „און כאָטש ער פאַרזוימט זיך, וואַרט איך יעדן טאָג (כאָטש ער איז נעכטן נישט געקומען), אַז ער וועט קומען.

— * —

בכדי דער גלויבן אין מענטש זאָל נישט זיין אבסטראַקט, מוז מען דעם מענטש צוריקגעבן דעם גלויבן, אַז ער איז אַ מענטש און נישט קיין חיה. איז דער מענטש אַ חיה, וועט ער קיינמאָל נישט ווערן קיין מענטש. און קיין שום גלויבן „בביאת האדם הטוב" וועט נישט העלפן.

מען דערציילט אין נאָמען פון רבין ר' יונתן אייבעשיץ זכרונו לברכה: אַמאָל אין אַ וויכוח האָט ער געזאָגט: מען קען אַ קאַץ אַלץ אויסלערנען. אָבער ווען זי זעט אַ מויז, ווערט זי צוריק אַ קאַץ...

דער „תורה תמימה" זאָגט, אַז דער מענטש ווערט אָנגערופן „אדם" פונעם שורש „דמות". ווייל כביכול האָט געזאָגט: „נעשה **אדם** בדמותנו". מאַכט מען דעם מענטש אין דמות פון רבונו של עולם, זעט מען אים אַלס יצור־כפיו — איז באַגרינדעט די אמונה אין אדם־טוב, אַז דער מענטש וועט בעסער ווערן, וועט תשובה טאָן. זעט מען דעם מענטש אין דמות פון אַ חיה חס־ושלום, אַלס המשך פון אַ חיה — וועט ער קיינמאָל קיין מענטש נישט ווערן. די חיה, וואָס מען רעדט אים איין במקום דעם „חלק אלוקי ממעל", וועט אים קיינמאָל נישט לאָזן גוט ווערן, ווערן אַ מענטש.

דער „נעשה אדם בדמותנו" — איז דער יסוד פון אמונה אין „אדם הטוב". פון תשובה, פון ביאת המשיח.

אַן אָפּגעשלאָסענע תקופה

(מיט בן־גוריונס אַוועקגיין)

א.

מיט בן־גוריונס אַוועקגיין פון מלוכה־רודער ווערט אָפּגעשלאָסן א תקופה פון שטורעם און דראַנג אין ציוניזם, וואס איר פינאַל איז געווען דאס ווידער־אויפשטעלן פון דער יידישער מדינה אין א טייל פון ארץ ישראל.

די אָפּגעשלאָסענע עפּאָכע, כאָטש זי איז אַ קורצע, פינף יאָר סך־הכל, איז פילייכט די דעצידירנדע אין אונזער צייט, און אפשר נישט בלויז אין אונזער צייט, פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר מדינת ישראל.

עס ווילט זיך דעריבער, מיט אָפּשליסן די עפּאָכע, פּרווון מאַכן א שטיקל חשבון הנפש: ווו האַלטן מיר אין דער וועלט?

אָן ספק, אז די צענטראַלסטע פיגור אין דער עפּאָכע איז דוד בן־גוריון, און נישט ווייצמאַן. און אויב אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט ווייצמאַן געמאַכט די געשיכטע פונעם ציוניזם און פון ארץ ישראל, — האָט בן־גוריון געמאַכט די געשיכטע פונעם ציוניזם און פון ארץ ישראל אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג ביז היינט.

ב.

בן־גוריונס געשיכטע פון דער לעצטער עפּאָכע, איז די געשיכטע פון „באַלטימאָר־פּראָגראַם" און די ווידעראַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. אמת, ווייצמאַן האָט אפשר פאַר אים, זייענדיק אין אמעריקע, אָנפאַנג דעם לעצטן קריג גערעדט, אז דער קריג מוז אונז ברענגען די מדינה אין ארץ ישראל. אָבער דאָס איז באַר געווען אַ פּאָליטישער ענטוורף. טראַכטנדיק, אַז די וועלט, אלס רע־זולטאַט פון דעם לעצטן קריג, וועט אָנערקענען, אַז די צייט איז געקומען צו פאַרוואַנדלען די נאַציאָנאַלע היים אין אַ מדינה. אָבער ווייצמאַן האָט נישט גע־טראַכט, אַז די צייט איז געקומען, אז מיר זאָלן פאַרוואַנדלען ארץ ישראל — לפּחות דעם טייל, וועלכן מיר האָבן דע־פאַקטאָ געבויט — אלס א מדינה, אומ־אָפּהענגיק צי אנדערע וועלן עס וועלן אָדער נישט.

ווייצמאַן, פּראָקלאַמירנדיק, אַז דער קריג דאַרף אונז פאַרוואַנדלען די נאַציאָנאַלע היים אין א מדינה, האָט געוואָלט די וועלט פאַרבאַרייטן, אַז זי זאָל אונז געבן די מדינה, אָבער נישט, אז מיר זאָלן זי נעמען אפילו ווען די וועלט וועט זי נישט וועלן געבן.

דעריבער איז ווייצמאַן געווען פיל מאָל קעגן דער העפּלה, קעגן אַבק,

און קעגן א סך זאַכן, וואָס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט זײַנער צײַט באַ־שלאָסן און דורכגעפירט אונטער דער אָנפירונג פון בן־גוריון קעגן דעם ווילן פון ווייצמאַנען.

ווייצמאַן האָט געזוכט באַאײַנפלוסן ענגלאַנד, אַז זי זאָל אונז פאַרשלאָגן פשרות, און מיר זאָלן נישט דאַרפן רעוואָלטירן קעגן איר. ער איז פיל מאָל אַוועק זײַער ווײַט, אַפילו בנוגע דער „הגנה", די זעלבסטשוץ און דאָס געווער, וועלכע די יידישע ישובים האָבן געהאַט פאַר זײַער פאַרטיידיקונג.

ווייצמאַן האָט געגלויבט אין דעם אינערלעכן כוח פון יידישן פאָלק אויפ־צובויען די מדינה דע־פאַקטאָ. ער האָט אָבער נישט געגלויבט אין דעם אינער־לעכן כוח פונעם יידישן פאָלק אויך צו פאַרוואַנדלען די אויפגעבויטע פון אים יידישע מדינה אין אַ יידישע מדינה דע־יורע.

ווייצמאַן איז גרייט געווען צו ברעכן די שבועה „שלא ידחקו את הקץ", אָבער ער איז נישט גרייט געווען צו ברעכן די שבועה „שלאַ ימרדו באומות" און „שלא יעלו כחומה". ער האָט געגלויבט אין דעם געוויסן אויך פון דער גוייִשער וועלט, אַז זי וועט זיך אויפוועקן און אליין מתיר זײַן די אויבנדערמאָנטע שבועות דעם יידישן פאָלק.

ווייצמאַן האָט דעריבער נישט געזען אין די באַציאונגען צווישן אַ יידישן ארץ ישראל מיט ענגלאַנד אינטערעסן־באַציאונגען. ער האָט נישט געגלויבט, אַז מען קען ענדערן די ענגלישע באַציאונגען צו דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, דורך איבערצײַגן ענגלאַנד, אַז עס ליגט אין אירע אינטערעסן צו שאַפן אַ שטאַרק יידיש ארץ ישראל. ער האָט געגלויבט, אַז די ענגלישע פאָזיטיווע באַציאונג צום ציוניזם זײַנער צײַט און די באַלפור דעקלאַראַציע איז הויפּט־זעכלעך אַ רעזולטאַט פון אַ אידעאיש־מאָראַלישער אויפפאַסונג פונעם ענגלישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך נישט אונטערגעשעצט דעם אינטערעסן־געוויכטס־פונקט.

ער האָט דעריבער געגלויבט, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען די וועלט, מיט ענגלאַנד אין דער שפיץ, וועט אונז דערלויבן צו פאַרוואַנדלען ארץ ישראל אין אַ יידישע מדינה.

ג.

אין קעגנזאַץ צו אָט דער ווייצמאַנישער אויפפאַסונג איז געווען בן־גוריונס צוגאַנג צו דער פראַגע פון פאַרוואַנדלען ארץ ישראל אין א מדינה.

פאַר אים איז עס געווען קודם־כל אַ געוויסנס־פראַגע פון דעם יידישן־וועזן, פון זײַן לעבנס־אינהאַלט. דאָס נישט דאַרפן זיך געפינען אונטער פרעמדע הערשאַפט, דאָס נישט אָננעמען פרעמדע אָנווייזונגען — דאָס ליגט אינעם געוויסן פונעם יידישן פאָלק. דאָס איז זײַן אייגנאַרטיקייט. ציוניזם הייסט דעריבער באַפרײַען דאָס פאָלק פון פרעמדער פיזישער הערשאַפט, און געבן אַ מעגלעכקייט דעם יידישן פאָלק צו לעבן לויט ווי זײַן געוויסן דיקטירט אים. ציוניזם הייסט דערי־

בער אויך: באַפרייען דעם יידישן געוויסן, בישט זיין געצוואונגען, בישט לעבן לויט דעם געוויסן פון אַנדערע.

מיט דעם מאָמענט, דעריבער, ווען דער ישוב איז געקומען צו דער מדרגה, אַז ער האָט געקענט אויפנעמען א גרויסע עליה (די אויפנאַמס־פעאי־קייטן פון לאַנד האָט דאָך דער ציוניזם געשאַפן), אליין אָנפירן מיט דעם דער־ציאונגס־סיסטעם, מיט דער סאָציאַלער הילף, זיך פאַרטיידיקן קעגן די אַראבישע אָנפאַלן א.א.וו. — ווען דער ישוב האָט זיך שוין געפונען אין אַזאַ לאַגע פון עקאָנאָמיש־גייסטיקער און זיכערהייטס־זעלבשטענדיקייט, האָט ער געמוזט רע־וואָלטירן און זיך קעגנשטעלן דעם ענגלישן דיקטאַט, ווען די ענגלישע מאַנדאַ־טאָרן מאַכט האָט געפּרוווט נישט דערלאָזן אָט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג.

די פראַגע פון עליה, פון באַארבעטן דעם באָדן, זעלבסטפארטיידיקונג א.א.וו. איז געוואָרן אַ געוויסנס־פראַגע פונעם יידישן פאָלק אין ארץ ישראל

דאָס געוויסן פונעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל, באַזונדערס בשעת דער היטלער־פאַרטיליקונג, האָט געפאָדערט צו עפענען די טויערן און אריינ־ברענגען וואָס מער יידן, זיי אָפּצוראַטעווען פון פאַרניכטונג. ווען די ענגלישע מאַנדאַטאָרן מאַכט האָט דאָס נישט דערלאָזט, איז דאָס געווען אַן אַטענטאַט נישט בלויז אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך היטלערן, — דאָס איז אויך געווען אַן אַטענטאַט אויף דעם געוויסן פונעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל, וועלכעס האָט געפאָדערט צו ראַטעווען די יידן דורך עפע־נען די טויערן פון ארץ ישראל.

ווען בן־גוריון איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָט אין דער צייט, ווען דאָס יידישע געוויסן האָט געפאָדערט צו עפענען די טויערן פון ארץ ישראל — איז אויסזיכטלאָז יעדע האָפענונג, אַז ענגלאַנד (צוליב פארשידענע סיבות) זאָל קאָאָפּערירן מיט אונזער געוויסן — איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז אין צוזאַמענשטויס צווישן דעם יידישן געוויסן מיט דער ענגלישער פּאָליטיק טאָרן מיר נישט אָפּטרעטן. טאָרן מיר זיך נישט אונטערגעבן, ווייל דאָס איז קעגן דעם געוויסן פונעם יידישן פאָלק, וואָס נאָר דאָס געוויסן גיט אים זיין גאַנצע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, פאַר זיין זעלבשטענדיקן קיום.

— * —

בן־גוריון אין קעגנזאַץ צו ווייצמאַן איז געווען פאַר עליה, פאַר מאבק, פאַר הגנה, פאַר נישט שטעלן דאָס הגנה־געווער אונטער ענגלישער קאָנטראָל.

בן־גוריון האָט אויך געגלויבט, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע און סאַנ־רעמאָ זענען געווען א געוויסער אויסדרוק פון דעם מענטשלעכן געוויסן קעגנ־איבער דעם יידישן פאָלק, וועלכעס האָט אויפגעוואַכט. ער האָט אויך געגלויבט, אַז ווען מיר וועלן ווירקן לויט ווי עס דיקטירט אונז אונזער געוויסן, און ברעכן די ענגלישע עקשנות דורך העפּלה, הגנה, מאבק א.א.וו. וועט דאָס מענטשלעכע געוויסן נישט קענען שטעלן זיך קעגן אונז. פאַרקערט: ווייל אונזער געראַנגל

קעגן ענגלאַנד איז טיף אין גרונט־גענומען א מאָראַלישער געוויסנס־געראַנגל פונעם יידישן פאָלק. האָט בן־גוריון געגלויבט. אַז דאָס מענטשלעכע געוויסן וועט זיך שטעלן אויף אונזער זייט און אַז אויך ענגלאַנד מיט דער צייט וועט זיך באַפרייען פון בעווין־יזם.

בן־גוריון האָט אָבער נישט געהאַלטן. אַז מיר דאַרפן וואַרטן ביז דער מענטשלעכער און ענגלישער געוויסן וועט אויפוואַכן. עס איז געווען דאָס געבאָט פון דער שעה פון אונזער געוויסן צו עפענען די טויערן פון ארץ ישראל און מיט דעם העלפן דעם מענטשלעכן געוויסן אויפוואַכן.

— * —

בן־גוריון האָט דעריבער געפאָדערט דעם באַלטימאָר־פּראָגראַם צו פאַר־ווירקלעכן אליין. נישט וואַרטנדיק ביז די וועלט וועט אים זיין גרייט צו פאַר־ווירקלעכן. ווען עס איז געווען כלו כל הקצין צו האָפן. אַז ענגלאַנד וועט אונז לאָזן עפענען די טויערן. האָט ער געפאָדערט מיר זאָלן זיי אליין עפענען. דורך פּראָקלאַמירן ארץ ישראל אלס מדינת ישראל. אין קעגנזאַץ צו כמעט דעם גרעסטן טייל פון זיינע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — האָט ער געפאָ־דערט צו פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. אויפנעמען דעם קאַמף מיט די אַראַבער — ווייל לויט זיין מיינונג. האָט עס געפאָדערט דאָס געוויסן פונעם פאָלק.

מען מוז מודה זיין. אַז אין אַ געוויסן סטאַדיום האָט אויך ווייצמאַן גע־האַלטן. אַז מען דאַרף פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. ביי ווייצמאַנען איז עס אָבער געווען אַן אויסרעכענונג פון א געוויסער פּאָליטישער סיטואַציע. וועלכע האָט זיך געהאַט געשאַפן. צוליב פּאַרטרוילעכע געשפּרעכן און פאַרזיכערונגען. וואָס ער האָט באַקומען. אַז אַמעריקע וועט. אפילו קעגן ענגלאַנד. אַנערקענען מדינת ישראל. בשעת ביי בן־גוריונען איז דאָס פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה געווען א געוויסנס־נויטווענדיקייט.

ווייצמאַנס דעציזיע איז געווען אָפּהענגיק פון אויסרעכענונגען אויף אויסערלעכע פאַקטאָרן און פון זיי געמאַכט אָפּהענגיק אונזער ארבעט. בשעת בן־גוריון האָט אַלץ געמאַכט אָפּהענגיק פון אונז אליין. מיט דעם טיפן גלויבן. אַז דאָס געוויסן פון דער וועלט וועט אונז נישט שטערן.

ד.

דער זעלבער געראַנגל האָט זיך ווייטער געצויגן. אויך נאָך דער אַנט־שטייאונג פון דער מדינה צווישן בן־גוריונען און זיינע חברים (און ציט זיך נאָך פּיליכט ביז היינט). ווי אויך צווישן אים און אנדערע מיטגלידער פון דער רע־גירונג בנוגע קיבוץ־גלויות.

בשעת בן־גוריון האָט געזען אין קיבוץ־גלויות דעם פּרימאַט פון דעם געוויסן פון דער מדינה. צוליב וועלכער די מדינה איז אַנטשטאַנען. און האָט דערי־בער געזען אין אָפּשטעלן די עליה. אָדער איינשרימפּן זי. אַ ווידערשפּרוך צום געוויסן פונעם פאָלק. וואָס די מדינה דאַרף זיין זיין טרעגער — האָבן אַנדערע

געזען די מדינה אלס אַ זאַך פאַר זיך, וואָס מען דאַרף זאָרגן פאַר איר עקזיסטענץ. איר עקזיסטענץ איז געוואָרן דער הויפּט־אידעאַל. און ווען פאַר איר באַקוועמ־לעכקייט איז געווען באַקוועמער צו פאַרקלענערן די עליה — זענען זיי געווען גרייט עס צו טאָן, אָן באַזונדערע אינערלעכע שוועריקייטן. בשעת בן־גוריון האָט אין דעם געזען פאַראַט פון דעם געוויסן פון פאָלק און פון דער מדינה.

בשעת אַנדערע האָבן אָנגעוויזן באותות ובמופתים, אַז מען מוז אָפּשטעלן די עליה, אָדער זי פאַרקלענערן — האָט בן־גוריון געטענהט: ניין! מיר מוזן פאָדערן פונעם גאַנצן פאָלק און דער גאַנצער וועלט צו דערפילן זייער פליכט צו דעם יידישן זעלבשטענדיקן געוויסן, וועלכעס פאָדערט קיבוץ־גלויות.

— * —

ווייל בן־גוריון האָט געזען אינעם ציוניזם דעם וועג צו געבן אַ מעגלעכ־קייט דעם יידישן געוויסן צו ווערן אָפּהענגיק דורך באַפרייען זיך פון פרעמדער הערשאַפט, האָט ער געזען אַ ווידערשפּרוך אינעם ציוניזם פון די ציוניסטן, וועל־כע אויך נאָך דער אנטשטייאונג פון דער מדינה בלייבן ווייטער זיצן אין פרעמדע לענדער און דורך דעם העלפן זיי נאָר מיט, אַז דאָס יידישע געוויסן (אויסער פון די יידן, וואָס וווינען אין ישראל) זאָל ווייטער זיין פאַרשקלאַפט אָפּהענגיק פון פרעמדע. ער האָט דעריבער נישט געוואָלט אָנערקענען אַזאַ ציוניזם, וועלכער העלפט נאָר בלויז מדינת ישראל צו זיין די טרעגערין פון דעם יידישן געוויסן. דאָס טוען אויך יידן נישט־ציוניסטן, פאַר ציוניסטן האָט ער געטענהט איז די צייט צו גיין קיין ארץ ישראל.

— * —

ווייל די מדינה דאַרף זיין דער אויסדרוק פונעם פאָלקס־ווילן, איז ער געווען פאַר חנוך־ממלכתי אפילו אָן דער פּאַרטיי־קלאַסן פאַן. דאָס איז אַ קאָנ־סעקווענטער רעזולטאַט פון דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג.

פון דאַנען נעמט זיך אויך זיין פּאָזיטיווער פּרינציפּיעלער צוגאַנג צו די רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות פונעם יידנטום, און טיילמאָל אויך רעליגיעזע לעבנס־אָרטן. ווייל ער האָט געזוכט דעם תוך, דעם אינהאַלט אין וואָס עס קומט צום אויסדרוק אָט דאָס אומאָפּהענגיקע יידישע זעלבשטענדיקע געוויסן. ער האָט עס פאָרמולירט דורך נישט אָננעמען דעם פרעמדן ווילן קעגן דעם אייגענעם גע־וויסן. אָבער דאָס קען נישט זיך באַגרענעצן בלויז אין פּאָליטישער אומאָפּהענגי־קייט. און אפשר אונטער זיין באַוווסטזיין, און טיילמאָל קעגן זיין ווילן, ווייל דאָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו זיין פּריוואַטן טאָג־טעגלעכן לעבנס־אָרט — האָט ער געזען אין דעם רעליגיעזן לעבנס־אָרט פּרינציפּן, וועלכע גיבן דעם פאָלק די איינהייט און ברענגען צום אויסדרוק זיין געוויסן. ווייל ווי און אין וואָס נאָך — האָט זיך אזוי אָנטקעגנגעשטעלט דער גאַנצער נישט־יידישער וועלט, ווי דער יידישער רעליגיעזער לעבנס־אָרט.

פון דאַנען זיינע היסטאָרישע זוכענישן און פאַרגלייכענישן אינעם תנ״ך,

דאָס וועלן אקטואליזירן דעם תנ״ך א.א.וו. ער האָט געזוכט צוריק צו פאַרבינדן דאָס געוויסן פון מדינת ישראל מיט דעם היסטאָרישן געוויסן פונעם יידישן פאָלק, וועלכעס ציט זעלבסטפאַרשטענדלעך זיין יניקה פון תנ״ך.

זייענדיק אָבער אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן ווייט פונעם רעליגיעזן יידישן לעבנס־אַרט, נישט בלויז ווי עס קומט צום אויסדרוק אין די אבסט־אַקטע אידייען, נאָך ווי אזוי עס פאָדערט די גאַנצע יידישע טראַדיציע פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, — איז טראָץ זיין פאָזיטיווע שטעלונג צו די רעליגיעזע מאָראַלישע יסודות פונעם יידנטום, געקומען אין א שאַרפן צוזאַמענשטויס דווקא מיטן רעליגיעזן יידנטום, רבנות הראשית און זייערע פירער. דאָס רעליגיעזע יידנטום זעט דעריבער אין אים דאָס פאָזיטיווע און נעגאַטיווע צוזאַמען.

בן־גוריון, האָבנדיק פאַר זיך אַ ציל, נאָך וואָס און פאַר וואָס ער האָט געוואָלט די מדינה — האָט דעריבער זיך געקענט אויפהויבן פיל מאָל איבער דעם פאַרטיי־שטאַנדפּונקט, און געפינען אַן אויסוועג אין די פאַרשידענע מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין דער רעגירונג. ער האָט אויך געזען דאָס פאָזיטיווע, וואָס איז דאָ אויך ביי אנדערע פאַרטייען, און אפילו ווען ער האָט דאָס נאָך געגעבן בלויז אונטערן דרוק פון די פאַרטייען, בכדי אָפּצוהיטן די קאָאַליציע א.א.וו. — האָט ער אָבער שטענדיק געזוכט די אידעאיש־מאָראַלישע באַזע פאַר נאָכקומען די פאָדערונגען פון אנדערע.

— * —

בן־גוריון קען מען דעריבער מיט רעכט זאָגן איז די צענטראַלע פיגור אין דער לעצטער עפּאָכע, פון דער צייט ווען ער איז געוואָרן פאָרזיצענדער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ביז דער אנטשטייאונג פון דער מדינה און נאָך איר אנטשטייאונג, ביז זיין איצטיקן באַשלוס אָוועקצוגיין פון מלוכה־רודער.

מיט זיין אַוועקגיין ענדיקט זיך אַן עפּאָכע. און דעריבער איז די צייט צו מאַכן א שטיקל חשבון־הנפש, באַזונדערס פאַר דער עפּאָכע פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

דער חשבון הנפש איז נויטווענדיק, כדי צו וויסן ווי האלטן מיר אין אונזער אייגענער וועלט? וואָס האָבן מיר דערגרייכט און וואָס נישט? וואָס דאַרף געענדערט ווערן?

— * —

מיר האָפן אַלע, אַז דאָס אַוועקגיין פון בן־גוריון פונעם מלוכה־רודער וועט נישט ברענגען צו קיין דערשיטערונג אינעם מלוכהשן לעבן אין דער מדינה. טראָץ דעם, וואָס לכל הדעות זיין אוועקגיין אליין איז שוין אַ גרויסער שאָדן. אָבער מיט זיין אַוועקגיין איז כדאי צו מאַכן א סך־הכל: וואָס נעמט ער מיט, וואָס לאָזט ער איבער און וואָס איז איצט די אויפגאַבע פון די, וועלכע נעמען איבער פון אים דעם מלוכה רודער.

וואָס האָבן מיר דערגרייכט אין דער תקופה פון בן־גוריון?

מיר האָבן קודם כל דערגרייכט די מדינה זעלבסט. און דאָס איז דאָך די גרעסטע דערגרייכונג פונעם יידישן פאָלק פון חורבן ביז היינט; די מדינה איז דאָך א ווענדע־פונקט אין אונזער גאַנצער היסטאָריע. און זי וועט דאָך אוודאי און אוודאי שפּילן אַ דעציזירנדיקע ראָל אין אונזער צוקונפט.

אויב עס איז באַשערט נאָך דעם יידישן פאָלק, און מיר גלויבן דאָך אין דעם, צו זיין אין דער צוקונפט אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער וועלט, וואָס וועט ברענגען דער וועלט א ניי וואָרט, דורך שאַפן דאָ אין לאנד אזא לעבנס־סיסטעם, וועלכער זאָל ענטפערן אויף די פארשידענע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען, ווי אויך אויף די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען — וועט דער טאָג פון דער מדינה־אנטשטייאונג זיין דער בראשית פון דער עפּאָכע.

און מיר קאָנען גאָרנישט לערנען פון דער קעגנוואַרט, וואָס עס וועט זיין מאָרגן. פון יציאת מצרים ביז מתן־תורה זענען די יידן אויך דורכגעגאנגען פיל ביטערע שווערע צייטן, פון הונגער און דורשט, פון וועלן צוריקגיין קיין מצרים, און טראָץ דעם אַלעם איז יציאת־מצרים די דאַטע, וואָס נאָך איר איז געקומען — מתן־תורה.

און נאָך מתן־תורה ביז יידן זענען אריין אין ארץ ישראל האָבן מיר אפילו אַן עגל געמאַכט. און דאָך —

און נאָך אונזער קומען קיין ארץ ישראל ביזן בויען דעם בית־המקדש ביז אויסרוימען דאָס געצנדינעריי, ביז מיר זענען געוואָרן פעאיק צו הערן בלויז וואָס די נביאים זאָגן — האָט געדויערט אַ ביסעלע צייט. און דאָך —

און דאָך זענען מיר טראָץ דעם אלעם געוואָרן דער עם השם, און יציאת־מצרים און מתן־תורה זענען דער ווענד־פּונקט אין אונזער געשיכטע פון ווערן אַ פאָלק.

אויך אונזער איצטיקע עפּאָכע, וועלכע מיר רופן נישט יציאת־הגלות, נאָר קיבוץ הגלויות — הויבט זיך אָן מיט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה. און מיר גלויבן טיף און זענען זיכער, אַז די תקופה פון קבוץ־גלויות וועט מיט זיך מיטברענגען אויך יציאת הגלות און וועט אונז דערפירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַלע יידישע און מענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע אונזערע נביאים האָבן אונז צוגעזאָגט — טראָץ דער איצטיקער פיזיאָנאָמיע פון דער מדינה, וואָס איז ליידער, צו אונזער באַדויערן, ווייט פון די אידעאלן ת״ק פרסה.

— * —

די מדינה האָט איינגעשטעלט נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן דעם יידישן פאָלק און אַנדערע נישט־יידישע פעלקער. מיר זענען איצט גלייכע מיט גלייכע. מיט אַלע גוטע און שלעכטע זייטן פון דעם, וואָס מען רופט היינט: באַציאונגען צווישן פעלקער און לענדער.

די מדינה האָט צוריקגעגעבן כבוד נישט בלויז דעם יידישן פאָלק אַלס גאַנצעס, נאָר אויך יעדן ייד, אלס יחיד, ווו ער זאָל נישט זיין ערגעץ אין דעם

ווייטסטן פאַרוואָרפנסטן ווינקעלע אויף דער וועלט.

ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, מיט רעכט אָדער אומרעכט, זעט מען אין יעדן ייד, ווו ער געפינט זיך, אַלס אַ טייל פון דעם פאָלק, וואָס ציצט אין ציון.

— * —

אויך יידן זעלבסט אין דער גאַנצער וועלט פילן זיך עפּעס הייַנט זיכערער ווי אמאָל. זיי פּרובירן זיך נישט צו חנפהנען ווי אמאָל. זיי ווילן נישט מער געפעלן דעם גוי (זיכער זענען פאַראַן אויסנאַמען). זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו שעמען מיט זייער יידישקייט. זיי זינגען נישט מער קיין „מה־יפית", פּשוט: זיי דאַרפן עס נישט מער.

און ווען מען גיט אָפּ כבוד דער יידישער פאָן, אָדער אַ יידישן אמבאַ־סאַדאָר, א יידישן מיניסטער — פילן זיך יידן אלס ערשטע מחותנים, וועלכע זענען נהנה און האָבן הנאה פון דעם כבוד.

אונזער תפילה פון „ובכן תן כבוד לעמך" — איז, ברוך השם, מקויים געוואָרן.

— * —

מדינת ישראל האָט, טראָץ אַלע שוועריקייטן, אריינגענומען זיבן הונ־דערט טויזנט יידן. נישט דאָס ענגלישע יידנטום, נישט דאָס דרום־אַפריקאַנישע יידנטום, נישט דאָס אמעריקאַנער יידנטום — האָבן געקענט געבן אָט די לעבנגע־בליבענע, ברוך השם, נאָך דעם חורבן היטלער, קיין פּלאַץ, ווו דעם קאָפּ אַנידער־צולייגן.

אוודאי און אוודאי האָבן זיי נישט געקענט געבן די הונדערטער טויזנ־טער יידן דאָס געפיל פון א היים, פון זיין בלויז צווישן אייגענע; פון אָטעמען אויפסניי מיט יידישער לופט, מיט יידישער אטמאָספער.

דאָס האָט געקאָנט געבן און האָט געגעבן אייַנציק און אַליין נאָר מדינת ישראל. און ביי קיינעם אין דער פרעמד קאָן מען זיך נישט פילן אזוי גוט, ווי ביי דער מאַמען אין די אָרעמס; מעג ביי דער מאַמען זיין ווי שלעכט — איז נאָך ביי איר בעסער ווי אין דער פרעמד; מעג די מאַמע אַליין זיין נישט קיין גוטע, איז זי נאָך בעסער ווי די בעסטע שטיף־מאַמע...

פון די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די מחנות, און מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף שלעפּערס; פון די צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין תימן און אין אנדערע אראבישע לענדער ווי בירגער פון דער צענטער מדרגה; פון די צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע האָבן געלעבט הינטער דער „אייזערנער פאָרהאַנג" און זענען געווען באַרויבט פון פרייהייט — פון די אַלע הונדערטער טויזנטער יידן זענען דאָך דער גרעסטער איבערוויגנדיקער טייל געוואָרן דאָ צוריק באַרמאַלע מענטשן, גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, ברידער מיט ברידער. אויך עקאָנאָמיש האָט דאָך זיך דער גרעסטער טייל איינגעאָרדנט. און אַ גרויסער טייל — נישט פיל ערגער ווי אין גלות.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר ארויסגיין פון גלות און זוכה זיין אַפילו צו א אתחלתא דגאולה, מוז מען עפּעס באַצאָלן. דאָס מוז עפּעס קאָסטן. עס קומט נישט אָן גרינג. עס איז אָבער דאָך נאָך בעסער ווי דער גלות זעלבסט. ווי זיין אן אייביקער וואַנדערער, און אייביקער שלעפּער. ווי זיין א נישט באַרמאַלער מענטש. א יוצא דופן ביי זיך און ביי אַנדערע.

— * —

די יידישע מדינה האָט געשאַפן זיכערהייט דעם ייד, אַלס ייד און מענטש צוגלייך. די יידישע מדינה האָט געשאפן דעם צבא הגנה לישראל, וואָס דינט אין אַ גרויסער מאָס, טראָץ אַלע טענות, אַלס שמעלץ־טאָפּ פאַר דעם קיבוץ־גלויות, פאַר דער יוגנט, וואָס קומט פון פאַרשידענע עקן־וועלט. זיי לערנען דאָרט אַלע די שפּראַך, זיי ווערן גלייכע מיט גלייכע.

און דער עצם צבא הגנה לישראל איז דאָך גאָר נישט צו באַצאָלן און נישט אָפּצושאַצן. ער האָט דאָך אויפגעהויבן אונזער כבוד, נישט קיין סך ווי ניקער ווי עס האָט עס געטאָן די אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

צבא הגנה לישראל איז די גרעסטע שאַפונג פון דער מדינה.

— * —

מיר האָבן אָבער נישט בלויז געברענגט כאָטש אן אתחלתא דגאולה פאַר יידן און פאַר דעם יידישן פאָלק — מיר האָבן אויך געברענגט גאולה פאַר דעם יידישן לאַנד, פאר ארץ ישראל, פאר ירושלים. אמת, דערווייל נאָר פאַר אַ טייל פון ארץ ישראל, נאָר א טייל פון ירושלים, אָבער דאָך גאולה.

און פאַר אונז יידן פאַרנעמט דאָך דער „גאולה תתנו לארץ" נישט קיין קלענערן פּלאַץ ווי ברענגען גאולה פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דער יידישער שכינה.

ווייסן מיר אָפּצושאַצן וואָס עס הייסט, אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר ארץ ישראל־וויסטעניש, האָט דער ארץ־ישראל־באָדן ווידער אויפגעלעבט און אָנגע־הויבן געבן פרוכטן, עפענען די וואַסער־קוואַלן, באַנייען אונזער אַמאָליקן גלאַנץ און צוגעבונדנקייט צו דעם וועלט־טייל, צו דעם ערד־טייל ?!

לויט דער יידישער רעליגיעזער אויפפאסונג — איז דאָס אַליין דער גרעסטער סימן פון גאולה. און אפילו פון ריין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט — באָדן, וואָס איז געלעגן וויסט טויזנטער יאָרן, וואַסער, וואָס איז געגאַנגען פאַרלוירן טויזנטער יאָרן — האָט איצט אָנגעהויבן שפּייזן צוויי מיליאָן מענטשן, וועלכע האָבן צוויי טויזנט יאָר געוואנדערט איבער אַלע וועלט־טיילן, זייענדיק הונגעריק נאָך אַ שטיקל באָדן און דורשטיק נאָך אַן אייגן ביסל וואַסער.

ווען א פערטל מיליאָן יידן באארבעט היינט דעם באָדן און לעבט פון דער פרוכט פון דער ארץ ישראלדיקער ערד, איז דאָס דער גרעסטער נס פון אונזער צייט.

— * —

מדינת ישראל איז דער נס פון דער הייגטיקער צייט, פון דער היינטי־קער וועלט. מדינת ישראל און די יידן, וועלכע לעבן אין איר, צוזאמען מיט דער הילף פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט — האָבן דעם נס דער מענטשהייט גע־געבן.

— * —

אָבער — מיר מוזן טאַקע שטענדיק לעבן מיט נסים. די גאַנצע עקזיסטענץ, דער גאַנצער דאַ־זיין — איז נישט מער ווי איין שטענדיקער נס. אָבער מיר טאָרן זיך נישט שטענדיק פאַרלאָזן אויף נסים.

אויך דער נס מדינת ישראל טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים. נישט אין עקאָנאָמיש־מאַטעריעלן זין און אויך נישט אין גייסטיקן זין.

ליידער האָבן מיר זיך צופיל פאַרלאָזט אויף נסים און דעריבער האָבן מיר זייער פיל פאַרשפּילט אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה ביז היינט גייסטיק, מאָראליש און עקאָנאָמיש. מאָראליש אפשר נאָך מער. פון דעם אפשר נעגאַטיווע רעזולטאַטן אויך אויף דעם מאַטעריעלן געביט.

נישט בלויז א סך זאכן, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דערגרייכן, האָבן מיר נישט דערגרייכט, נאָר אויך דאָס דערגרייכטע ווערט געשטעלט אונטער אַ פראגע־צייכן.

צווישן די צילן, וועלכע מיר האָבן נאָך נישט דערגרייכט אין דער מדינה, דאַרפן באַצייכנט ווערן 3:

1) די מאָראַל אין לאַנד, אַנשטאָט צו שטייגן, איז שטאַרק געפאַלן.

2) די באַגייסטערונג פון פאָלק איז נישט אויסגענוצט געוואָרן, נישט פאַרן פאָלק און נישט פאַר דער מדינה.

3) די מעגלעכקייטן, וועלכע ארץ ישראל האָט געהאַט ביים אנטשטיין פון דער מדינה, זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן.

אַ פאָלק, וואָס האָט געוואַנדערט צוויי טויזנט יאָר און האָט עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־אַרט און אָנגעהאַלטן זיין נאַציאָנאַל־רעליגיעזע עקזיסטענץ, טראָץ די שטרעמונגען פון אינעווייניק זיך צו אסימילירן — האָט דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם טיפן גלויבן, וואָס איז געווען אייגנגעזאפּט אין זיין בלוט און פלייש, וואָס איז געלעגן טיף אין זיין נשמה, און געגעבן אַ באַזונדערן אינהאלט דעם לעבן און דער אינהאלט איז פרייהייט. יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט צו לעבן פריי, נישט אונטערדריקט, נישט פאַרשקלאַפט צו אנדערע.

די יידישע עקשנות צו בלייבן לעבן אַלס פאָלק איז געווען דער בולט־סטער פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן יעדער מין אונטערדריקונג, קעגן באַרויבן יע־נעמס פרייהייט, יענעמס זעלבשטענדיקייט.

די יידישע עקשנות צו עקזיסטירן, באַגלייט מיט דער האָפענונג צו ווערן אַמאָל צוריק זעלבשטענדיק אין אייגענעם לאַנד, איז געווען דער פולער אויסדרוק פון גלויבן אין אַ בעסערע, שענערע מענטשהייט; פון גלויבן אין נצחון פון

דער מאָראַל איבער דער געוואַלד־טאַט, איבער כוח; פון גלויבן, אַז די וועלט וועט אַמאָל קומען צו א צייט פון פולקאָמער פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע פעלקער — און אַז אַלס רעזולטאַט פון דעם וועלן מיר זוכה זיין צו דעם טאָג פון וועלט־שלום, וועלכע אונזערע נביאים האָבן אונז פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַמאָל קומען.

די יידישע עקשנות האָט געוויזן, אַז פאַר דעם גלויבן אין אַ בעסערן, ערלעכן, שענערן, מאָראַלישן מאָרגן מוז מען זיין גרייט צו ברענגען קרבנות צוויי טויזנט יאָר; מוז מען האָבן כוח און געדולד צו וואַרטן, צו איבערדויערן און דורכ־גיין אַלע פּיין און גרוילקייטן, נאָר מיט דעם איינעם געטלעכן פונק און געטלעכן גלויבן, וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן טיף־טיף אין דער יידישער נשמה פון כלל און פרט.

די ווידער־אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה איז אַ רעזולטאַט פונעם באַוווסטזיין פון יידישן פאָלק, פון זיין גלויבן, פון זיין האָפענונג, פון זיינע מאַר־טירער־ליידן, פון זיין עקשנותדיקער עקזיסטענץ. די יידישע מדינה האָט אין זיך געטראָגן צוזאַמען מיט דער פיזישער באַפרייאונג פון די יידן פון זייערע אונטער־דריקער, פון פרעמדע לענדער, פרעמדע שפּראַכן, פרעמדע קולטורן, פרעמדע זיטן — אויך די אויפלעבונג פון דער יידישער מאָראַל, פון דער יידיש־מענטשלע־כער גערעכטיקייט, פון דער יידיש מענטשלעכער גלייכהייט.

די יידישע מדינה האָט געדאַרפט מיט דעם מאָמענט פון איר אַנטשטיי־אונג מיט זיך ברענגען צו אַ גרויסער גייסטיק־מאָראַלישער אויפוואַכונג פון יידישן פאָלק און זיין עכט־אָריגינעלן יידישן גייסט.

פון דער יידישער מדינה האָט מען דערוואַרט, עס זאָל ליכטיק ווערן, נישט בלויז אין די אויגן, נאָר אויך אין הארץ, אין מוח און אין דער נשמה.

— * —

די גרויסע מאָראַלישע אויפוואַכונג איז ליידער נישט געקומען. ווו מען קערט זיך, שטויסן מיר זיך אָן אין א שרעקלעכער מאָראַלישער נידערלאַגע.

מיר מאַכן דעם איינדרוק נישט ווי מענטשן, וועלכע האָבן געליטן פאַר אַ גלויבן, פאַר אַן אידיי, פאַר העכערע מאָראַלישע ווערטן — נאָר ווי שקלאַפן, פון וועלכע מען האָט אַראָפּגענומען די קייטן און פירן זיך ווי שקלאַפן.

„תחת עבד כי ימלוך", מאַכן מיר דעם רושם. אין אונזער באַפרייאונג טראָגן מיר נישט די באַפרייאונג, נאָר די צוויי טויזנט־יעריקע פאַרשקלאַפונג.

די מאָראַלישע נידערלאַגע, די פאַרשקלאַפונג, אין וועלכער מיר לעבן און זינקען טראָץ דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, טראָץ דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון וועלן הערשן איינער איבער דעם צווייטן, אויסנוצן דעם צווייטן, די ענג־פּאַרטיי־אישקייט. פאַרטייען, נישט אַלס טרעגער פון אידעאַלן, נאָר פאַרטייען אַלס טרעגער פון הערשאַפט און וועלן באַהערשן, פון כאַפּן און פאַרכאַפּן.

מיר זענען טרעגער נישט פון פרייהייטס־גייסט, נאָר פון שקלאַפן־גייסט. מיר האָבן זיך נישט באַפרייט פון דעם פרעמדן גלות־גייסט. פון דאַנען די פּוסטע גאווה, דאָס בלאָזן פון זיך, וואָס שאַפט פאַרביטערונג צווישן די איינוווינער אין לאַנד און שטויסט אָפּ פון אונז אויך פרעמדע גוטע פריינט. פון דאַנען אויך די נישט קלאָרקייט אין דער ליניע אונזערער בנוגע די אראבישע איינוווינער. דאָס יידישע געוויסן פאָדערט צו געבן די אראבער פולע פרייהייט און גלייכהייט. די פּוסטע גאווה אָבער האָט זיך אירע חשבונות — און אזוי פירט מען אַ פּאָליטיק פון זיג־זאַגן. נישט די מאָראַל, נישט די זיכערהייטס־אינטערעסן זענען דער באזיס פאַר אונזער פּאָליטיק לגבי די אַראבישע איינוווינער, נאָר פּאַרטיי ארומרייסענישן. יעדע פּאַרטיי קומט צו די אראבער און רעדט אויס אויף דער צווייטער פּאַרטיי, און אַזוי באַשמוצן אַלע צוזאמען די יידישע מדינה און דאָס יידישע פאָלק. די אַראבישע איינוווינער זענען פאַרביטערט, פיל מאָל מיט רעכט, פיל מאָל מיט אומרעכט, אָבער מיט איין זאַך האָבן זיי זיכער רעכט: זיי דאַרפן וויסן ווי האַלטן זיי אין דער וועלט.

— * —

פאַר מיר, אַלס רעליגיעזער ייד, איז די סיבה פון דער לאַגע אַ קלאָרע: אָן גאָט, אָן גלויבן, אָן תורה און מצוות, וועלכע האַלטן שטענדיק דעם מענטש אין העכערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע פאָדערן שטענדיק פון מענטשן טראַכטן וועגן העכערע ווערטן, וועגן אַ העכערן אינהאַלט פונעם לעבן, וועגן צוימען זיין אייגענעם איך, וועלכע באַשטימען גרענעצן, וואָס יאָ און וואָס נישט — אָן דעם אַלעם, פאַר וואָס נישט „הפקר אַ וועלט"? אז מען קאָן לעבן אָן אַ חשבון, טאָן אַלץ, וואָס דאָס הארץ גלוסט, פאַרוואָס זאָל מען נישט „כאַפּן", וואָס עס לאָזט זיך? איי, דאָס איז נישט גוט פאַר דעם צווייטן, פאַר דעם פאָלק, פאַר דער מדינה — ווער מען אינטערעסירט עס? איי, אַ שטראָף, אַ משפּט, טורמע — באַרישקייטן. אַלע כאַפּן דאָך?! און ווען אַלע כאַפּן, הערט עס דאָך אויף צו זיין אַן עבירה.

אויך די פּוסטע גאווה, דאָס בלאָזן פון זיך, דאָס וועלן נאָר לערנען אַנדערע, ווען מיר האָבן נאָך נישט פאַר זיך אליין געלערנט, איז אויך אַ רעזולטאַט פון אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם „עול־מלכות־שמים". אויב קיין חשבון נישט, ווער קען מיר זאָגן אַ דעה, ווער קען זיך צו מיר גלייכן. איך האָב די האַק, אָדער איך האָב דעם כוח האָב איך די דעה און גיי שריי חי וקיים.

אויך די נישט־יידישע וועלט האָט זיך אנטוישט. אויך זי האָט געהאָפט צו הערן פון אונז אַ ביי וואָרט, צו זען ביי אונז עטוואָס נייעס־אַלטעס, אָריגינעלעס, שיינעס, גוטעס, אַ מאָראַליש אַרט־לעבן. אָנשטאָט דעם זעט זי: מיר זענען נישט ערגער, ווי אַלע און נישט בעסער ווי אַלע, אויסער די פּוסטע איינרעדעניש, אז מיר ווילן דער וועלט לערנען און וויַיזן.

די מאָראַלישע בידערלאַגע אין לאַנד, די אַלע נישט גוטע דערשיינונגען, האָבן אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף נישט־יידן. צוערשט האָט מען באַ־

וואונדערט דאָס „וואונדער־קינד" ישראל, דערנאָך האָט מען עס מקנא געווען. מען האָט פון אים דערוואַרט, אַז עס וועט אויסוואַקסן צו עפּעס גרויסעס, אָבער ווען מען זעט ווי אַזוי מיר פירן זיך — הויבט מען אונז ווידער אָן פיינט צו האָבן.

— * —

עס איז נאָך נישט צו שפּעט. מיר זענען נאָך יונג. מיר קאָנען נאָך לער־נען. מיר דאַרפן נאָך לערנען. מיר קאָנען נאָך אַלץ גוט מאַכן. מיר דאַרפן נאָר געדענקען, נאָך וואָס די מדינה איז אַנטשטאַנען, די מדינה איז אַנטשטאַנען, בכדי דאָס יידישע פאָלק זאָל קאָנען פאַרזעצן זיין נאָרמאַלע עקזיסטענץ אַלס יידן, לעבן ווי יידן, טראַכטן ווי יידן, זיך פילן ווי יידן.

מיר האָבן נישט אויסגענוצט די אַלע מעגלעכקייטן, וועלכע ארץ ישראל האָט אין זיך געהאַט, ווען זי איז אַנטשטאַנען אַלס מדינה.

גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע מיר האָבן דאָ געפונען, אין הייזער, באָדן א.א.וו. זענען, אויב מען קען אַזוי זאָגן, פאַרטאַכלעוועט געוואָרן.

די אַלע פאַרמעגנס, וועלכע האָבן געשפּייזט עטלעכע הונדערט טויזנט אַראַבער, האָבן נישט געגוגנט פאַר די נייע עולים. פאַרוואָס? זאָגט מען אונז: ווייל די נייע עולים קאָנען נישט לעבן מיט דעם נידעריקן אַראַבישן לעבנס־ניוואָ. דאָס איז אָבער נאָר בלויז געזאָגט. די מענטשן אין די מחנות, אין די מעברות, לעבן אין ערגערע באַדינגונגען, ווי די אַראַבער האָבן געלעבט.

דער אמת איז, אַז אַ גרויסער טייל פון די פאַרמעגנס האָט מען „צע־כאַפּט". פּשוט צעכאַפּט אָדער פונאַנדערגעטיילט. פּריוואַטע מענטשן, פּאַרטייען א.א.וו. האָבן נהנה געווען פון די פאַרמעגנס, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין כולו־קודש פאַר נייע עולים. און די נייע עולים אָנשטאָט זיי צעשפּרייטן אויפן דאָרף — האָט מען זיי קאָנצענטרירט אַרום די שטעט און זיי אויסגעהאַלטן מיט עסן אָן אַרבעט.

אוודאי שפּעטער, אַז זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו זיצן אין די מעברות אויפן חשבון פון כלל ישראל — האָבן זיי שוין נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרט.

מען האָט דאָך אָבער אָנשטאָט די מעברות אַרום די שטעט, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט מיליאָנען פונטן, געקענט באַזעצן די עולים אויפן דאָרף און די מי־ליאָנען אויסגעבן אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן.

אָבער מיר האָבן פאַרשפּילט נישט בלויז אַ פאַרמעגן אין זינען פון געלט, מיר האָבן פאַרשפּילט די מענטשן, וועלכע האָבן געקענט זיין פּראָדוקטיווע מענטשן, וועלכע גייען געזונט מאַכן זיך און געזונט מאַכן דאָס לאַנד. — האָבן מיר זיי אָבער פאַרוואַנדלט אין נדבה־נעמער.

ווען די מדינה איז אַנטשטאַנען, איז די באַגייסטערונג ביי יידן אין דער וועלט געווען אומגעהויער גרויס. נישט בלויז ביי יידן אין די מחנות, נאָר אויך ביי יידן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

פאַרשטייט זיך, אז די יידן אין ענגלאַנד און אין אמעריקע האָבן נישט געוואָלט קומען, בכדי זיך צו באַזעצן אין די מעברות. זיי האָבן געוואָלט קומען און שטיין אין זייער אייגענעם רשות. זיך אליין בויען הייזער, פאַבריקן, עפענען באַנקן, געשעפטן, אַנטוויקלען ווירטשאַפטן, אריינברענגען געלט א.א.וו.

האָט מען אָבער די אַלע יידן אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואסער. מען האָט געוואָלט זיי שטעלן אונטער קאָנטראָל: דאָ גיי נישט און דאָ שטיי נישט א.א.וו. א שטייגער ווי דאָס לאַנד וואָלט שוין געווען באַזעצט און פארנומען. און מען האָט מורא געהאַט, אַז די, וועלכע וועלן קומען, וועלן עפּעס צונעמען פון די איינגעזעסענע.

אַנשטאָט פארוואנדלען מדינת ישראל אין א צוציאונגס־קראַפט פאַר יידישער, שעפערישער ענערגיע, פאַר יידישע פעאיקייטן, פאַר יידישע פארמעגנס — האָט מען פאַר זיי פאַרשלאָסן די טויערן. די גזירות, שוועריקייטן, וועלכע מען האָט געמאכט און מען מאַכט נאָך ביזן היינטיקן טאָג יעדן מענטש, וועלכער וויל דאָ אַהערקומען — וואָלטן געפּאסט פאַר די שוועריקייטן, וועלכע מען האָט אמאָל געמאכט אונז אין פרעמדע לענדער.

אויף אויך דעם געביט האָט זיך ארויסגעוויזן די פוסטע גאווה אונזערע. אַנשטאָט זיך צו בּאראַטן מיט פאכמענער, האָט מען זיי אלע מבטל געמאכט „כעפרא דארעא", אז קיינער ווייסט נישט, נאָר מיר אליין ווייסן אַלץ.

— * —

די דריי פונקטן זענען די הויפּט־סיבות פאַר אונזער שלעכטער גייסטי־קער, עקאָנאָמישער און אין אַ געוויסער מאָס אויך פּאָליטישער נידערלאַגע.

צו בן־גוריונס אַוועקגיין האָט א שייכות מיט דער לאַגע, צי נישט — אָבער זיין אַוועקגיין דאַרף מיט זיך ברענגען א חשבון הנפש.

כל־זמן בן־גוריון איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג האָבן פיל געטראַכט: מילא, בן־גוריון איז א כול־יכול. ער וועט שוין אויך גוט מאַכן. דאָס איז אויך געווען אייגער פון אונזערע פעלערן. אַנשטאָט יעדער זאָל טאָן, וואָס ער דאַרף און קאָן, און זיך פאַרלאָזן אויפן רבונו של עולם — האָט יעדער געטראַכט פאַר זיך און פאַרלאָזט אויף בן־גוריונען. בן־גוריון איז אָבער אויך נאָר אַ מענטש.

איצט אָבער, ווען אויך בן־גוריון גייט אַוועק, דאַרפן מיר אַלע געדענקען, אַז די שאַנס, וועלכע איז אונז געגעבן געוואָרן מיט שאפן מדינת ישראל, איז אַ צו טייערע, מיר זאָלן זיך דערלויבן זי צו פארטאכלעווען, זי צו פאַרשפּילן חלילה.

מיר אלע צוזאמען און יעדער איינער פון אונז דאַרף וויסן, אַז ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מדינה.

צווישן אַלע נסים, וועלכע זענען אונז געשען, איז אויך דאָ דער נס, וואָס טראָץ אלעם האָבן מיר ליב מדינת ישראל. מיר אַלע פילן, אַז אָט די אַלע נעגאַ־טיווע דערשיינונגען זענען נאָר פאַריבערגייענדיקע און אז מדינת ישראל וועט סוף כל סוף זיין, וואָס זי דאַרף זיין.

זאָלן מיר דעריבער וואָס שנעלער מאַכן דעם חשבון־הנפש, זאָלן מיר ווען, אַז די שאָטן־זייטן זאָלן ווי אמשנעלסטן פאַרשווונדן.

ווען מיר דעם חשבון־הנפש מאַכן איצט מיט זיין אַוועקגיין, וועט דאָס זיין דער פאַרדינסט פון בן־גוריון.

זאָלן מיר עס טאָן.

צו וואָס דאַרף מען עס?

צו וואָס מוז מען האָבן דעם „קריגס־קלוב" דווקא נעבן „מאה שערים"? דאָס איז די פראַגע, וואָס עס פרעגט יעדער דורכשניטלעכער ייד אין ירושלים, ווען אפילו ער איז נישט מסכים מיט די „נטורי קרתא".

וויל מען נישט טאָן להכעיס, מיינט מען נישט קאַליע צו מאַכן די „מאה שערים" קינדער, צו וואָס דאַרף מען דעם קלוב דווקא נעבן „מאה שערים"?

לאָמיר אויף א מינוט לאָזן אָן א זייט דאָס גאַנצע פּראָבלעם „מאה שערים": לאָמיר אויף א מינוט פארגעסן די „נטורי קרתא", פרעגט זיך א פשוטע שאלה: מענטשן, וועלכע וווינען אין „מאה שערים", האָבן זיך זייער לעבנס־אַרט. זיי ווילן אויף זייער שטייגער דערציען זייערע קינדער, זיי ברענגען דערמיט נישט קיין שאָדן קיין שום מענטש, נישט דער שטאָט ירושלים, נישט מדינת ישראל, נישט דעם יידישן פאָלק; זייער לעבנס־אַרט איז לכל־הדעות נישט אין ווידער־שפּרוך צו דער יידישער היסטאָריע, צו דער יידישער אייגנאַרטיקייט, צו דער יידי־שער טראַדיציע, צו דער יידישער תורה — האָבן זיי רעכט אויף דעם, אָדער ניין? דאַכט זיך, אַז יעדער מענטש, וואָס איז נאָר נישט דורכגעדרונגען מיט שנאה צו פרומע יידן, צו תורה, צום יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנס־אַרט, צו יידישער אייגנ־אַרטיקייט, צו יידישער טראַדיציאָנעלער קליידונג — יעדער מענטש, וואָס איז נישט אויפגעפרעסן פון שנאה צו אַלץ, וואָס עס דערמאָנט יידישע אייגנאַרטיקייט, מוז מודה זיין, אַז די מענטשן אין „מאה שערים" (דאָס איז נוגע נישט דווקא „נטורי קרתא") האָבן דאָס רעכט צו דערציען זייערע קינדער אין זייער גייסט.

די רעכט פון עלטערן צו דערציען די קינדער אין גייסט פון די עלטערן איז דאָך א הייליקע רעכט פון יעדע טאַטע־מאַמע, א רעכט, פאַר וועלכער די אַר־בעטערשאַפט אין ארץ ישראל האָט נישט אויפגעהערט צו קעמפן אין משך פון צענדליקער יאָרן; פאַרוואָס וויל מען מיט נישט־ערלעכע מיטלען אונטערברעכן די רעכט פון די עלטערן פון „מאה שערים"? זיי דערציען זייערע קינדער אַלס גנבים? אַלס רוצחים? אלס פאַרברעכער פון געזעץ? אַלס נישט געטרייע בירגער פון דער מדינה? ניין, חס ושלום! דאַכט זיך, אַז דער קלענסטער פּראָצענט פאַר־ברעכער, גענזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע, קומען פון „מאה שערים". אין די צייטן פון דער הגנה זענען מענטשן פון „מאה שערים" (אויך „נטורי קרתא") געווען טעטיק אין דער הגנה און זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים.

אלא וואָס, שוין עטלעכע יאָר ווי מען פּרוּווט שאַפן אַ לעגענדע, אַז מענטשן, וועלכע געהערן צו „נטורי קרתא", האָבן בשעת דעם באַפרייאונגס־קריג,

כאילו געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער. איז עס אַן אויסגעטראַכטע זאַך. קיינער ביז איצט קען נישט אָנווייזן אויף אַזאַ קאָנקרעטן פאַל. נאָר וואָס דען? עס איז ביי מענטשן אין „מאה שערים" אָדער „נטורי קרתא" דעמאָלט געווען אַ מיינונג, אַז מען דאַרף פּרוּוון פאַרהאַנדלען מיט די אַראַבער. אָבער די זעלבע מיינונג האָבן געהאַט אויך אַנדערע מענטשן, וואָס זענען געווען ווייט פון דער „נטורי קרתא" ת"ק פּרסא, אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר פירנדע פּערזענלעכקייטן. פאַר כוונות קומט דאָך אָבער, ברוך־השם, פאָרלויפיק נישט קיין שטראָף אין מדינת ישראל.

נאָך א טענה האָט מען צו „מאה שערים" און באַזונדערס צו די „נטורי קרתא": זיי דערציען נישט זייערע קינדער ליב האָבן מדינת ישראל. זאָל מען א רגע אָננעמען, אַז דאָס איז אמת. איז דאָך אָבער דאָס נאָר אַ האַלבער אמת. דער אמתער אמת איז דאָך: אַז דער „קריגס קלוב" נעבן „מאה שערים" דערציט די איינוואוינער פון „מאה שערים", יונג און אַלט, פייגט צו האָבן מדינת ישראל. מיט רעכט אָדער אומרעכט באַטראַכטן דאָך די איינוואוינער פון „מאה שערים" די קלובן, זייערע דערציער און פירער אַלס די פירערשאַפט פון מדינת ישראל. און אַט זיי פּרובירן אַריינדרינגען אין זייערע הייזער, אַוועקרייסן פון זיי זייערע קינדער, געבן זיי אַ לעבנס־מוסטער, וועלכן זיי באַטראַכטן פאַר דאָס גרעסטע אומגליק זייערס — וויל מען, אַז דאָס זאָל דערציען צו אהבת מדינת ישראל?! זיכער הויבט מען אָן פייגט האָבן דאָרט מדינת ישראל. זיי באַטראַכטן דאָך, צוליב אַזעלכע קלובן, מדינת ישראל, אלס די יעניקע, וועלכע וויל זיי אומגליקלעך מאַכן, זיי מיט זייערע קינדער, מבחינת יידישקייט, שמירת התורה, קיום המצוות. צו רייצן זיך דווקא מיט יידן אין „מאה שערים" אין עשרת בטבת (דער טאָג, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס יום־השואה (אומגליקס־טאָג) פון די 6 מיליאָן יידן, וועלכע היטלער האָט פאַרניכטעט), דורך זינגען און טאַנצן אין דעם קלוב — דאָס שאַפט ליבע צו מדינת ישראל?

מען פאַרענטפערט זיך, אַז די מדריכים האָבן נישט געוווּסט, אַז עס איז עשרה בטבת. עס לייגט זיך אויפן שכל. די מדריכים זענען שוין אַזוי אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, אַז זיי וויסן אוודאי נישט בכלל, וואָס אַזעלכעס איז עשרה בטבת, נישט בלויז, ווען עס פאַלט עשרה בטבת. דווקא אָבער דערפאַר דאַרף זיך דאָך אַזאַ אָפּגעפרעמדעטער יידישקייט קלוב נישט געפונען אין „מאה שערים".

און ווען די כוונה איז טאַקע משפיע צו זיין אויף די קינדער פון „מאה שערים", זיי זאָלן ווערן „קלוב־קינדער", זענען דאָך אוודאי די עלטערן גערעכט, ווען זיי שטעלן זיך אַנטקעגן.

ווילן דאָך נישט די עלטערן פון „מאה שערים", וועלכע פאַסטן און קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש אין עשרה בטבת, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן „קלוב־קינדער" און זאָלן נישט וויסן, וואָס אַזעלכעס עס איז עשרה בטבת, אָדער פאַרגעסן, ווען עס פאַלט עשרה בטבת. וואָס איז די עוולה פון די עלטערן, אַז זיי

פאָדערן, אַז דער קלוב זאָל זיך איבערפּעקלען אין די געגנטן, וווּ די עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער האָבן שוין, צום גרויסן באַדויערן, פאַרגעסן עשרה בטבת, פאַרוואָס נישט?

מען רעדט דאָך פון „פרייהייט פון געוויסן". הייסט דען „פרייהייט פון געוויסן", אַז מען וויל דורך „קריגס־קלובן" אויפצווינגען אויף עלטערן פון „מאה שערים" צו געבן זייערע קינדער אַ דערציאונג קעגן זייער רעליגיעזער אויפפאַסונג, זייער גלויבן, און מאַכן זיי פאַרגעסן עשרה בטבת?! אַזוי וויל מען עס איינפּלאַנצן ליבע צו מדינת ישראל?!

אגב, מענטשן, וואָס האָבן נישט ליב מדינת ישראל, געפינען זיך נאָר צווישן די איינוווינער פון „מאה שערים"? אין תל־אביב, חיפה, פתח־תקוה, מעברות, צווישן סתם־יידן, איז דאָ ווייניק, וואָס האָבן נישט ליב מדינת ישראל? צוליב מס הכנסה, צוליב דיסקרימינאַציע, צוליב סתם א שלעכטע לאַגע?

אגב, נישט היטן די געזעצן פון כנסת וועגן שבת, וועגן רעליגיעזן חנוך — הייסט נישט קיין פאַרברעכן?

לכל־הפחות, די מענטשן פון „מאה שערים" און פון די „נטורי קרתא", אויף וויפל זיי האָבן נישט ליב מדינת ישראל, איז עס דערפאַר, ווייל זיי גלויבן, מיט רעכט אָדער אומרעכט, אַז מדינת ישראל, לפחות די, וואָס הערשן איז איר, ווילן חס־ושלום אונטערברענגען יידישקייט אין מדינת ישראל — און נישט צוליב ברויט. און אָט אַזעלכע קלובן־מיטגלידער, וועלכע פאָרן אום שבת דווקא דורך „מאה שערים", פאַרשטאַרקן דאָך די מיינונג, כאילו מדינת ישראל האָט חלילה נאָר איין ציל: אויסרייסן די יידישע אמונה און די תורה.

און עס פרעגט זיך די פראַגע: צו וואָס דאַרף מען עס? פאַרוואָס מוז דער קלוב זיין דווקא אין „מאה שערים", פאַרוואָס מוז מען פאָרן שבת דווקא דורך „מאה שערים"? עס איז נישט קיין פראַגע פון געזעץ, נאָר פון מענטשלעכקייט, פון א ביסעלע אהבת־ישראל, כאָטש א קליין ביסעלע, פון נישט וועלן אָנטאָן יסורים יידן גלויביקע אין „מאה שערים".

מען טענהט: „נטורי קרתא" זענען קעגן מדינת ישראל אין פּרינציפּ. לאָמיר אַ רגע אָננעמען, אַז עס איז אַזוי. אָבער פאַרשטייט דען נישט יעדער איינער, אַז ווען „נטורי קרתא" וואָלטן נישט געזען אין מדינת ישראל אַזוי פיל נעגאַטיווע דערשיינונגען פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, וואָלטן נישט זיך אָנגעשטויסן אין א להכעיס קלוב־פּאָליטיק, וועלכער מוז דווקא זיין אין „מאה שערים"; אין אַ פּאָליטיק צו פאָרן שבת דווקא דורך „מאה שערים" — ווען נישט דאָס אַלץ, פאַרשטייט דען נישט יעדער איינער, אַז אפילו פּרינציפּיעלע „נטורי קרתא" קעגנער פון דער מדינה וואָלטן זייער מיינונג געענדערט?

— * —

מעגלעך, אַז אַ סך שריט, וואָס די „נטורי קרתא" האָבן געמאַכט, האָבן

זיי טראָץ דעם אַלעמען נישט געדאַרפט טאָן. אָבער מיר ווייסן דאָך: אין אדם נתפס על צערו, און אוודאי נישט, ווען מען איז אים פוגע דעם גאַנצן לעבנס־אינהאַלט און די נשמה פון זיין קיום.

עס בלייבט די פראַגע: פאַרוואָס מוז דער קלוב זיין דווקא אין „מאה שערים״, פאַרוואָס מוז מען פאָרן שבת דווקא דורך „מאה שערים״?

אומצופרידנקייט פון וואָכעדיקייט

א.

א גרויסער טייל פון דער טעגלעכער און פעריאָדישער פּרעסע ערב ראש־השנה אין ישראל, וועלכע רעפּרעזענטירט די „וואָכעדיקע" יידן, האָט געבראַכט צום אויסדרוק די אומצופרידנקייט פון דער וואָכעדיקייט. וועלכע האָט באַהערשט אַ גרויסן טייל פונעם לעבן אין ישראל. אין פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען, באַמערקונגען, קלענערע און גרעסערע אַרטיקלען פילט זיך אפילו אַ געוויסע אומרואיקייט וועגן די רעזולטאַטן פון דער וואָכעדיקייט, וועלכע קאָנען זיין ווייט־גייענדע, טרויעריקע.

די סיבות פון דער אומצופרידנקייט, פון דער אומרואיקייט זענען נישט ביי אַלע די זעלבע, אויך די קאָנסעקווענצן זענען פאַרשידנאַרטיקע. דאָך, דאַכט זיך, וואָלט מען זיי געקענט רעזומירן אין פאָלגנדעס: —

א. אָן גלויבן, אָן רעליגיע, האָבן נישט אַלע מאָראַלישע ווערטן און פּרינציפּן קיין אָנהאַלט־באַזיס. דער מענטש אָדער די מענטשן, וועלכע באַשטימען היינט די מאָראַלישע ווערטן און פּרינציפּן, אַנולירן זיי מאָרגן, ווען די ווערטן און פּרינציפּן זענען פאַר זיי נישט באַקוועם.

ב. אַלע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען האָבן נישט דערשיטערט דעם אמת פון אמונה. אַלע רעדערייען, אַז די וויסנשאַפט ענטפערט אויף אַלע פראַגן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן איינרעדעניש, אַן אילוזיע. דווקא די גרעסטע וויסנשאַפט־מענער טענהן, אז די וויסנשאַפט שטייט פאַר דער אוראַלטער פראַגע: ווער און ווי אזוי? די וויסנשאפט ענטפערט נאָר, אויף וויפיל זי איז מסוגל צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס איז עס? אָבער נישט אויף דער פראַגע: ווער און פאַרוואָס?

ג. די טעכניק, די קונסט, די מאָדערנע קולטור, די טעכנישע אַנטוויקלונג גיבן דעם מענטש אפשר באַקוועמלעכקייט, אָבער נישט צופרידנקייט. עס גיט אים באַשעפטיקונג פאַרן קערפּער, אָבער נישט צופרידנקייט פאַר דער נשמה. די אַלע אויבנדערמאָנטע זאַכן פילן נישט אויס די פוסטקייט, וואָס עס האָט זיך געשאַפן מיטן אַראָפּוואַרפן די אמונה, מיטן אַוועקוואַרפן דאָס רעליגיעזע אַרט לעבן.

ד. עס פעלט הייליקייט אינעם לעבן, און אָן הייליקייט אינעם לעבן דראָט די געפאַר, אַז די אַלע אַנטוויקלונגען וועלן נאָר ברענגען פאַרניכטונג דעם מענטש, וועלכער ווערט פאַרניכטעט דורך דער פוסטער וואָכעדיקייט, וואָס ברענגט צו שטענדיקער נערוועזיטעט, אומצופרידנקייט, אָדער צו פאַרטויבונג פונעם פוסטן לעבן מיט אַן אַנדער פוסט אַרט לעבן.

ה. די דעמאָקראַטיע און די דיקטאַטור.ביידע סיסטעמען זענען דורכגע־פאַלן. ביידע גיבן נישט דעם מענטש צופרידנקייט, פרייהייט פון טראַכטן, דענקען און טאָן. ביידע גיבן נישט קיין גלייכהייט. ביידע האָבן נישט געבראַכט קיין גערעכטיקייט. נישט בלויז דער יחיד האָט נישט קיין פרייהייט, נישט קיין סאָ־ציאַלע, נישט קיין פּאָליטישע און נישט קיין עקאָנאָמישע, נאָר אַפילו דאָס פאָלק, דער קאָלעקטיוו האָט נישט די אַלע רעכט. דורך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. לרוב נישט ערלעכע, באַהערשט מען דאָס פאָלק און דערנאָך אין נאָמען פון פאָלק באַרויבט מען די פרייהייט פונעם יחיד. ביי דעמאָקראַטישע רעזשימען וויכטיקער און ביי דיקטאַטאָרישע רעזשימען איז פיל ערגער.

ו. מדינת ישראל — וואָס איז איר אינהאַלט? די פראַגע פרעגן דווקא די „וואָכעדיקע" יידן. אַן אמונה, אַן אַ ספּעציפישן יידישן לעבנס־אַרט, אַן אַ ספּעציפישן יידישן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס פּייניקן דער מענטשהייט — נאָך וואָס דאַרף מען מדינת ישראל? צי דאַרף מען מדינת ישראל דערפאַר, כדי דאָ זאָלן לעבן מענטשן, וואָס טראָגן דעם נאָמען ישראל, וועלכע וועלן פּרווון דאָ פאַרווירקלעכן אַלע גויישע אידייען, נאָר נישט קיין ספּעציפיש יידישע? צי דען נאָר דערפאַר, ווייל די גוים אין דער גאַנצער וועלט האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען אונזער גויישקייט אין גלות האָבן מיר פאַרגאָסן בלוט, מאַטערן זיך, בכדי דאָ צו שאַפן אַ מדינת ישראל פאַר יידישע גוים אָדער פאַר גויישע יידן?

ז. די מאָראַלישע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע דורכפאַלן אין ישראל האָבן אויפגעשטעלט ביי די וואָכעדיקע יידן די פראַגע: צי אַ לאַנד אַליין, אַ מדינה אַליין, איז גענוג צו געבן לעבנס־אינהאַלט און עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר אַ מאָראַלישן לעבנס־וועג, פאַר סאָציאַלער גלייכהייט, פאַר איבערגעגעבנהייט צום פאָלק, וואָס זוכט צו ווערן אַן אַנדער פאָלק, נישט קיין יידיש פאָלק? וואָס גיט מדינת ישראל פאַרן יידישן פאָלק, פאַר דעם ייד אַלס יחיד און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט, ווען מען נעמט פון אים אַוועק זיין אמונה, זיין תורה, זיין לעבנס־אַרט, זיין יידישן לעבנס־אַרט?

ח. די פראַגע ווערט געשטעלט נאָך שאַרפער: אויב שאַפן דאָ פון יידן אַן אַנדער פאָלק, טאָ וואָס פאַרבינדט מדינת ישראל מיט יידן אין דער גאַנצער וועלט? די יידן אין דער וועלט, וואָס ווילן זיין גוים, קאָנען עס זיין דאָרט ווו זיי זענען. די יידן, וועלכע ווילן פאַרזעצן דעם היסטאָרישן פאָדעם פונעם יידישן פאָלק, זעען מדינת ישראל היינט אַלס לאַנד, וועלכעס וויל דאָ איבעררייסן דעם היסטאָרישן פאָדעם און שאַפן דאָ אַן אַנדער פאָלק.

ט. די קינדער, די יוגנט וויל נישט מער מיטמאַכן די דאָפּלטקייט, די זעלבסטאָפּנאַרעריי. פון איין זייט פאָדערט מען פון איר צו לערנען, צו קאָנען, צו וויסן תנ"ך. פון דער צווייטער זייט זאָגט מען איר: דער תנ"ך פאַרפליכטעט נישט. משנה און תלמוד — אוודאי נישט. אויב תנ"ך, משנה און תלמוד האָבן נישט אין זיך קיין הייליקייט, אויב זיי זענען נישט קיין וועגווייזער פאַרן היינט און

מאָרגן — זוכן זיי דעם מאָרגן יעדער אויף זיין שטייגער. און דער הייַנט איז פּוסט, ווילד, אַז עס כאַפּט ארום אַ ציטער. די יוגנט זאָגט צו די עלטערן: איר געגאַרט זיך און ווילט געגאַרן אונז. מען קאָן נישט פאַרהערלעכן שבת און גלייכצייטיק אים פאַרוואַנדלען אין זונטיק. מען קאָן נישט פאַרהייליקן די עשרת הדברות און די מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן פון די נביאים און גלייכצייטיק זאָגן, אַז דאָס אַלץ האָבן אויסגעטראַכט מענטשן און מענטשן קאָנען עס ענדערן. די יוגנט ענדערט טאַקע, און אלץ איז געוואָרן הפקר. די יוגנט שלעפּט מיט מיט זיך אַפילו די עלטערן.

ב.

נישט מיט דעם איבערדערמאָנטן שעפּן זיך אויס אלע סיבות צו דער אומרואיקייט אין דעם וואָכעדיקן לאַגער, יעדנפאַלס אין אַ טייל פון אים. מען קאָן נאָך צוגעבן דערצו די נאַטירלעכע מענטשלעכע בענקשאַפט צום רבונו של עולם, וואָס האָט אים באַשאַפן. דער חלק אלוקי ממעל, וועלכער געפינט זיך אינעם מענטש, וועלכן דער מענטש רופט אים מיט פאַרשידענע נעמען, ווייל ער פילט אים. אָבער ווייסט אים נישט — דאָס ציט דעם מענטש צום שורש. אָבער צו אַנערקענען די סיבה, דאַרף מען שוין זיין אַ מאמין; עס שפילט אוודאי א גרויסע ראָל די בענקשאַפט צו דער היים. אין דעם גויישן לעבנס־אַרט פילט זיך פרעמד־קייט, און קיין ישראל איז מען דאָך געקומען — אהיים.

די פראַגע איז נישט, וואָס זענען די סיבות פון דער אומרואיקייט, פון דער אומצופרידנקייט, וואָס עס באַמערקט זיך, פילט זיך אין דעם וואָכעדיקן לאַגער. די דערשיינונג אַליין איז, יעדנפאַלס פאַר יידן מאמינים, אַ דערפרייענדע דערשיינונג. דאָס ווייזט, אַז מען טאָר זיך נישט מייאש זיין פון יידן, כי לא ידח ממנו נדח. די פראַגע איז: וואָס איז דער ענטפער, וועלכע די אומצופרידענע, די אומרואיקע ענטפערן.

אויך דאָ זענען נישט די ענטפערס אייניק. מען קאָן זיי טיילן אפשר אין דריי:

א) אַוועקשטעלן דאָס אינדיווידועלע געוויסן, די אינדיווידועלע פאַר־אנטוואָרטלעכקייט אַלס דעם העכסטן מאָראַלישן פרינציפּ, און דאָס דאַרף זיין דער באַזיס פון דעם נייעם ייד־מענטש אין ישראל.

ב) זוכן דעם וועג צוריק צו אמונה, אָבער נישט צו תורה און מצוות. אמונה, גאָט אַלס דער העכסטער פּרינציפּ פון אַלע מאָראַלישע ווערטן — יאָ, אָבער וואָס זענען די מאָראַלישע ווערטן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי אַזוי זיי צו פאַרווירקלעכן, דאָס דאַרף באַשטימט ווערן דורכן מענטש. יעדנפאַלס נישט די תורה און מצוות קאָנען זיין דער וועגווייזער און לעבנס־אַרט אַפילו פאַר „די גלויביקע", באַזונדערס נישט די מצוות בין אדם למקום.

ג) תורה און מצוות, אַ טייל פון זיי — יאָ. זיי אַנטהאַלטן סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע יסודות פאַר דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, עקזיס־

טענץ־ספעציפישקייט, עקזיסטענץ־איגהאַלט פונעם יידישן פאָלק אין מדינת ישראל. אָבער אמונה, גלויבן — דאָס נישט. זיי ווילן נישט פאַרבינדן תורה און מצוות, אפילו די נאַציאָנאַל־סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע פּרינציפּן, מיט אמונה.

ביידע: די, וועלכע ווילן אמונה אָן תורה און מצוות, אָדער תורה און מצוות אָן אמונה, זוכן צו שאַפן „מצוות" באַפאַרבט אביסל מיט דער „פאַרגאַנ־גענהייט", אָבער צוגעשניטן און צוגעפּאַסט צום „היינט".

אַלע דריי ענטפערס ווייזן, אַז די דערשיטערונג פון די „וואָכעדיקע", פון די „נישט־גלויביקע", פון די אַפּיקורסים, ווי זיי דעפינירן זיך יעדע גרופּע באַזונדער — איז נאָך נישט קיין גענוג טיפע. זי איז נאָר אַן אויבערפלעכלעכע. עס פעלט נאָך דער מוט צו ציען די קאָנסעקווענצן פון דער לאַגע, פון דער אומצופרידנקייט, פון דער אומרואיקייט, פון דער גרויסער אַנטוישונג אין זייער גלויבן אינעם „נישט־גלויבן". אמת, עס פילט זיך, אַז מען האָט אויפגעהערט גלויבן אינעם נישט־גלויבן. מען איז נישט מער זיכער מיט דער אַפּיקורסות — אָבער צום וועג אויף צוריק איז מען נאָך נישט געקומען. מען קלאַפּט אין די טויערן פון תשובה. דאָס איז שוין א גרויסע מדרגה. מען איז געוואָרן אַפּיקורסים אָן אַפּיקורסות. דאָס אליין איז שוין פיל.

— * —

פאַרוואָס איז אין די דריי תשובות נישטאָ קיין תשובה?

א) אַוועקשטעלן אַלץ אויף דעם אינדיווידועלן געוויסן, אויף דער מאָ־ראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם יחיד — הייסט אין א גרויסער מאָס תוהו ובוהו. אויב עס איז נישטאָ קיין העכערער פּרינציפּ, נישט קיין רעליגיעזער און לויט דער מיינונג אפילו נישט קיין נאַציאָנאַלער אָדער געזעלשאַפטלעכער — איז דאָך כל איש הישר בעיניו יעשה. מעג דאָך יעדער טאָן וואָס ער וויל. יעדער איינער וועט באַשטימען, וואָס עס איז „גוטס" און וואָס עס איז „שלעכטס". אמת, לויט דער מיינונג דאַרף יעדער מענטש „אנטדעקן" די מאָראַלישע פּרינציפּן אין זיין הארץ (פאַרוואָס נישט אין מוח?). אָבער יעדער מענטש האָט זיך זיין הארץ און ממילא זיינע מאָראַלישע פּרינציפּן, וועלכע זיין הארץ וועט אים דיק־טירן. די פּרינציפּן וועלן זיין אַזוי פיל וויפיל מענטשלעכע הערצער עס וועלן קלאַפּן. און דאַן וועלן מענטשלעכע הענט, מענטשלעכער מוח און כוח פּרווון יעדער אויף זיין שטייגער צו פאַרווירקלעכן זיינע מאָראַלישע הארץ־פּרינציפּן, זיין געוויסן.

דאָס וועט זיין א „מוסטער" פון איינהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט?

אין אמתן איז דאָס דער וועג, וואָס פירט צוריק צו געצנדינערייַ.

ב) אמונה אָן תורה און מצוות. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן אמונה אין מדינת ישראל, וועגן אמונה ביים יידישן פאָלק — רעדט זיך

װעגן אמונת ישׂראל. אמונת ישׂראל און תּורת ישׂראל זענען בײַ אונדז ענג צונױפֿ־מענגעבונדן: קודשא־בריך־הוא, ג—ט, די תּורה און ישׂראל זענען אײנס. אמונה, לױט ײדישער אױפֿפֿאַסונג, אָן תּורה און מצוות, פּירט צו אַלע אמונות, אפֿילו צום נצרות, אָבער עס איז נישט אמונת ישׂראל.

כּדי נישט שלעכט פֿאַרשטאַנען צו װערן: אַ ײד אַ מאמין, װען ער װערט נכשל אין אַן עבֿירה, אָדער ער איז נישט מקײם קײן מצוות, הערט נישט אױף צו זײַן קײן ײד אַ מאמין, ער איז אַן עובֿר עבֿירה, אַ פּושע־ישׂראל. אָבער אַ ײד, װעלכער װיל באַזירן די ײדישע אמונה אױף גלױבן אָן תּורה און מצוות — פּירט עס צו פֿרעמדע נישט־ײדישע רעליגיעס.

מאַראַלישע פּרינציפּן, װעלכע באַזירן זיך מכלומרשט אױף ג—ט, נאָר דער מענטש באַשטימט זײ, דער מענטש נעמט זיך דאָס רעכט צו באַשטימען, װאָס עס איז גוט און װאָס עס איז שלעכט לױט ג—טס װילן — זענען דאָך לע־כערלעך. דאָס זעלבסט איז דאָך די גרעסטע כּפֿירה אין ג—ט. דער יסוד פֿון אמונת ישׂראל איז דאָך, אַז דער מענטש האָט בחירה צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, אָבער באַשטימען, װאָס איז גוט און װאָס איז שלעכט קאָן דער מענטש נישט. „ראה נתתּי לפֿניך את החײם ואת הטובֿ, את המװת ואת הרע". דער רבונו של עולם האָט געגעבן דעם מענטש מעגלעכקײט אױסצװױילן צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, די תּורה עצהט דעם מענטש: ובֿחרת בּחײם!

מאַראַלישע, סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעכע פּרינציפּן, װעלכע מענטשן װעלן באַשטימען אפֿילו װען זײ װעלן באַזירן זיך אױף אמונה אין ג—ט, װעט מען זײ נישט קאָנען אױסצײילן אַזױ װי מען קאָן נישט אױסצײילן די שטערן. יעדער מענטש און זײַן געטלעכער פּרינציפּ. עס װעלן זײַן נישט בלױז פּרינציפּן אָן אַ שיעור, נאָר אױך געטער אָן אַ שיעור. אױך דאָס איז אַ שריט צוריק צו געצנדי־נערײַ. דאָס הײסט אונטערגראָבן דים יסוד פֿון אמונת ישׂראל, דעם יסוד פֿון אחדות.

גלױביקע, מאמינים אין ג—ט — דאָס הײסט: ג—ט האָט באַשאַפֿן די װעלט, די נאַטור. ער האָט זי באַשאַפֿן אין איר פֿיל פֿאַרשידנאַרטיקײט. ער האָט אױך באַשאַפֿן די פֿאַרשידנאַרטיקײט אין דער מענטשהײט. דאָס איז דאָך דער פּרינציפּ, װאָס גיט נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג; ער, דער בורא, האָט באַשטימט געזעצן, חוקים, פֿאַר דער נאַטור. און די געזעצן פֿון דער נאַטור פֿירן זיך לױט דעם װילן פֿון רבונו של עולם, דאָס איז אײנס. און פֿון דעם דרינגט אַרױס דער 2־טער פּרינציפּ, אַז טראָץ דער פֿאַרשידנאַרטיקײט פֿון דער נאַטור און די פֿאַרשידענע נאַטור־געזעצן איז דאָך די װעלט אַן אײנהײטלעכקײט. דאָס איז דער יסוד פֿונעם קאַמף פֿון אמונת ישׂראל קעגן געצנדינערײ און אַלע פֿרעמדע גלױבנס. פֿאַרװאָס קאָן אַזאַ גלױביקער ײד נישט גלױבן, אַז אַזױ װי דער רבונו של עולם האָט באַשטימט געזעצן װי אַזױ די גאַנצע נאַטור זאָל זיך פֿירן, האָט ער אױך באַ־שטימט געזעצן פֿאַר דער מענטשלעכער נאַטור און אַזױ װי דער רבונו של עולם האָט געמאַכט אַן אױסנאַם פֿאַר מענטשן פֿון דער גאַנצער נאַטור, און האָט די מענ־טשן געטײלט אין פֿעלקער (ײצב גבֿולות עמים), האָט דער רבונו של עולם פֿאַר

דעם פאָלק ישראל געגעבן זיינע נאטור־געזעצן אין דער תורה, וועלכע דארפן און קאָנען פארווירקלעכט ווערן פולקאָם פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט נאָר אין ארץ ישראל. פאַרוואָס קאָן א ייד א מאמין דאָס נישט גלויבן, נאָר וויל פונאַנדערטיילן חלילה צווישן ג—ט און זיין תורה?

גלויבן אָן תורה און אָן מצוות, אַלס פּרינציפּ, איז אפיקורסות. מער ווי דאָס: דאָס פירט צו פרעמדע גלויבנס.

ג) תורה און מצוות, די וואָס טראָגן אַ נאַציאָנאַלן סאָציאַל־מאָראַלישן כאַראַקטער. ווידעראַמאָל: נישט שלעכט צו פאַרשטיין: א ייד, וואָס איז מקיים א מצווה, נישט וויכטיק פאַרוואָס ער איז זי מקיים, אויס וועלכע פּרינציפּן — האָט ער מקיים געווען אַ מצווה. אָבער אַוועקשטעלן אַ פּרינציפּ: תורה און מצוות, נאָר אַ טייל פון זיי, ווייל זיי גיבן עקזיסטענץ דעם יידישן פאָלק, אָבער אונטער־שטרייכן כפירה אין אמונת ישראל, מוז ברענגען צו פּונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן.

עס דאַרף זיין קלאָר: א מאמין גלויבט, ווייל ער גלויבט אין דעם אמת פון דער אמונה. אמונה הייסט גלויבן, אַז די אמונה איז אמונת אמת. משה אמת ותורתו אמת. נישט צוליב די רעזולטאַטן. אוודאי גוטס ברענגט גוטע רעזולטאַטן, שלעכטס ברענגט שלעכטע רעזולטאַטן. אָבער טאָן גוטס דאַרף מען, ווייל מען דארף טאָן גוטס. אוודאי, מען פסלט נישט, ווען ווער עס טוט גוטס צוליב די רעזול־טאַטן, אָבער אלס פּרינציפּ איז עס געפערלעך. אוודאי: אמונה גיט דעם מענטש פיל. אָבער גלויבן גלויבט מען ווען מען גלויבט אין אמת פון דער אמונה. אמת ויציב. דאָס איז דער יסוד.

גלויבט מען נישט אין ג—ט און אין דער תורה, מוז זיך ברעכן פריער אָדער שפּעטער דער גלויבן אינעם פאָלק. עס וועט דאָן שווער זיין צו טראָגן דעם עול פון די מצוות, ווייל זיי היטן אָפּ דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונעם פאָלק און זיין עקזיסטענץ. עס שטעלט זיך דאָן די פראַגע: צו וואָס די עקזיס־טענץ פונעם פאָלק, צו וואָס די תורה און מצוות?

תורה און מצוות אָן אמונה קאָנען נישט געבן קיין קדושה. קאָנען נישט זעטיקן די געטלעכע בענקשאַפט, קאָנען נישט צוריקשטעלן די מאָראַלישע הויך פון מדינת ישראל, האָבן נישט קיין באַזיס פאַר דער אייגנהייט פונעם יידישן פאָלק, גיבן נישט צוריק דער יוגנט דעם אמת פון תנ"ך.

מען האָט אונז שוין געלערנט: תורת ד' תמימה, דאָן איז משיבת נפש. און נישט בחינם האָבן חז"ל געזאָגט: כל האומר אין לי אלא תורה, אפילו תורה אין לו.

— * —

די אומצופרידנקייט, די אומרואיקייט דאַרף געפינען אָן ענטפער אויף די פראַגן, וועלכע האָבן זיי אַרויסגערופן. דער ענטפער איז — תשובה. צו תשובה קומט מען אָבער נאָר, ווען מען זוכט ווי אַזוי מען דאַרף זוכן. דאָן געפינט מען.

מען האָט אונז געלערנט: ובקשתם משם (פון דער פרעמדער וועלט) את ד' אלקיך ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך...

אומזיסטער רוגז

די מיינונג, וועלכע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף די שפּאַלטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַז דאָס אוועקוואַרפן די אמונה און דאָס דערווייטערן זיך פון תורה און מצוות אין טאָג־טעגלעכן לעבן — ברענגט מיט זיך נעגאַטיווע דערשיינונגען אויף פאַרשידענע געביטן פונעם לעבן — האָט אַרויסגערופן אַ געוויסן רוגז, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אין די בריוו, וועלכע דער שרייבער האָט באַקומען פון ניו־יאָרק און טאָראָנטאָ.

זאָל דעריבער קלאָר זיין, אַז דער רוגז איז אַן אומזיסטער. יעדער פון אונז האָט דאָס רעכט אָנצוווייזן, אַז א געוויסע שיטה ברענגט צו נעגאַטיווע רע־זולטאַטן. אָבער בלויז ווען ער קען דאָס אויפווייזן מיט פאַקטן. נאָר דער האָט אויך דאָס רעכט למפרע צו זאָגן זיין אָפּשאצונג, אַז די אָדער אנדערע אידייען וועלן ברענגען אין דער צוקונפט שלעכטע רעזולטאַטן. אַזוי פירט זיך אין דער גאַנצער וועלט און פאָרלויפיק אויך אין ישראל.

די אָפּאָזיציע אין אלע פאַרלאַמענטן און אין דער כנסת, ווי אויך די פרעסע אין דער גאַנצער וועלט און אויך דאָ אין ישראל, האַלט זיך דאָך למעשה נישט מער ווי אויף מיינונגען און אָפּשאַצונגען וועגן די רעזולטאַטן פון דער אָדער יענער שיטה, אין דער קעגנוואַרט אָדער אין דער צוקונפט, פון דעם אָדער אַן אנדערן רעזשים, פון דער אָדער אַ צווייטער לעבנס־אויפפאַסונג און קיינער פילט זיך נישט דערפון געטראָפן.

מען דאַרף זיך צוגעוווינען דערצו, אָן ירגזון, אָן ברוגז און אָן זיך צו פילן געטראָפן פון קעגנזייטיקער קריטיק, כל זמן זי טראָגט נישט קיין פּער־זענלעכן כאַראַקטער. און ווען רעליגיעזע יידן רעכענען זיך, ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק, מיט דער טאַט־זאַך, דאַרפן אנדערע אוודאי און אוודאי דאָס אָננעמען פאַר ליב, ווייל מען דאַרף דאָך נעמען אין אַכט, אַז ווען רעליגיעזע יידן לייענען, וואָס מען שרייבט היינט וועגן אמונה, וועגן תורה און מצוות, און נאָך מער, וואָס זיי הערן, וואָס מען רעדט וועגן דעם, דאַרפן זיי דאָך על פי דין קריעה רייסן. ביי אנדערע, ווי הייליק זיי זאָלן נישט וועלן מאכן זייער אפּיקור־סות, אָדער אַ טייל זייער עם־הארצותדיקע גאָטלאָזיקייט, זענען זיי דאָך אליין מודה, אַז קיין וועזנטלעכע אייביקייט־הייליקייט טראָגט נישט אין זיך זייער אַפּיקורסות. זענען זיי דאָך אליין מודה, אַז זייערע אידייען און שיטות זענען אַ רעזולטאַט פון פאַרשידענע דערשיינונגען, וועלכע קאָנען זיך ענדערן און מיט זיי ענדערט זיך אויך די אידייע.

דעריבער — א ביסעלע וויניקער רוגז.

א ייד אַ מאמין האַלט זיך ביי זיין גלויבן נישט דערפאַר, ווייל דאָס נישט־גלויבן ברענגט מיט זיך שלעכטע רעזולטאַטן. ער איז א מאמין, ווייל ער גלויבט, אַז די אמונה איז דער אמת. און דעריבער ווערט ער נישט אויס מאמין, אפילו ווען ער זעט צדיק ורע לו, רשע וטוב לו. דאָס ענדערט נישט דעם אמת. א ייד א מאמין ווייסט, אז מען האָט דעם אמת נישט ליב, אז פאַרן אמת מוז מען ליידן. דאָס קריטעריום פון אמונה ביי א ייד א מאמין איז נישט די פאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע דערשיינונג — נאָר דער גלויבן אינעם אמת פון דער אמונה.

דעריבער איז א ייד א מאמין מקיים תורה און מצוות נישט בלויז, ווייל זיי גיבן גוטע רעזולטאַטן אין אַלע היגזיכטן פון לעבן, נאָר ווייל דאָס דיקטירט אים זיין גלויבן אלס רעזולטאט פונעם אמת פון דער אמונה. דעריבער פילט גאָרנישט אַ ייד א מאמין, אַז די תורה און מצוות מאַכן אים שווער דאָס לעבן. להיפך — א ייד א מאמין, ווען ער היט־אָפּ תורה און מצוות, איז פול מיט שמחה. ער פרייט זיך, אַז ער קען מקיים זיין די תורה און היטן די מצוות. און מיט שמחה באַצאָלט ער דערפאַר מיט מי, מאַטער און אויך געלט. דאָס היטן תורה און מצוות פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן — נישט אַ פאַרבייגייענדן פאַרגעניגן, נאָר אַן אייביקייטס־פאַרגעניגן. אַ ייד א מאמין לאַכט זיך אויס פון די שוועריקייטן, כביכול, וואָס די נישט־ מאמינים דאַכט זיך, אז די תורה און מצוות לייגן ארויף אויף דעם מענטש. א ייד א מאמין האָט ליב די תורה און די מצוות, און ווען מען האָט ליב, פילט מען נישט קיין שוועריקייטן, שטעלט מען זיך נישט אָפּ פאַר קיין שוועריקייטן.

— * —

ווען יידן מאמינים באַנוצן זיך מיטן אַרגומענט, אז דאָס אָוועקוואַרפן די אמונה, דאָס אַראָפּוואַרפן דעם עול תורה און מצוות, ברענגט מיט זיך נעגאַ־ טיווע רעזולטאַטן, איז עס נישט, בכדי דערמיט צו ארגומענטירן פאַר זיך אָדער פאַר אנדערע די ריכטיקייט פון אמונה, תורה און מצוות — נאָר בכדי צו וואָרע־ נען אַנדערע פאַר די שלעכטע רעזולטאַטן, צו וועלכע עס ברענגט זייער וועג. און ער ברענגט שלעכטע רעזולטאַטן, וועלכע מען קאָן אויסמיידן — ווייל דער וועג איז, לויט זייער אויפפאַסונג, א פאַלשער, ווייל אפילו די, וואָס גייען אין אים — ניין־און־ניינציק פּראָצענט פון זיי — טוען עס סתם־אַזוי, ווייל אַזוי איז לייכטער, ווייל אַזוי מעג מען אַלעס, ווייל אַזוי קאָן זיך יעדער אייבער שאַפן יעדן טאָג א נייעם גאָט, א נייע תורה און נייע מצוות, ווייל אַזוי איז נישטאָ קיין אייביקייט־פּרינציפּן, הייליקייטן, וועלכע מען קאָן נישט ענדערן. יעדער האָט זיך זיין גאָט, וועלכן ער שאַפט, און נישט דעם, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט. יעדער אייגער האָט זיך זיין גלויבן, זיין תורה און זיינע מצוות, זיין געוויסן, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אריינמישן אין זיינע „פּריוואַטע" ענינים. אלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין א „פּריוואַט־זאַך".

צווישן אונז און אויפריכטיק גערעדט: וויפיל זענען דען דאָ היינט,

אפילו דאָ אין ישראל, אמתע אפיקורסים, וועלכע גלויבן אין כפירה, אין אפיקור־סות? דער גרעסטער טייל ווייסט דאָך נישט מאי דקאָמרי רביצין, דאָס זענען דאָך מערסטנטייל „באַקוועמלעכקייט־אפיקורסים“, ווייל עס איז באַקוועם צו זיין אַן אפיקורס.

און אַט צו די „באַקוועמלעכקייט־אפיקורסים“ קומען מיר און זאָגן: די באַקוועמלעכקייט, די צייטווייליקע, פאַרבייגייענדיקע, וואָס איר האָט זיך אויסגע־קליבן דורך אָוועקוואַרפן די תורה און מצוות, דורך אַוועקוואַרפן די אמונה — זענען נישט ווערט די נעגאַטיווע רעזולטאַטן, וועלכע זיי ברענגען מיט זיך.

מיר קומען אויך צו די אמתע אפיקורסים, וואָס מיר האַלטן, אַז זיי האָבן אַ טעות און גייען אויף אַ פאַלשן וועג, און זאָגן זיי, אַז די רעזולטאַטן פון זייער אפיקורסות פירן צום אונטערגאַנג פונעם יידישן אייגנאַרטיקן לעבן, פירן צו אסימילאַציע נישט בלויז אין גלות, נאָר צו גוישקייט אויך אין ארץ ישראל, וואָס וועט פירן צו אַ ריס אינעם יידישן פאָלק, צו דער אַנטשטייאונג פון אַ נייַ פאָלק, נישט קיין יידישס, אין ארץ ישראל — און נאָך וואָס דאַרף מען נאָך אַ נייַ פאָלק אויף דער וועלט? זענען דען פאַראַן ווייניק צרות פון די עקזיסטירנ־דיקע פעלקער?

— * —

דאָס זענען נישט בלויז אַרויסגעזאָגטע השערות אויף דער צוקונפט, נאָר דאָס באַזירט זיך אויף היסטאָרישע פאַקטן פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און אויך אויף פאַקטן פון דער קעגנוואַרט.

אָט וואָס זענען די פאַקטן: —

א) אַלע טיילן, סעקטן און גרופּן פונעם יידישן פאָלק (צווישן זיי אויך דאָס קריסטנטום), וועלכע האָבן פּרובירט צו ענדערן דעם וועזנטלעכן אינהאַלט פון דער יידישער אמונה, זענען מיט דער צייט אַוועק פונעם יידישן פאָלק, זיך אָפּגעריסן פון אים, זיך אסימילירט, אויסגעשמדט און אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייער שטאַם. פיל מאָל נאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די גרעסטע שונאים פונעם יידישן פאָלק.

דער וועזנטלעכער אינהאַלט פון דער יידישער אמונה באַשטייט אין צוויי זאַכן: גלויבן און טאָן, נעשה ונשמע, תורה און מצוות.

די, וואָס האָבן געפּרוווט פונאַנדערצוטיילן צווישן די ביידע און דעם יידישן פאָלק, דאָס הייסט, די, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען אויך דעם נאַציאָנאַלן וועזנטלעכן אינהאַלט פון דער אמונה און די מצוות אין זייער ענגן צוזאַמענבונד מיטן יידישן פאָלק — די האָבן מיט דער צייט אויפגעהערט צו לעבן אַלס יידן און אויך אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס יידן.

ב) די אסימילאַציע, וועלכע האָט געפירט צו שמד, איז נישט אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דער השכלה־באַוועגונג, נישט דורך די נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַווע־גונגען, נישט דורך די יידיש־סאָציאַליסטישע, אָדער יידיש־סאָציאַליסטישע נאַ־

ציאַנאַלע באַוועגונגען.

דאָס דייטשע און אונגאַרישע יידנטום, לעצטנס אויך דאָס פּוילישע יידנטום — איז פּאַרפלייצט געוואָרן פון אסימילאַציע און שמד, וואָלט נישט געקומען היטלער, וואָלט מעגלעך דאָן א טייל פון די פּאַרטיליקטע יידן דורך היטלערן — באַזונדערס אין די מערב־לענדער — מיט דער צייט אָפּגעריסן געוואָרן פונעם יידישן פאָלק דורך אסימילאַציע און שמד. דער תהום פון אסימילאַציע אין שפּראַך, קולטור און לעבנס־אַרט, און צו דעם דאָס עם־הארצות, האָט מיט זיך אַלץ מיטגעריסן. און עס איז געווען א נאַטירלעכע זאַך: אויב נישט אמונה, תורה און מצוות, וועלכע האָבן צו טאָן הײַנט מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס בלייבט איבער פון יידישקייט? העכסטנס איז עס אַן ענין פאַר חובבים. פאַר די, וועלכע האָבן ליב צו גריבלען זיך אין היסטאָריע, וועלכע געדענקען נאָך דאָס הויז פון טאטע־מאמע. אָבער דעם צווייטן און דריטן דור פון די, וועלכע האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אמונה, תורה און מצוות — וואָס אינטערעסירן אים די תורה, נביאים אָדער דער תלמוד?

וועט דאָך קיינער נישט לייקענען, אַז אויך דער ציוניזם האָט נישט געדינט פאַר קיין אָפּהאַלט פון אסימילאַציע אינעם גייסטיקן זין. ער האָט אפשר אָפּגעהאַלטן דאָס איבעררייסן דעם לעצטן פאָדעם דורך שמד, אַזוי ווי אויך די יידישע שפּראַך האָט עס אָפּגעהאַלטן אין אַ געוויסן זין. אָבער ביידע — סיי דער ציוניזם אַליין און סיי די יידישע שפּראַך אַליין — האָבן נישט אָפּגעהאַלטן די גייסטיקע אסימילאַציע פון פאַרפרעמדן זיך אין פרעמדע קולטורן און דערווייטערן זיך פון אייגענעם שטאַם. און אָט דער פאַקט, וואָס די ציוניסטישע יוגנט אין די מערב־לענדער הײַנט פילט נישט די באַדערפעניש פון לערנען תנ״ך, העברעאיש א.א.וו., איז דאָך דער בעסטער באַווייז וועגן דעם וועזנטלעכן אינהאַלט פונעם נישט־רעליגיעזן ציוניזם.

איז דאָך אמת, אַז אויך הײַנט איז דער גרעסטער טייל יידיש־לעזער אין אמעריקע פונעם אַלטן דור אָדער פון יידן, וואָס רעדן נאָך יידיש צוליב טראַדיציע.

ג) אוודאי האָט ארץ ישראל, מדינת ישראל, אָפּגעראַטעוועט פיל פון די אהערגעקומענע נישט־גלויביקע און נישט־רעליגיעזע יידן פון דערווייטערונג פון יידישן שטאַם. ווייל וווינענדיק אין ארץ ישראל קאָנען זיי זיך נישט אסימילירן מיט גויים, עס זענען אַזעלכע כמעט נישטאָ. וואָלטן אָבער אַזעלכע געווען, וואָלט עס געשען אויך אין ישראל.

זענען דאָך דאָ פאַקטן, וואָס פיל נישט־רעליגיעזע ציוניסטן אין ארץ ישראל האָבן אין דער צייט פון דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט חתונה געהאַט מיט קריסטן, אפילו קינדער פון אַזעלכע, וועלכע האָבן פּרעטענסיעס צו זיין די גייסטיקע פירער פונעם „נביאישן רענעסאַנס" און מיט דער צייט האָבן זיי פאַרלאָזן נישט בלויז דאָס לאַנד, נאָר אויך דאָס פאָלק.

ד) אויב עס זאָל חס־וחלילה אַזוי אָנהאַלטן דער גאָטלאָזער פּראָצעס אין מדינת ישראל, יידן זאָלן זיך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן דערווייטערן פון דער טראַדיציע, דאָס עם־הארצות זאָל זיך פאַרשטאַרקן — איז דאָך קלאָר, אַז אויך דאָס נאַציאָנאַלע געפיל וועט מיט דער צייט ווערן אָפּגעשוואַכט. די פּוסט־קייט וועט אריינדרינגען און מען וועט זיך שטעלן די פראַגע: נאָך וואָס די אַלע צרות און ליידן? נאָך וואָס טויג טאַקע מדינת ישראל, וואָס גיט זי אונז? מיט וואָס הייבט זי אונז אויף? מיט וואָס גיט זי אונז א העכערן לעבנס־אינהאַלט? מיט וואָס פילט זי אויס די פּוסטקייט? בלויז מיט דעם, וואָס זי גיט אונז פיזישע זיכערקייט? — דאָס זעלבע קאָן מען אויך באַקומען אין אמעריקע, אויסטראַליע, קאַנאַדע א.א.וו.

ה) וועט דער עמעצער פּרוּוון פאַרלייקענען, אַז די מערסטנטייל נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם ישראלדיקן לעבן אין מאָראַלישן, סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן זין — נעמען ארום אין דער איבערוויגנדער מערהייט נישט־רעליגיעזע מענטשן?! אמת, עס ווערט אויך אַ רעליגיעזער ייד מיטגעריסן מיטן שטראָם. אָבער דאָס ווייזט דאָך ווי שטאַרק עס איז דער שטראָם!

מען כאַפּט אויך „רבנים", וועלכע זענען עובר אויף די געזעצן אין לאַנד, אויך אַנדערע רעליגיעזע יידן. אָבער ווען מען זאָל יעדן טאָג אונטערשטרייכן ביי די אלע פאַרברעכערס: „רעליגיעזע" אָדער „נישט־רעליגיעזע", וואָלטן מיר דאַן געזען, אז די פּראָפּאָרץ — אפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אז נישט־רעליגיעזע זענען די מערהייט — שטייגט איבער אלע פּראָפּאָרצן.

דער עצם פאַקט, וואָס אז מען כאַפּט א רעליגיעזן ייד ביי אַן עבירה, קלינגט מען אויף אלע גלאָקן, באַווייזט, אז אין באַוואוסטזיין פון יעדן מענטש איז דאָס געפיל, אַז ווען א רעליגיעזער ייד טוט אזא עבירה, איז עס א יוצא דופן, אַ נישט נאָרמאַלע דערשיינונג. און אוודאי זענען דאָ אין לעבן אויך נישט נאָרמאַלע דערשיינונגען. דאָס ווייזט אָבער: א) אז ביי רעליגיעזע יידן איז דאָס אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג, ב) אז ביי נישט־רעליגיעזע יידן נעמט דאָס אָן אַ נאָרמאַלן כאַראַקטער.

אוודאי, אויך נישט־רעליגיעזע יידן האָבן געוויסע מאָראַלישע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּרינציפּן, אָבער זיי זענען נישט קיין אייביקייט־פּרינציפּן, וועלכע ענדערן זיך „מיטן וועטער פון טאָג", ווי עס איז באַקוועם, ווי עס טויג.

נאָך א זאַך: אַ רעליגיעזער ייד, אַז ער ווערט נכשל, ווייסט ער, אַז ער איז נכשל געוואָרן, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה. ער ווייסט, אַז ער דאַרף תשובה טאָן. א נישט־רעליגיעזער ייד דאַקעגן פאַרוואַנדלט די עבירות אין מצוות. ער שאַפט זיך באַלד טויזנט תירוצים פון „געוויסנס־פרייהייט", פון „פּריוואַט־זאַך", וועלכע דאַרפן באַרואיקן זיין אינערלעכע געטלעכע אומרואיקייט.

וואָס־וואָס, אָבער יעדער אויפריכטיקער מענטש מוז דאָך מודה זיין, אַז די יידישע אמונה, די יידישע תורה, די יידישע מצוות, די יידישע מנהגים,

דער יידישער טיש, דאָס יידישע פאַמיליע לעבן, דער יידישער שבת און ימים־טובים — קאָנען מער אָפּהיטן דעם ייד זיך איבערצוגעבן זייַנע תאוות, איידער פאַרקערט.

— * —

ווי געזאָגט: אַ יידן א מאמין, אַ רעליגיעזער, איז א מאמין קודם כל, ווייל ער גלויבט אין דעם אמת פון דער אמונה, אָבער ער האָט דאָס רעכט אָנצו־ווייזן, אַז די אמונה׳לאָזיקייט, דאָס תורה׳לאָזיקייט, דאָס מצווה׳לאָזיקייט שאפן פוסטקייט, וועלכע מען פילט מערסטנטייל אויס מיט אינהאלטסלאָזן „צייט־פאַר־ברענגען", מיט זוכן עמאָציעס, וועלכע שטייען אין ווידערשפּרוך אפילו צום „רעליגיעלאָזן געוויסן". אָבער דאָס „רעליגיעלאָזע געוויסן" פּאַסט זיך שנעל צו.

עס דאַרף נאָך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס רעדט זיך נישט פון אויסנאַמען. עס רעדט זיך פון אַלגעמיינע דערשיינונגען און אויספירונגען. און די אלגעמיינע דערשיינונגען זענען: אַז א ייד א מאמין, וועלכער היט אָפּ תורה און מצוות, איז מער פארזיכערט גייסטיק, אז ער זאָל נישט ווערן מיטגעריסן מיט די נעגאַטיווע דערשיינונגען. דער אויספיר איז, אז דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך סיי די אמונה, סיי דאָס גאַנצע טראַדיציאָנעלע לעבן — מוז פירן צו שאַפן אן אנדער פאָלק אויך אין ישראל.

אמונה, תורה און מצוות, באַזונדערס אין מדינת ישראל, זענען דער עיקרדיקער פונדאַמענט פון דער היסטאָרישער פאַרזעצונג פון דער עקזיסטענץ פון דעם אמתן אָריגינעלן יידישן פאָלק מיט זיין אייגנאַרטיקער וועלט־אויפפאסונג און לעבנס־אינהאַלט.

באַפרייאונג און אויסלייזונג

א.

א פאָלק קאָן זוכה זיין צו גאולה, נאָר ווען עס פילט זיך פריי, אפילו ווען עס איז פאַרשקלאַפט דורך אנדערע; ווען טראָץ דער אויסערלעכער פאַרשקלאַפונג, פילט דאָס פאָלק אין דער טיפער טיפעניש פון זיין נשמה זיין פרייהייט.

— * —

כל זמן דאָס פאָלק היט טיף אין דער נשמה די פרייהייט, די גייסטיקע, היט עס אָפּ זיין זעלבשטענדיקייט, אַפילו ווען עס האָט צייטווייליק פאַרלוירן זיין זעלבשטענדיקייט, די פּאָליטישע, מלוכהשע, טעריטאָריעלע. כל זמן דאָס פאָלק היט אָפּ זיין אינערלעכע גייסטיקע פרייהייט, דורך זיין זעלבשטענדיקן לעבנס־אַרט, איז די פראַגע פון צוריקבאַקומען זיין אויסערלעכע זעלבשטענדיקייט נאָר אַ פראגע פון צייט. אזא פאָלק פאַרלירט קיינמאָל נישט זיין גלויבן, זיין האָפע־נונג און זיין זיכערקייט, אז עס וועט מיט דער צייט צוריקבאַקומען זיין פרייהייט, ווערן אויסגעלייזט פון דער פאַרשקלאַפונג אָדער פון גלות, אפילו ווען עס נעמט צייט.

— * —

די אינערלעכע פרייהייט, די אינערלעכע גייסטיקע זעלבשטענדיקייט קאָן אַ פאָלק פילן און אָפּהיטן מיט צוויי באַדינגונגען:

א) ווען טראָץ אַלע אויסערלעכע שוועריקייטן און פאַרשקלאַפונג, היט עס אָפּ אין זיין גאַנצן טאָג־טעגלעכן לעבנס־אַרט, דאָס ספּעציפישע אייגנאַרטיקע, וועלכעס גיט דעם פאָלק די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אלס באַזונדער פאָלק; ווען עס קאָן אָפּהיטן דעם לעבנס־אַרט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך באַזונדערס אויס אנדערש פון אנדערע פעלקער; די ספּעציפישקייט, וועלכע גיט דעם פאָלק זיין לעבנס־אינהאַלט און פאַרמירט אים אלס דאָס, וואָס עס איז.

ב) ווען זיינע קינדער, ווילנדיק אָנהאַלטן די עקזיסטענץ פון דעם פאָלק, צוליב זיין ספּעציפישקייט, בכדי דאָס פאָלק זאָל קאָנען לעבן זיין אייגנאַרטיק לעבן, פריי און פולשטענדיק, בכדי דאָס פאָלק זאָל קאָנען פאַרווירקלעכן זיינע ספּעציפישע אידעאַלן, וואָס נאָר ער אליין איז זייער טרעגער און שטרעבער צו פאַרווירקלעכן; ווען די קינדער פון דעם פאָלק, צוליב אָט דעם אלעם, וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם יאָך פון זייערע פאַרשקלאַפער און באַפרייען זיך.

— * —

עס טרעפט אויך אַמאָל, אז די קינדער פון פאָלק וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם יאָך פון דער פרעמדער פאַרקנעכטונג, ווייל זיי קאָנען נישט, פשוט פיזיש,

ווייטער לעבן אין פארשקלאפונג. זיי זענען אזוי אונטערדריקט, אז זיי מוזן זיך אַנטקעגנשטעלן זייערע אונטערדריקער — אַזעלכע קינדער פונעם פאָלק באַפרייען אָבער נאָר בלויז זיך אליין, אָבער נישט זייער פאָלק. פאַרקערט: זייער באַפריי־אונג איז געצילט בכדי זיי, אלס יחידים, אלס אינדיווידואליסטן, זאָלן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג מיט זייערע אונטערדריקער; קריגן די זעלבע רעכט צו לעבן דעם לעבנס־אַרט ווי זייערע פאַרשקלאפער; צו האָבן די רעכט זיך צו אסימילירן און אויסמישן מיט די ארומיקע, וועלכע האָבן זיי פארקנעכטעט און ווערן גלייך מיט זיי.

אזא אויפשטאנד, אזא באַפרייאונג ברענגט מאָמענטאלע אויסלייזונג פון די צרות, וועלכע זענען א רעזולטאט פון דער פאַרשקלאפונג אָט די יחידים, די אינדיווידואליסטן. זיי זענען אָבער פריי בלויז פון זייערע צרות, זיי ווערן אבער נישט קיין פרייע מענטשן. ועל אחת כמה וכמה ווערן זיי נישט די באַפרייער פון זייער פאָלק. פאַרקערט, מיט זייער באפרייען זיך פון די צרות, דורך דער באקומענער גלייכבאַרעכטיקונג צו לעבן אזוי ווי זייערע אונטערדריקער, הערן זיי אויף צו זיין דאָס, וואָס זיי זענען, הערן זיי אויף צו לעבן זייער אייגן לעבן און ווערן אין אמתן עבדים, קנעכט. זיי הייבן־אָן לעבן א פרעמד לעבן. און אויב ביז צו דער באפרייאונג פון די צרות זענען זיי געווען אינערלעך פרייע מענטשן — מיט דער אויסערלעכער באַפרייאונג, האָבן זיי באַצאָלט מיט דער אינערלעכער פארשקלאפונג, מיט דער גייסטיקער פארקנעכטונג, מיט אויפהערן זיין דאָס וואָס זיי זענען.

— * —

מיט זיין אויסערלעכער, פערזענלעכער באפרייאונג, וואָס ער, דער יחיד, האָט דעראָבערט פאר דעם פרייז פון אויפגעבן זיין אינערלעכע פרייהייט און אייגנ־אַרטיקע זעלבשטענדיקייט — האָט ער גאָר פארשטארקט נאָך מער די פארשקלאפונג, פארקנעכטונג פון זיין פאָלק. דאָס פאָלק איז דורך זיין באפרייאונג נאָר אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. דאָס פאָלק (און א פאָלק איז עס נאָר דעמאָלט, ווען עס האָט אין זיך עפּעס ספּעציפיש־אייגנארטיקס) האָט נאָר פארלוירן אן אבר, א גליד פון זיך. א זון פון אים האָט אים פארלאָזט, זיך אָפּגעריסן, און דאדורך אָפּגע־שוואַכט זיין אויסדויער־קראפט, זיין זיכערקייט, זיין גלויבן, זיין האָפענונג און זיין באַפרייאונג.

ב.

אויב א פאָלק, אָדער טיילן פון אים, ווען עס געלינגט זיך צו באַ־פרייען נאָר בלויז פון די צרות, וועלכע דער גלות האָט אים אָדער טיילן פון אים פארשאפט, דראָט אַ געפאר דער באפרייאונג. די באפרייאונג, וועלכע איז א רעזולטאט נאָר בכדי פטור צו ווערן פון די צרות, וועלכע מען האָט אין דער פרעמד, וועלכע פרעמדע טוען אָן, ווען מען מוז זיין ביי זיי, און מען האָט נישט

קיין אייגענע היים — גיט נאָך נישט דעם פאָלק די פרייהייט צו עקזיסטירן אלס זעלבשטענדיק־פריי־אייגנאַרטיק פאָלק. דאָס פאָלק פילט די פרייהייט בלויז אלס מיטל אראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם עול־השעבוד פון פרעמדע, בכדי צו קאָנען זיין דאָס זעלבע, וואָס עס זענען די פרעמדע. נישט בכדי צו זיין דאָס, וואָס עס איז, און צוליב וואָס עס האָט זיין פרייהייט פארלוירן.

באַפרייאונג פון אויסערלעכע צרות, קאָן מיט זיך פיל מאָל ברענגען דעם אונטערגאנג פון פעלקער, דווקא נאָך זייער באַפרייאונג. נאָך דעם ווי זיי באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן פריי דעם זעלבן לעבנס־אַרט, וואָס זייערע אונטערדריקער האָבן געלעבט — ווערן זיי מיט דער צייט אסימילירט אין דעם לעבנס־וועג, און עס פילט נישט מער די באדערפעניש צו לעבן אלס זעלבשטענדיק פאָלק. עס פארלירט פשוט די באַרעכטיקונג פאַר זיין עקזיסטענץ.

— * —

מיר האָבן דעם פּראָצעס בייגעוווינט ביי א גרויסן טייל פונעם יידישן פאָלק פון דער עמאנסיפּאַציע־עפּאָכע, וועלכע די גלייכבארעכטיקונג, וואָס האָט פאַר אים געעפנט די טויערן צו לעבן ווי גויים און זיך אויסמישן צווישן זיי, האָט געברענגט צו גרויסער מאַסן־אסימילאציע, געמישטע חתונות און שמד, וועלכע האָבן אין רעזולטאַט געפירט, אז די אלע קינדער זענען אָפּגעפאַלן פונעם יידישן בוים, פונעם יידישן פאָלק.

— * —

אויך ווען אונזער פאָלק איז געזעסן אין ארץ ישראל און האָט זיך געלאָזט באגנוגענען בלויז מיט דער אויסערלעכער פרייהייט, אָבער האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם נישט־יידישן לעבנס־אַרט פון זיינע אונטערדריקער — האָט מיט דער צייט פארלוירן פשוט דאָס געפיל פאַר דער זעלבשטענדיקייט און מיט דער צייט האָט דער אונטערדריקער, פארשקלאפער, געפּרוּווט בארויבן אויך די מלוכהשע זעלבשטענדיקייט, נאָכדעם ווי עס איז אים געלונגען צו „באַפרייען" ס'פאָלק פון זיין אינערלעכער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט.

— * —

עס איז נישט קיין צופאל, וואָס יעדער באַפרייאונגס־קאַמף פון יידן אין ארץ ישראל איז קודם כל געווען פארבונדן מיט דער גייסטיקער באַפרייאונג, מיט אָנצינדן דאָס „פּינטעלע ייד" אין דער יידישער נשמה.

ג.

אזוי האָט זיך טאקע אָנגעהויבן אונזער ערשטע באַפרייאונג פון מצרים. די באַפרייאונג פון מצרים איז נאָר געווען מעגלעך נאָך דעם ווי מען האָט דעם פאָלק צוריקגעגעבן דאָס גייסטיקע באַוווּסטזיין פון זיין זעלבשטענדיקייט. נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן פעאיק צו פאַרשטיין זיין היסטאָרישן פונדאַמענט פון „אהיה אשר אהיה", ווען עס האָט אָנגעהויבן צו פילן פון אויפסניי די ספּעציפישקייט פון דער יידישער אמונה, וועלכע אברהם אבינו האָט אָנגעהויבן צו וועבן,

שטייענדיק אייבער אליין פון איין זייט קעגנאיבער דער גאנצער וועלט; ווען עס האָט געהאַט די באַדערפעניש אָפּצוהיטן די אָפּגעזונדערטקייט פון די מצרים דורך דריי זאכן: א) די שפּראַך, ב) די קליידונג, ג) די נעמען. ווען די אינערלעכע קענטעניש און גייסטיקע באפרייאונג האָט דערגרייכט די מדרגה, אַז זיי, די קינדער פון פאָלק, זענען שוין פעאיק געווען צו דעמאָנסטרירן די אינערלעכע פרייהייט אויך דורך דעם ווילן אויסערלעך אַנדערש צו זיין ווי זייערע באַדריקער, זייערע פארשקלאַפער און האָבן געהאַט דעם מוט מיט דריי זאכן זיך אויסצוצייכע־נען און זיך אָפּזונדערן פון זייערע שכנים — זענען זיי געוואָרן פעאיק אויסגע־לייזט צו ווערן.

— * —

דאַן איז געקומען א נאָך מער ווייטגייענדיקער שריט: יידן זענען פעאיק געוואָרן אויך בלוט צו געבן פאַר זייער באַפרייאונג, פאַר זייער זעלבשטענדיקייט „וואראך מתבוססת בדמיך”, איך האָב דיך געזען בלוטיקן אין דיין בלוט „דם מילה”, וואָס איז געווען פארבונדן מיט לעבנס־געפאַר מצד די מצרים, „דם פסח”, וועלכעס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם מצרישן גלויבן.

די גייסטיקע אינערלעכע באפרייאונג, דאָס אינערלעכע געפיל פון פריי־הייט האָט געשאַפן דאָס געפיל און דעם באַדאַרף פון אויסערלעכער פרייהייט. און די (דער ערב־רב), וועלכע האָבן נישט געפילט די אינערלעכע פרייהייט זענען געווען אויך קענן דער אויסערלעכער פרייהייט.

ד.

דעראָבערן פרייהייט הייסט אָבער נאָך נישט דערהאַלטן פרייהייט. בכדי צו דערהאַלטן די פרייהייט, דאַרף מען דורכגיין נישט קיין קלענערן יסורים־וועג ווי בכדי צו דעראָבערן די פרייהייט. בכדי צו דערהאַלטן די פרייהייט דאַרף מען באַצאָלן נישט קיין קלענערן פרייז ווי פאַר דעראָבערן די פרייהייט. איז מען נישט פעאיק צו באַצאָלן דעם פרייז און אויסהאַלטן די יסורים -- שטעלט מען אונטער א פראַגע־צייכן די דעראָבערטע פרייהייט.

— * —

בכדי צו זיין פעאיק צו באַצאָלן אָט דעם טייערן פרייז אָנצוהאַלטן די דעראָבערטע פרייהייט, דאַרף מען איינפלאַנצן אינעם פאָלק דעם באַוווסטזיין, אַז די באפרייאונג איז נישט געקומען בלויז בכדי פּטור צו ווערן פון די גלות־צרות, די אויסערלעכע, נאָר הויפּטזעכלעך בכדי עס זאָל קאָנען קומען צום פולן אויסדרוק די אינערלעכע גייסטיקע פרייהייט פונעם פאָלק, וועלכעס האָט אין זיך געטראָגן טיף באַהאַלטן זיין ספּעציפיש זעלבשטענדיק אייגנאַרטיק לעבן, וועלכעס עס האָט אין א גרויסער מאָס אָפּגעהיט אויך אין גלות, און בכדי צו פאַרווירקלעכן די ספּעציפישע אידעאַלן, וועלכע דאָס יידישע פאָלק און אירע טרעגער האָבן געשטרעבט זיי צו פאַרווירקלעכן.

און באָך איין זאך: איינפלאַנצן דעם באַוווסטזיין, אַז די באפרייאונג

דאַרף זיין א באפרייאונג נישט בלויז פאר יחידים, וועלכע מען מוז נעבעך אויסלייזן פון זייערע צרות, פון זייערע געפארן. מען דארף דאָס גאנצע פאָלק אויסלייזן, און באזונדערס דווקא די טיילן פונעם פאָלק, וועלכע עס דראָט נישט קיין געפאר פון פיזישן אונטערגאנג, אָבער עס דראָט זיי דעריבער מער די געפאר פון גייס־טיקן אונטערגאנג, פון פולקאָמער אסימילאציע, פון שמד, פון געמישטע חתונות, פון אָפּרייסן זיך פון דעם יידישן פאָלק.

— * —

עס דראָט אזא געפאר. דער געדאנקען־גאַנג, אז מדינת ישראל קומט ענטפערן בלויז אויף צרות־ישראל, פאַרגעסנדיק, אז מדינת ישראל דארף הויפּט־זעכלעך ברענגען גאולת־ישראל, זיין גייסטיקע באפרייאונג, בכדי צו קאָנען זיין יידן, בכדי דאָס יידישע פאָלק זאָל קאָנען עקזיסטירן אלס אזעלכעס — האָט גע־ברענגט דערצו, אז גרויסע טיילן פונעם יידישן פאָלק אין אמעריקע און אין אנדערע פרייע לענדער פילן נישט די בויט אין באדערפעניש צו ווערן אויסגע־לייזט, ווייל קיין צרות, ברוך־השם, האָבן זיי נישט. פון צרות דארפן זיי זיך נישט אויסלייזן און צוריקגעווינען די אינערלעכע גייסטיק־ספּעציפישע יידישע פריי־הייט — פילן זיי נישט קיין באַדערפעניש. זיי זענען גרייט צו העלפן די יידן, וועלכע דארפן זיך אויסלייזן פון צרות. אָבער נישט מער.

— * —

דאָ שטעקט א גרויסע געפאר. מדינת ישראל וועט ראטעווען יידן פון צרות, אָבער זי וועט נישט צוריקגעבן די פרייהייט דעם פאָלק.

און גויים הייבן טאַקע אָן אַזוי צו פארשטיין דעם גאנצן ענין פון מדינת ישראל: זי איז געשאפן געוואָרן נאָר פאר יידן, וועלכע מען האָט געמוזט אויס־לייזן פון זייערע צרות, אָבער יידן אין אמעריקע האָבן דערמיט נישט צו טאָן. זיי גייט עס נישט אָן. זיי דאַרפן זיך נישט זען אלס טייל פון דעם באפרייטן פאָלק אין ציון. ווייל זיי דאַרפן דאָך נישט האָבן די באפרייאונג. און דעריבער העלפן יידן אין ישראל — אדרבה. דאָס קאָנען אויך נישט־יידן. אָבער זען מדינת ישראל אלס זייערס, אלס א נויטווענדיקייט פאר זייער באַפרייאונג — דאָס נישט.

ה.

כדי דער אָנפאנג פון דער גאולה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, זאָל פירן צו דער גאולה שלימה, דארף מען געדענקען פאָלגענדעס:

א) מדינת ישראל איז נישט א רעזולטאט בלויז פון צרות ישראל, נאָר א רעזולטאָט פון דעם אייביקן אומדערשיטערלעכן ווילן פון דעם יידישן פאָלק צו עקזיסטירן און אָפּהיטן זיין אינערלעכע גייסטיקע ספּעציפישע פרייהייט און לעבנס־אייגנארטיקייט. די צרות זענען בעצם א רעזולטאט פון דעם לעבנס־ווילן, פון דעם פרייהייטס־ווילן. וואָלטן יידן מסכים געווען דאָס אויפצוגעבן, מוותר זיין אויף דעם — וואָלטן זיי קיין צרות נישט געהאט.

ב) מדינת ישראל דארף געבן לעבנס־מעגלעכקייט און פערזענלעכע פרייהייט יעדן מענטשן, וועלכער לעבט אין איר, אָבער דער ציל פון מדינת ישראל איז צו פאַרווירקלעכן דעם חזון־ישראל פאר זיך און פאַר דער גאנצער וועלט.

ג) די יידישע מדינה איז נישט די מדינה נאָר פון די יידן, וועלכע האָבן געזוכט א לעזונג פאר זייערע צרות, נאָר זי איז פאר דעם גאנצן יידישן פאָלק, בכדי אים צו פארזיכערן זיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און זיין לעבנס־אייגנארטי־קייט.

ד) דער אינהאלט פון מדינת ישראל פאָדערט, אז דער לעבנס־וועג אירער זאָל זיין אין איינקלאנג מיט דער יידישער תורה, איר לעבנס־וועג, מיט דער יידישער נבואה, מיט דער יידישער הלכה, מיט דער יידישער אגדה, מאָראַל און אידעאלן פונעם יידנטום.

מיט איין וואָרט: מדינת ישראל דארף זיין די טרעגערין און פאַרווירק־לעכערין פון די יידישע אידעאלן. און די יידישע אידעאלן זענען נאָר די, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דער יידישער תורה שבכתב און תורה שבעל־פה.

וועט מדינת ישראל זיין די טרעגערין און פאַרווירקלעכערין פון די אידעאלן, וועט דער אָנהויב פון דער גאולה פירן צו אַ גאולה שלימה, צו א פול־קאָמער גאולה.

זמן מתן תורתנו

יום־טוב שבועות איז ביי אונז א יום־טוב ווען מען האָט אונז געגעבן אונזער תורה. אין דעם באַשטייט אין אמתן דער גאנצער אונטערשיד צווישן אונז און דער גאנצער וועלט. אלע אנדערע האָבן געטער, וועלכע זיי אליין באַשאַפן און האָבן תורות, וועלכע זיי אליין פאַרפאַסן. מיר האָבן א גאָט, וועלכער האָט אונז באַשאַפן און א תורה, וועלכע דער כביכול האָט אונז געגעבן.

— * —

צווישן אונז און דער נישט־יידישער וועלט גייט אָן דער געראַנגל נאָך פון אברהם אבינוס צייטן. פאַר אברהם אבינו האָט יעדער געשאַפן געטער: תרח, נמרוד א.א. אברהם האָט זיך קעגנגעשטעלט די געשאַפענע געטער און אויך קעגן די שאַפער פון די געטער. די געטער האָט ער צעשמעטערט און קעגן זייערע שעפער האָט ער רעוואָלטירט ביז ער האָט געמוזט גיין קיין ארץ ישראל, וווּ ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיין־אונזער אמונה, אז גאָט האָט אונז באַשאַפן, אז מיר זענען באַשעפענישן און נישט גאָט, אז גאָט האָט אונז א תורה געגעבן און נישט מיר האָבן א תורה פאַרפאַסט.

— * —

משה רבינו האָט מקבל געווען (גענומען) די תורה פון נותן התורה. ער איז נישט געווען קיין נותן התורה, נישט קיין מחוקק, נאָר א שליח. ער האָט גענומען די תורה פון כביכול און זי שפּעטער איבערגעגעבן יהושע א.א.וו.

דאָס יידישע פאָלק האָט נישט געשאַפן די תורה, דעם תנ"ך. פאַרקערט: די תורה האָט געשאַפן דאָס יידישע פאָלק, אויספאָרמירט זיין גייסטיקע פיזיאָ־נאָמיע און זיין טאָג־טעגלעכן לעבנס־אַרט. דער תנ"ך איז געווען און איז דער לעבנס־וועג־ווייזער פאַר יעדן ייד און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

דאָס איז דער גרויסער אמת און דער גרויסער סוד פון דער אייביקער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק. ווייל ער האָט זיך נישט געשאַפן קיין גאָט, ווייל ער האָט זיך נישט געגעבן קיין תורה — איז זיין עקזיסטענץ אומשטערב־לעך, אייביק, אזוי ווי די אייביקייט פון כביכול, וואָס האָט די וועלט באַשאַפן, וועלכער האָט אונז א תורה געגעבן.

וואָלטן מיר חלילה געווען געגאַנגען אין די אלטע וועגן פון פאַר אברהם אבינו, פון תרח און נמרוד, און מיר וואָלטן זיך געשאַפן געטער, וואָלטן מיר אונטערגעגאַנגען צוגלייך מיט די געטער, וועלכע מיר וואָלטן געשאַפן; וואָלטן מיר זיך אליין א תורה געגעבן — וואָלטן מיר אונטערגעגאנגען צוזאַמען מיט דער תורה, וועלכע מיר וואָלטן געשאַפן.

א גאָט, וועלכן א מענטש שאַפט אים, איז דאָך ניט מער ווי אַ געשאַפענער גאָט, וועלכער גייט אונטער און שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיט זיין שעפער. א תורה, וועלכע אַ מענטש שאפט, איז אַ געשאַפענע תורה און גייט אונטער מיטן טויט פון איר שעפער.

עס פעלט זיי ביידע אייביקייט. ווייל אויב זייער שעפער איז נישט קיין אייביקייט און דער מענטש איז דאָך אוודאי נישט אייביקייט — קאָנען זיי דאָך נישט זיין אייביקייט.

אַ גאָט, וועלכער דער מענטש שאפט, קאָן נישט זיין איינציק און אליין. כמעט ווי די צאָל מענטשן — די צאָל געטער. אויב מענטשן קאָנען שאפן געטער, האָט דאָך יעדער מענטש רעכט צו שאַפן פאַר זיך א גאָט; אויב מענטשן האָבן רעכט צו מאכן תורות, האָט דאָך יעדער מענטש דאָס רעכט צו מאַכן א תורה. א סך מענטשן — א סך געטער, א סך מענטשן — א סך תורות. און נישט בלויז די מענטשן קריגן זיך און שלאָגן זיך און ווילן אייבשליגגען איינער דעם צווייטן, נאָר אויך די געטער און די תורות קריגן זיך און שלאָגן זיך. דאָס הייסט, די שעפער פון די געטער און פון די תורות שלאָגן זיך כלומרשט אין נאָמען פון די געטער און די תורות, וועלכע זיי אליין האָבן באשאפן. — דאָס איז געצנדינערייַ.

— * —

נאָר יידן, וועלכע גלויבן אין גאָט, גלויבן אין איין איינציקן גאָט, זענען קעגן יעדן שפור פון געצנדינערייַ. אָנערקענען לעבנס־רעכט און לעבנס־פליכט פאַר אלעם, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, ווייל מיר זענען נישט פאַר זיך קיין רעכט אוועקצורויבן די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון וועמען עס איז און פון וואָס עס עקזיסטירט, וועמען גאָט האָט באשאפן, צוגלייך אזוי ווי ער האָט אונז באשאפן אלס טייל פון דעם עקזיסטירנדן.

דעריבער זענען יידן די אייביקע טרעגער פונעם וועלט־שלום, פון די אידעאַלן פון שלום, גלייכהייט און עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון יעדן באשעפעניש. ווייל נישט מיר האָבן עפעס באשאפן, וועלכע זאָל אונז געבן רעכט דאָס צו פארניכטן.

דער אונטערשייד צווישן אונז און אנדערע דריקט זיך דעריבער אויס אין אָט דעם איינאיינציקן וואָרט מתן — זמן מתן תורתנו. ווען מיר רופן אונזער יום־טוב שבועות זמן מתן תורתנו, שטרייכן מיר דערמיט אונטער אונזער גאנצן וועזנטלעכן אינהאלט: מיר האָבן קיין גאָט באשאפן, קיין תורה פארפאסט. אונז האָט גאָט באשאפן אלס א טייל פון דער גאנצער באשאַפונג, גאָט האָט אונז א תורה געגעבן. דעריבער זענען מיר אייביק און אונזער תורה איז אייביק, אזוי ווי כביכול איז אייביק און אזוי ווי די גאנצע בריאה איז אייביק.

— * —

דאָס געזאָגטע געהערט נישט בלויז צו היסטאָריע, צו דער פארגאנגענהייט. דאָס האָט צו טאָן אויך מיטן היינט, מיט אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

אויך היינט גייט אָן דער געראַנגל צווישן געשאַפענע געטער, געשאַפענע תורות. דער געראַנגל גייט אָן צווישן אונז יידן מאמינים בני מאמינים אין „בראשית ברא אלקים", אַז אויך דעם ראשית האָט כביכול געשאַפן; צווישן אונז מאמינים בני־מאמינים אין דער תורה פון נותן התורה און צווישן די, וועלכע שאַפן זיך יעדן טאָג נייע געטער און נייע תורות אונטער פאַרשידענע נעמען: דעמאָקראַטיע, דיקטאַטור, פּאַרלאַמענטאַריזם, קאָמוניזם, כנעניזם, אַרבעטער־היינטאיזם, מאַרגנאיזם ביז מען קומט צו איד׳איזם און מיינאיזם... וועלכע באַרעכטיקן אָוועקצוּרויבן די לעבנס־רעכט פון אַנדערע.

וואָרום וואָס איז דען די הויפּט־סיבה פון דער גאַנצער גייסטיקער, מאָראַלישער און געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער געפאַלנקייט, אין וועלכע מיר שטויסן זיך אָן יעדן טאָג, אויף יעדן שריט, ווי דאָס, וואָס יעדער איינער האַלט זיך נישט בלויז פאַר א גאָט, נאָר פאַר א שעפער פון גאָט־געטער. ער מוז דאָך היטן זיין גאָט, וועלכן ער האָט באַשאַפן קעגן די געטער, וועלכע אַנדערע האָבן באַשאַפן, און קאָנען קען ער דאָס טאָן, נאָר ווען ער וועט מאַכן דעם באַשעפער פון דעם צווייטן גאָט פאַר אויס שאַפער, פאַר אויס מאַכער...

נישט בחינם זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: ער איז אויס מאַכער. פון אָט דער מאַכעריי פון געטער און פון תורות קומען אַלע צרות, אַלע אומגליקן.

— * —

אונזער גליק איז, וואָס מיר האָבן נישט געשאַפן קיין גאָט, קיין תורה. גאָט האָט אונז באַשאַפן צוגלייך ווי ער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט. ער האָט אונז געגעבן די תורה, וועלכע האָט געשאַפן אונזער גייסטיק־מאָראַלישע רעליגיעזע און עטישע פיזיאָנאָמיע.

דעריבער איז ביי אונז דער טאָג, ווען מען האָט אונז געגעבן די תורה, א יום־טוב, א שמחה, מיר פרייען זיך מיט דעם באַשעפער און מיט זיין תורה. זמן מתן תורתנו.

באראָן ראָטשילד „אָנערקענט נישט מער דאָס יידישע פאָלק"

„די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך אויפלייזן און די אַלע יידן, וואָס ווילן בלייבן אויסער די גרענעצן פון מדינת ישראל, מוזן זיך קעגנ־שטעלן יעדן באַגריף וועגן אַן „איינהייטלעך יידיש פאָלק" — האָט דערקלערט באַראָן ראָטשילד אין אַ אינטערוויו מיט „יונייטעד פּרעס".

א.

באַראָן ראָטשילדס „קלוגע" עצה זיך אַנטקעגנצושטעלן יעדן באַגריף וועגן אַן „איינהייטלעך" יידיש פאָלק, דערמאָנט אַ פאָלקס־מעשה, וואָס מען דערציילט:

אין דער השכלה־עפּאָכע איז מען זיך צונויפגעקומען אין אַ שטוב פון אַ בעל־מלאכה, וועלכער פלעגט פאַרנאַכט גיין צו מנחה־מעריב, און דאָרט לער־נען „חיי אדם" און אַ פּרק משניות. דער זון, וועלכער האָט שוין געהערט צו די משכילים אין שטאָט, האָט אויסגענוצט די צייט פון מנחה־מעריב און געשטעלט אין רשות פון די שטעטלדיקע משכילים די וווינונג פון זיין פאָטער.

אין מיטן דערינען איז געקומען זיין פאָטער פון בית־המדרש און גע־טראָפן די משכילים פירן אַ וויכוח, צי עס איז דאָ אַ רבונו של עולם, ווער האָט באַשאַפן די וועלט א.א.וו.

דער פאָטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט נישט שטערנדיק דעם גאַנג פון די וויכוחים. צום סוף האָבן די אַנוועזנדע משכילים געשטעלט צו אַפּשטי־מונג: צי עס איז דאָ אַ רבונו של עולם.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַפּשטימונג איז געווען אַ נעגאַטיווע און אַן איינהייטלעכע.

נאָך דער אַפּשטימונג שטעלט זיך אויף דער פאָטער, דער פּשוטער בעל־מלאכה און בעט אַ וואָרט. ווען ער האָט דאָס וואָרט באַקומען, האָט ער הויך אויסגערופן: און איך זאָג אייך, קינדערלעך, אַז טראָץ אייער אַפּשטימונג — איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!...

דאָס זעלבע וויל זיך אויסרופן צו באַראָן ראָטשילד: טראָץ דיין נישט אָנערקענען דאָס יידישע פאָלק אַלס איינהייטלעך יידיש פאָלק עקזיסטירט עס דאָך אַלס אזעלכעס!

ב.

האָט איר שוין אַמאָל געהערט, אַז מען זאָל פּראָקלאַמירן וועגן אַ פאָלק, וואָס עס עקזיסטירט נישט — אַז עס עקזיסטירט נישט? וואָלטן מיר נישט עקזיס־

טירט אַלס אייגהייטלעך יידיש פאָלק, וואָלט אונזער ליבער באַראָן ראָטשילד, וועלכער האַלט זיך נאָך אפילו פאַר א ציוניסט — נישט געקענט פראָקלאַמירן קיין גאונישן איינפאַל, אַז ער אָנערקענט נישט די אייגהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק.

רעדן וועגן א נישט עקזיסטירנדיק פאָלק, אַז עס עקזיסטירט נישט, איז דאָך איבעריק.

דעריבער איז טאַקע אַ גרויס רחמנות אויף אונזער גייסטיק־אָרעמען באַראָן ראָטשילד, וואָס וואָלט נעבעך זייער נישט געוואָלט, מען זאָל אים זאָגן, אַז ער איז א זון פון דעם אייגהייטלעכן יידישן פאָלק, וואָס עקזיסטירט אלס אַזעלכעס, טראָץ זיין דערקלערונג, און וועט ווייטער אייביק עקזיסטירן כל זמן עס וועט נאָר עקזיסטירן אפילו איינאונאיינציקער ייד. דער איינאונאיינציקער ייד וועט זיין טאַקע באַראָן ראָטשילד זעלבסט.

— * —

די עקזיסטענץ און אייגהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק און די אָנגעהעריקייט פון יעדן ייד צו דעם יידישן פאָלק איז אבסאָלוט נישט אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דעם יחיד אָדער פון א צווייטן, מעג ער אפילו זיין באַראָן ראָטשילד. עס איז אפילו נישט אָפּהענגיק פון דער אויפפירונג פון דעם אָדער יענעם יחיד, ווען אפילו ער פירט זיך אין זיין לעבן פונקט קאַפּויער צום וועזנטלעכן אינהאַלט פונעם יידישן פאָלק, אפילו ווען ער ווירקט קעגן די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק — טראָץ דעם אלעם פאַרבלייבט ער אַן אָנגעהעריקער צום יידישן פאָלק, א זון פונעם יידישן פאָלק, אַ שלעכטער זון, אפילו א פאַררעטער — אָבער דאָך א ייד.

אזוי איז עס היסטאָריש. דאָס איז נישט בלויז אַ מיסטעריעזע אויפפאסונג, ווייל אזוי לערנט אונז די יידישע תורה, די יידישע הלכה, נאָר אזוי איז עס פּאַקטיש.

ג.

מיר קאָנען האָבן מיטלייד מיטן באַראָן ראָטשילד, וואָס ער מוז „נעבעך" געהערן צום אייגהייטלעכן יידישן פאָלק — אָבער מיר קאָנען אים גאָרנישט העלפן: עם ישראל חי וקיים! און ווען ער זאָל אפילו שרייען פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין אייגהייטלעך יידיש פאָלק, וועט עס אים גאָרנישט העלפן, נישט ביי די גויים (און פאַר זיי איז ער דאָך בעיקר אויסן מיט זיין פּראָקלאַמאציע) און נישט פאַר זיך זעלבסט. די גויים וועלן קיינמאָל נישט אָנערקענען זיין גוישקייט. אזוי ווי זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט אָנערקענען ביז איצט. און זיין נשמה וועט אים אויך נישט צורו לאָזן און אים מאַטערן טאָג און נאַכט און אין אים אויפוועקן דאָס פּינטעלע ייד, וועלכעס איז ביי אים באהאַלטן ערגעץ ווו אין דער טיפעניש פון זיין נשמה.

די עקזיסטענץ פון דער „יידישער אייגהייטלעכקייט", פון „אחינו־בני־

ישראל" אלס איין פאָלק איז א היסטאָרישער פאַקט, אפילו, ווען עס האָט אונז געפעלט דער הויפּט־אַטריבוט: א לאַנד, א מדינה. לאַ־כל־שכן איצט, ווען מיר האָבן ברוך השם זוכה געווען צוריקצוקומען אין אונזער אַלט־ניי־לאַנד, צוריק צו ווערן א זעלבשטענדיקע מדינה — איז דאָך אוודאי און אוודאי לעכערלעך צו שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן אונזער איינהייטלעכע עקזיסטענץ.

ד.

אוודאי קאָן מען קומען און טענהן: דווקא איצט, ווייל יידן זענען שוין קאָנצענטרירט אין זייער אייגן לאַנד און האָבן זייער אייגענע זעלבשטענדיקע מדינה — האָט די יידישע איינהייטלעכקייט געפינען אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. און דעריבער זענען נאָר די יידן, וועלכע וווינען אין ישראל, אָנגע־העריקע פונעם יידישן איינהייטלעכן ישראל־פאָלק. אָבער די יידן אין דער גאַנצער וועלט געהערן נישט צו דעם ישראל־פאָלק.

אוודאי קאָן מען אזוי טענהן. די טענה איז אָבער פאַלש. דאָס יידישע פאָלק און זיין איינהייטלעכקייט־עקזיסטענץ איז נישט אָפּהענגיק פון דער מלוכהשער־ראַם דווקא, פון דער מדינה. וואָלט באַראָן ראָטשילד זיך געפילט אלס רעליגיעזער ייד, וואָלט ער געוווּסט, אַז די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק איז נישט אָפּהענגיק פון קיין שום באַדינגונגען. אַז זיין עקזיסטענץ אַלס איינ־הייטלעך יידיש פאָלק איז אזוי דויערבאַר ווי די עקזיסטענץ פון הימל און ערד. אָבער אויך פאַר א נישט־רעליגיעזן ייד שטייט דאָך דער היסטאָרישער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק אָן די באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אנדערע פעלקער. עס איז דאָך א היסטאָרישער פאַקט, אַז אנדערע פעלקער, וועלכע האָבן נישט געהאַט די באַדינגונגען, וועלכע עס פאָדערן זיך פאַר אַן עקזיסטענץ פון א פאָלק, זענען אראָפּ פון דער וועלט־אַרענע, און מיר האָבן באַדינגונגסלאָז אָנגעהאַלטן אונזער עקזיסטענץ, ביז מיר האָבן זוכה געווען צו מדינת ישראל, וועלכע שאַפט ווידער פאַר אונז אויך באַ־דינגונגען פון נאָרמאַלער נאַציאָנאַלער, מלוכהשער, עקאָנאָמישער און גייסטיק־זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ.

נאָך מער: נישט בלויז דאָס פאָלק אלס אזעלכעס האָט אָנגעהאַלטן זיין עקזיסטענץ נישט האָבנדיק קיין אייגענע מדינה, אָן אייגן לאַנד. אפילו די יחידים, וועלכע האָבן זיך געוואָלט דערווייטערן פונעם יידישן פאָלק דורך אסימילירן זיך אין פרעמדע שפּראַכן, פרעמדן לעבנס־אַרט א.א.וו. האָט עס זיי נישט געהאָלפן. נישט די גויים האָבן זיי אָנערקענט אלס גויים און נישט זיי אליין האָבן געקענט איינגאַנצן איבעררייסן דעם פאָדעם מיט דעם יידישן פאָלק. שטענדיק האָבן זיי עפּעס וואָס פון יידישקייט אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, עפּעס וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק.

ווייל די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק איז נישט אָפּהענגיק פון קיין שום באַדינגונגען, אפילו נישט פון ארץ ישראל. אוודאי, ווען מיר האָבן אַן אייגן

לאַנד, איז אונזער עקזיסטענץ נאָרמאַלער, באַזונדערס אין גייסטיק־אייגנאַרטיקן זין. מיר האָבן דאָן די מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וועלכע זענען אַ וועזנטלעכער טייל פון יידישקייט, פון דער יידישער נשמה.

ה.

דאָס יידישע פאָלק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס פאָלק אין דער מדבר סיני, ביי מתן תורה און אַלס אַזעלכעס איז עס געווען ביז עס איז געקומען אין ארץ ישראל, נאָך בעת עס האָט געוואַנדערט אין דער מדבר; אַלס אַזעלכעס האָט עס עקזיסטירט אין ארץ ישראל; אַלס אַזעלכעס האָט עס עקזיסטירט אין בבל, און דאָן ווידער אין ארץ ישראל, און אַלס אַזעלכעס עקזיסטירט עס צוויי טויזנט יאָר, זייענדיק צעשפּרייט און צעזייט איבער שבעה ימים.

די עקזיסטענץ פון אַן איינהייטלעך יידיש פאָלק איז אַ געטלעך־היס־טאָרישער פאַקט.

אונזערע חז״ל זאָגן אונז: אמר הקדוש ברוך הוא לישראל: אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם. אף אני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם. שנאמר: אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד!

דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו יידן: איר האָט מיך געמאַכט אַלס איינהייט אין דער וועלט. אויך איך וועל אייך מאַכן פאַר אַן איינהייט אין דער וועלט. אַזוי ווי עס שטייט: דו ביסט איינער און דיין נאָמען איז איינער, און ווער נאָך ווי דיין פאָלק איז אַן איינהייטלעך פאָלק אויף דער ערד.

ו.

נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל קלינגט די צווייטע דערקלערונג פון באַראָן ראָטשילד: „איך בין געווען אַ ציוניסט און זינט דאָן האָב איך זיך נישט גע־ענדערט״.

אַ ציוניסט און אָנערקענט נישט די איינהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק. ווי משונהדיק דאָס קלינגט!

דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער וועזנטלעכער אינהאַלט פונעם ציוניזם באַ־שטייט אין דעם פּרינציפּ: אַז דאָס יידישע פאָלק, טראָץ זיין צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט איבער דער גאַנצער וועלט, עקזיסטירט עס דאָך אַלס איינהייט־לעך־פאָלק. יידן, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט, קאָנען זיין די גע־טרייסטע בירגער פון זייער מדינה, אַזוי לאַנג ווי די מדינה רעספּעקטירט זייער רעכט גלייך ווי די רעכט פון אַלע בירגער, אָבער גלייכצייטיק זענען מיר אַלע אָנגעהעריקע צום יידישן פאָלק. זייענדיק אין פרעמדע מדינות, האָבן מיר נישט געשאַפן „קיין מדינה אין דער מדינה״, מיר זענען געווען געטרייע זין פון דער מדינה, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט, אָבער מיר זענען פאַרבליבן „גוי בתוך גוי״ — אַ פאָלק, אַ באַזונדערס זייענדיק צווישן אַנדערע פעלקער.

אין דעם איז בעצם באַשטאַנען דער נס פון יציאת־מצרים: „או הנסה אלקים לקחת גוי מתוך גוי״. אויך אין מצרים זענען מיר שוין געווען אַ באַזונדער

פאָלק לעבנדיק אינעם מצרישן פאָלק. און פון דעמאָלסט אָן, וואנדערנדיק, זענען מיר שטענדיק „גוי בתוך גוי״. און עס וועט אונז גאָרנישט העלפן, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט.

דער ציוניזם האָט נאָר געוואָלט (און דאָס איז אים א געוויסער מאָס געלונגען) קאָנצענטרירן דאָס פאָלק אין זיין אייגענעם לאנד, בכדי עס זאָל נישט דאַרפן זיין א „גוי בתוך גוי״, נאָר יידן אין ארץ ישראל.

ארץ ישראל, מדינת ישראל זענען אָבער נישט געשאפן געוואָרן, בכדי צו מאַכן א סוף צו דער איינהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק, וואָס דער גרעסטער טייל פון אים איז נאָך פאַרבליבן זיצן אין גלות, אין חוץ־לארץ.

די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל איז עס גאָרנישט בכוח צו מאַכן, ווען אפילו זי וואָלט עס געוואָלט. דאָס וואָס עס איז נישט געלונגען די גרעסטע קעגנער פון דער עקזיסטענץ פונעם איינהייטלעכן יידישן פאָלק — וועט אוודאי און אוודאי נישט געלונגען מדינת ישראל... זי שטרעבט גאָרנישט צו דעם. פאַרקערט: זי איז אויף דער וועלט ווידער געקומען, בכדי דעם א־ינהייטלעכן יידישן פאָלק צוריקגעבן זיין נאָרמאלער עקזיסטענץ.

ראָטשילדס ציוניזם איז אינעם וועזנטלעכן איגהאַלט אנטי־ציוניסטיש.

צו די אלע ראָטשילדס אין חוץ־לארץ, ווי אויך אין מדינת ישראל (און עס זענען ליידער פאראן אזעלכע), דאַרף מען דערמאָנען די רייד פונעם נביא יחזקאל: והעולה על רוחם היה לא תהיה!

ווי זינגט מען אין ארץ ישראל: עם ישראל חי!

לאָמיר תשובה טאָן!

א.

דער באַגריף תשובה ביי יידן איז אַנדערש אין גרונט־געדאנק ווי ביי אנדערע פעלקער. אין דער צייט, ווען ביי אנדערע פעלקער דריקט זיך אויס תשובה אין ווידוי אליין, איז ביי אונז יידן ווידוי נאָר איין עלעמענט אין דעם באגריף תשובה. אין דער צייט, ווען ביי אַלע פעלקער איז געננוג, ווען מען איז זונטיק מתוודה פארן גלח און ער, דער גלח, איז מכפר אויף זיינע זינד און דער ווידוי־זאָגער קאָן שוין ווייטער זינדיקן אַ גאנצע וואָך ביז דעם צווייטן זונטיק, איז ביי אונז יידן תשובה פאַרבונדן מיט פארלאָזן גענצלעך און אבסאָלוט דעם שלעכטן לעבנס־וועג, אויף וועלכן מען איז געגאנגען און אָנהויבן אַ נייעם לעבנס־וועג פון גוטס. „סור מרע ועשה טוב״, אַוועק פון שלעכטס און טאָן גוטס, דאָס הייסט טאָן תשובה ביי יידן. ווידוי דאַרף מען זאָגן שטילערהייט פאַר זיך, מאַכן זיך זעלבסט דעם חשבון הנפש.

נישטאָ ווער עס זאָל מכפר זיין אויף דעם מענטשנס עבירות. פאַר דעם רב איז מען זיך נישט מתוודה, ער איז נישט מכפר. ווען מען איז זיך מזכיר ביי א רב אָדער ביי א רבין איז עס נישט דערפאַר, ווייל דער רב אָדער רבי קען מכפר זיין אויף די עבירות, נאָר כדי דער רבי זאָל צוגעבן מוט צו פאַרלאָזן דעם שלעכטן לעבנס־וועג און אָנהויבן אַ נייעם גוטן לעבנס־וועג.

ווען עמעצער טראַכט, אַז דורך ווידוי האָט ער שוין יוצא געווען און אז עס איז ווער פאַר אים מכפר די עבירות — איז ער, ווי די גמרא זאָגט, א „טובל ושרץ בידו״, ווי אייגער איז זיך טובל און האַלט א שרץ אין דער האַנט.

נאָר דער מענטש אליין קאָן אויף זיך מכפר זיין, דורך תשובה טאָן. „יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו״. דער רשע דאַרף פאַרלאָזן זיין וועג און דער זינדיקער מענטש זיינע געדאנקען. צוזאַמען מיטן פאַרלאָזן די שלעכטע מעשים דאַרף ער ענדערן אויך זיין גאַנצן געדאנקען־גאנג. ווייל, ווי זאָגן חסידים, ווו עס איז דער געדאנק פון מענטש — דאָרט איז דער גאנצער מענטש.

ב.

דער ענין פון תשובה ביי יידן האָט אָבער נאָך עטלעכע גרונט־יסודות. צווישן זיי:

א) אז דאָס שלעכטס איז נאָר אן אויסערלעכע זאך. ער איז פארבלענדט געוואָרן פון דער אויסערלעכער זייט פון דער שלעכטקייט, וועלכע האָט פיל מאָל א זייער שטאַרקן רייץ און עס דאַכט זיך דעם מענטש, אַז אָט דער רייץ האָט אין זיך גוטסקייט און שיינקייט, נישט בלויז אויסערלעכע.

חסידים זאָגן: דער מענטש איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די „חיצונים"...

ב) אז דאָס גוטע ליגט איינגעוואָרצלט טיף אין דער נשמה פון דעם מענטש און אז דער מענטש מוז נישט זיין שלעכט. ער האָט די בחירה, דעם אויסוואַל. ער קען זיין גוט פונקט אזוי ווי ער איז שלעכט, ווי ער וויל. און דער־ריבער, דער מענטש אליין באשליסט זיך צו באַפרייען פון דעם אויסערלעכן איינפלוס, פון די חיצונים און זיך צוהערן צו דעם אינערלעכן רוף פונעם הארץ, צו זיין דאָס, וואָס ער איז אין גרונט גענומען — א מענטש. און דער אונטערשיד פונעם מענטש ביז דער בהמה און חיה איז דאָך נאָר דער פרייער ווילן פונעם מענטש צו זיין, וואָס ער וויל און נישט נאָכגיין בלינד און לאָזן זיך פאַר־בלענדן פון דעם אויסערלעכן גלאַנץ און אינערלעכן עגאָאיזם און רשעות, וואָס געפינט זיך אויך ביים מענטש נישט אין קיין קלענער מאָס.

תשובה ביי יידן הייסט דער גלויבן און טיפע איבערצייגונג, אַז עס ליגט אין דעם מענטשנס האַנט גוט צו מאַכן, צוריקגיין צום יסוד און עיקר פונעם מענטש, מיט וועלכן ער אונטערשיידט זיך פון אנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן. דאָס הייסט: ער קען וועלן זיין גוט און ער קען זיין גוט. קיין שום תורות פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קאָנען נישט ענדערן דעם פשוטן פאַקט, אז דער מענטש האָט די בחירה, ער דאַרף זיך נאָר א ביסל פאַרטיפן אין זיך זעלבסט.

ממעמקים קראתיך ד'!

ג) תשובה הויבט זיך אָן ביים יחיד, ביים איינצלנעם מענטש, אָבער תשובה נעמט אויך אַרום די געזעלשאַפט, די מדינה, די רעגירונג. אונזערע חכמים האָבן געוווּסט, אז די אַטמאָספערע ארום, דער געזעלשאַפטלעכער רעזשים, די פירונג פון דער הויכער געזעלשאַפט, אָדער ווי מען האָט עס אמאָל גערופן „די הויכע פענצטער" — דאָס אלץ האָט א השפּעה, אַן איינפלוס אויך אויף דעם איינצלנעם מענטש. מען קאָן נישט מבטל מאַכן די „חיצונים", דעם אויסערלעכן איינפלוס מיט רעדן דורך פאַרשידענע שפּראַכן. און ווען די געזעלשאַפט, די מדינה, די רעגירונג וויל, אַז יעדער איינצלנער מענטש זאָל זיין גוט און פרום, מוז מען שאַפן אַזא רעזשים, אַזא אַטמאָספער, אַזא געזעלשאַפטלעך־געזעצלעכן לעבנס־אַרט, אַז די געזעלשאַפט זאָל מיטהעלפן דעם יחיד, דעם איינצלנעם מענטש גוט צו זיין, ער זאָל זיך קאָנען שטאַרקן און זיך באַפרייען פון די חיצו־נים. און די געזעלשאַפט, די מדינה, די רעגירונג, די „הויכע פענצטער" זענען א טייל פון אָט די חיצונים, וועלכע דער מענטש — ווען ער וויל תשובה טאָן, גוט זיין — מוז קאָנען באַקעמפן און נישט לאָזן זיך באאיינפלוסן אפילו פון די חיצונים, אפילו ווען ער בלייבט שטיין איינער אליין. אזוי זאָגט מען אונז, פאַר־וואָס האָט מען גערופן אברהם אבינו, אברהם „העברי", ווייל ער איז געשטאַנען איינער אליין פון איין זייט און זיך נישט געלאָזט באאיינפלוסן פון דער מאַסע, וועלכע איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט.

נישט בחינם האָבן אונזערע נביאים מוסר געזאָגט, געשטראָפט נישט בלויז דעם יחיד, נאָר אין דער ערשטער ריי די „עיני־העדה", די פירערשאַפט, די מלכים, די שרים, די כוהנים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם לעבנס־וועג פון דער תורה סיי אין דער באַציאונג צום מענטש און סיי אין דער באַציאונג פון דערפילן די פליכטן צום רבונו־של־עולם.

ווייל טראָץ דעם, וואָס ביי אונז יידן פאַרנעמט דער יחיד דעם אויבן־אָן, זעט מען דאָך דעם יחיד נאָר אַלס אַ טייל פונעם כלל, פון וועמען ער דאַרף שעפּן כוח־הקודש.

און ווען דער כלל טויג נישט, שטייען מיר פאַר דעם פאַרכישופטן ראָד: דער יחיד איז משפיע אויפן כלל צום שלעכטן, ווייל דער כלל מיט זיין אָרדענונג ברענגט אים צו זיין שלעכטס. דער כלל איז משפיע אויפן יחיד צום שלעכטן, ווייל דער יחיד מיט זיין שלעכטן לעבנס־אָרט ווירקט אויף דער שלעכטקייט־אָרדע־נונג פון דער גאנצער געזעלשאַפט.

ווי זאָגט מען: יעדעס פאָלק האָט אזא רעזשים ווי זיינע קינדער ווילן. די קינדער פירן זיך ווי דאָס פאָלק דערציט זיי.

דעריבער רופט מען צו תשובה ביי יידן סיי דעם יחיד, סיי דעם רבים, אי דעם איינצלנעם מענטש, אי די געזעלשאַפט.

ד) יעדער חטא הויבט זיך אָן אי ביים יחיד, אי ביים כלל מיט איבער־שאַצן דעם אייגענעם איך. מיט דעם שטעלן העכער ווי אלץ דעם איך, דעם אינ־דיווידועלן איך פון דעם קאָלעקטיוון איך. דער איך כשרט אַלע פאַרברעכנס און איז זיי מוותר. דער איך מאַכט די פאַרברעכנס נישט בלויז פאַר אויס פאַרברעכנס. טיילמאָל מאַכט מען זיי אפילו פאַר מצוות.

דער חטא הויבט זיך אָן מיט דעם „אני ואפס עוד", איך און ווייטער קיינער. דאָס ברענגט צו אלדאָס בייז, צו אלדאָס שלעכטס.

דעריבער זאָגן טאַקע חסידים, אַז חודש אלול איז דער חודש פון תשובה. די אָנפאַנג־ווערטער פון אלול זענען: אני לדודי ודודי לי. טייטשן חסידים אני לדודי, אז מען גיט אוועק דעם אני, דעם איך לדודי, צום רבוני של עולם, איז דודי לי. ווי האָט מען געזאָגט אין קאָצק „אנכי עומד בין ד' וביניכם", דער אנכי, דער איך, שטייט און מאַכט א מחיצה, שאפט א וואנט צווישן אייך און דעם רבונו של עולם.

ג.

ווען מיר קומען אַלזאָ מאַכן א חשבון־הנפש צום נייעם יאָר פון אונזער לעבנס־וועג אין דער מדינה, וועלנדיק בעסער מאַכן פון היינט אָן, תשובה טאָן, דאַרף מען געדענקען דאָס אויבנדערמאָנטע וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון תשובה ביי יידן.

— * —

די ערשטע זאַך איז, וואָס מיר דאַרפן אלע געדענקען, אז עס מוז נישט

זיין אזוי ווי עס איז. עס קען בעסער זיין. מען דארף זיך אלזאָ נישט מתייאש זיין, נישט אריינפאלן אין פעסימיזם, אין פאַרצווייפלונג און זאָגן, אז אלץ איז חס־ושלום פארשפילט. מען קען שוין נישט בעסער מאכן און דעריבער, דעריבער ווערט מען בייז אויף דער מדינה און מען אנטלויפט פון איר, פונקט ווי מען שפרינגט נישט קיין קדוש, ווען מען איז בייז אויפן חזן. מען דארף געדענקען, אז עס ווענדעט זיך אין אונז זעלבסט, אין יעדן יחיד פון אונז. יעדער איינציגער פון אונז זאָל תשובה טאָן, ממילא וועט שוין נישט זיין שווער צו ברענגען דעם כלל ישראל תשובה צו טאָן.

די געזעלשאַפט זענען מיר. ווען מיר וועלן גוט מאכן אונזער לעבנס־ארט, וועט אונז קיינער נישט קאָנען שטערן אויף די געזעלשאַפט גוט צו מאכן.

די צווייטע זאך איז זען, וואָס זענען די פעלערן, וועלכע סיי מיר אלס יחידים, סיי די מדינה אלס גאנצע האָבן געזינדיקט און וועלכע האָבן געברענגט צו די שאָטן־זייטן.

— * —

דאַכט זיך, אז אייגער פון די הויפט־פעלערן איז געווען דאָס וועלן זיך אנלענען ביי פרעמדע טישן. מיט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה האָבן מיר באקומען א געוואלדיק פארמעגן, וועלכן די אראבער האָבן איבערגעלאָזט. אנ־שטאָט אָבער מיר זאָלן דאָס פארמעגן אויסנוצן אייינציק און אליין פאר נייע עולים, פאר איינאָרדענען זיי — איז זייער א גרויסער טייל פון דעם פארמעגן — אויב נישט דער גרעסטער טייל — אוועקגעגעבן געוואָרן די סטאבילע איינ־ווינער פון ישראל נאָך פון פארן באפרייאונגס־קריג און צו פארשידענע עקאָ־נאָמישע און פארטיי־געזעלשאפטן, ווייל מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו לעבן פון אַנדערע, פון פרעמדע.

אויך די געלטער, וועלכע מיר האָבן באקומען פון חוץ־לארץ, זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן בלויז פאר די מלוכהשע אינסטיטוציעס, זיי אויסצו־בויען און אויפצונעמען נייע עולים — נאָר א גרויסער טייל איז אַוועקגעגאנגען צו פאַרפעסטיקן עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס פון פאַרשידענע פאַרטייען א.א.וו., פאַר די אלט־איינגעזעסענע און א טייל בלויז פאַר די נייע עולים.

מיר זענען געוואָרן „סמוכים על שלחן אחרים", אָנגעשפּארט ביי פרעמדע טישן און אונזערע חכמים האָבן אונז שוין געזאָגט — אז דער, וואָס לעבט זיך אָן אויף פרעמדע, איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. ער לעבט נישט זיין אייגן לעבן. ער מוז, ווילנדיק נישט ווילנדיק, ארונטערפאלן פרעמדע השפעות, פּאָליטישע אָדער אנדערע.

און דערצו נאָך האָבן מיר זיך צוגעוווינט און געמיינט, אַז עס קומט אונז, אז פרעמדע זאָלן זאָרגן פאר אונז, אז פרעמדע זאָלן אונז העלפן; און פון

אונז האָבן זיך געלערנט אויך די נייע עולים. און ווען אמעריקע אָדער אמערי־קאַנער יידן האָבן פאַרקלענערט זייער הילף, בייזערן מיר זיך, האָבן מיר פּרעטענ־סיעס: הייתכן? ווייל עס איז טאַקע שלעכט. מיר האָבן זיך אָפּגעוווינט פון אליין ארבעטן, פון אליין פאַרדינען אונזער שטיקל ברויט. מיר, וואָס האָבן אין לעבן פאַרווירקלעכט דעם פּרינציפּ פון אייגענער ארבעט, עבודה עצמית, זענען מיר פּלוצים געוואָרן פוילענצער, עס גלוסט זיך נישט אליין צו ארבעטן. פעלדער ליגן פאַרנאַכלעסיקט, פּרדסים — פאַרוואָרלאָזט און נאָך און נאָך. און די פרעמדע ווערט אויך מיאוס אונז כסדר צו האלטן אויף קעסט. און אזוי ארום שאַפן זיך אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן אונז און אנדערע. מען הויבט אויך אָן זיך צו באַציען צו אונז ווי צו שלעפּער. און אלע אונזערע פאַרדינסטן האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרזען. „וחכמת המסכן בזויה".

אויף די אראַבער וואַרטן נאָר אויף דער מינוט, אז מיר זאָלן זיך עקאָ־נאָמיש צוזאמענפאַלן.

אויך אין די באַציאונגען פון אונז, פון איינעם צום צווייטן, איז פאַר־שווונדן די דערשיינונגען פון „עזרה הדדית", פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס איז אמאָל געווען א פאַרהיילקטער פּרינציפּ אין ארץ ישראל. אפילו צו די עולים איז נישטאָ די געהעריקע באַציאונג, ווייל אלץ כאַפּט, אלץ לעבט פון גרייטן, פון פרעמדע.

— * —

נישט ווייניקער האָבן מיר געזינדיקט מיט לאָזן זיך פאַרבלענדן די אויגן מיט אונזערע „מיליטערישע נצחונות" קעגן איבער די אראַבער. מיר האָבן אָנגעהויבן פון זיך צופיל צו האלטן. די גאנצע וועלט האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אונז ווי אויף א „וואונדער־קינד" און דאָס וואונדער־קינד האָט אָנגעהויבן צו קאָפּען, זיך אָנגעהויבן איינרעדן, אַז עס איז נישטאָ זיינס־גלייכן אין דער וועלט.

צום ערשטן איז עס געקומען צום אויסדרוק כלפּי די יידן אין חוץ־לארץ. מיר האָבן זיי אָנגעהויבן מבטל צו מאכן. זיי זענען נישט קיין ציוניסטן, זיי וועלן מיט דער צייט אונטערגיין א.א.וו. פון דאנען איז איין שפּרונג צו דער פּוסטער גאווה, אז אלץ הויבט זיך אָן מיט דער יידישער מדינה, דאָ הויבט מען אָן בויען אן „אנדער יידנטום"; פון דאנען די באַציאונג צו טראַדיציע, צו תורה און מצוות, צו מאָראלישע פּרינציפּן; פון דאנען איין שריט פון גרויסהאלטן זיך איינער קעגן צווייטן, מבטל מאכן דעם צווייטן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם אנדערן און פון דאנען איז גאָר נישט ווייט דער וועג פון שנאת־אחים, פייַנט האָבן די אייגענע ברידער, וועלכע טראַכטן אנדערש, ווי איך. און ביי אזא אַטמאָספער פון פּוסטער גאווה, פון נישט רעכענען זיך מיטן צווייטן, פון איבער־רייסן מיט די יידן אין גלות, מיט דעם היסטאָרישן פאָדעם, הויבן א סך אָן פייַנט האָבן דאָס אייגענע לאנד אפילו. עס הויבט זיך אָן א זוכעניש פון אָריענטאציעס

אויף פרעמדע. ווייל ביי זיך אין דער היים זעט מען נאָר שאָטן־זייטן, ביי זיך אין דער היים איז בלויז פּוסטקייט.

איז ווען די גאווה עסט אַלץ אויף, איז נישטאָ קיין בשותפותדיקע ברייטערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און מען זאָרגט פאַר זיך. יעדער כאַפּט, מען רעכנט זיך נישט מיט די געזעצן פון לאַנד. מען זעט די געזעצן נישט ווי זיי זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דעם ווילשטאַנד פון יעדן יחיד און פאַר דער מדינה צוזאַמען, נאָר ווי זיי וואָלטן געשאַפן צו דערנידעריקן דעם צווייטן, אויסדריקן אומצוטרוי צו די בירגער פון לאַנד און דאָס האָט באַלד אַ קעגנזייטיקע ווירקונג.

די פּוסטע איינערדעניש האָט אויך געבראַכט צום נישט־ריכטיקן און נישט־ערלעכן פאַרהאַלטן זיך כּלפּי די אַראַבישע איינוווינער אין לאַנד. מיר האָבן אויף זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אַנשטאָט מיר זאָלן איזאָלירן די אומלאָיאַלע אַראַבישע עלעמענטן און געבן פולע רעכט און שענקען פולן פאַרטרויען צו די איבעריקע אַראַבער און געווינען זייער פאַרטרויען — האָבן מיר מבטל געמאַכט דאָס גאַנצע פּראָבלעם מיט אַ „עה״. און מיר האָבן געשאַפן איצט אַ מינדערהייט־פּראָבלעם אין ישראל.

— * —

און זאָלן מיר נישט פאַרגעסן נאָך איין הויפּט־זאַך: די מדינה איז ביי אונז געוואָרן אַ מין אָפּגאָט, אַ ציל פאַר זיך. ביי אונז יידן, וואָס אַן אמת, האָט ארץ ישראל אַליין אַ גרויסע קדושה, אפילו ווען יידן זיצן נישט אויף איר. אָבער דאָס אַלץ איז צוליב דעם קיום־האומה, ווייל די נאָרמאַלע עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיט ארץ ישראל. אָבער ווען דאָס יידישע פאָלק הערט אויף צו עקזיסטירן אַלס אייגנאַרטיק יידיש פאָלק, רייסט עס ממילא איבער זיין נאַטירלעכן צוזאַמענבונד מיט זיין לאַנד, עס פאַרלירט זיין ליבע צום לאַנד, עס הויבט אָן אָננעמען פרעמדע קולטורן, פרעמדע זיטן און פרעמדע לעבנס־אַרטן, ביז עס פאַרלירט דעם אינטערעס פאַר זיין אייגן לאַנד. עס הויבט אָן אויסוואַנדערן אין פרעמדע לענדער און אין דער צייט פון מלחמה האָט עס נישט דעם מאָראַלישן כוח בייצושטיין דעם שונא.

אַזוי איז עס געווען צוויי מאָל און זאָלן מיר עס נישט ברענגען פאָרן מויל חלילה, וואָס עס קאָן זיין. יעדנפאַלס די אויסוואַנדערונג פון פופציק טויזנט יידן פון ישראל, דאָס וואָס איבער צוואַנציק טויזנט יידן זענען פאַרשריבן ביים אַמעריקאַנער קאָנסול אַליין אויסצוואַנדערן און וויפיל ביי אַנדערע — זענען נישט קיין גוטע סימפּטאָמען פאַר מדינת ישראל. „צוויי פאָטערלאַנדס״־סיסטעם איז אויך נישט מבטל צו מאַכן מיט דער האַנט.

— * —

עס איז געקומען די צייט צוריק אָוועקצושטעלן אין צענטער: די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, זיין איינהייט, זיין היסטאָרישן לעבנס־אַרט און די מדינה אַלס וועג, אַלס דעם הייליקן איינציקן וועג.

די אידעלע געשטאַלט

שטריכן צו דער פערזענלעכקייט פון הרב ב״צ מאיר חי עוזיאל זצ״ל

נישט פאַראַן א סך מענטשן, פאַר וועמען די באַצייכענונג איידלמאַן זאָל אַזוי זיין צוגעפּאַסט ווי צו דער פּערזאָן פון הרב עוזיאל זצ״ל. דער מענטש איז געווען איידל סיי אין זיין אויסערלעכקייט און סיי אין זיין אינערלעכקייט. זיין שיין געשטאַלט האָט באַגייסטערט יעדן, וואָס איז געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט. דער חן, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים, האָט געשפּרודלט מיט ווייכקייט און ליבע. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט וועלט־צער, געברענט ווי גליענדיקע קוילן און געטראָגן אין זיך האָפענונג און גלויבן.

זיין אָפּשטאַם וואָרצלט אין דער משפּחה עוזיאל. פון דער דאָזיקער משפּחה איז ארויסגעקומען רבי יצחק עוזיאל, דער מדקדק און פּאָעט, דער רבי פון ברוך שפּינאָזע און אַ גאַנצע ריי אַנדערע גרויסע רבנים. דער פּאָטער פון נפטר — רבי יוסף רפאל עוזיאל — איז געווען ראב״ד אין ירושלים, ווו עס איז אין י״ג סיון 1880 געבוירן געוואָרן הרב ב״צ מאיר חי עוזיאל.

אין די יונגע יאָרן האָט הרב עוזיאל געלערנט אין בית המדרש „דורשי ציון" און אין דער ישיבה „תפארת ירושלים". צו 14 יאָר איז ער געוואָרן א יתום און געמוזט זאָרגן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר זיין מוטער, שוועסטער און 3 קליינע ברידער. דער יונגער ישיבה־בחור האָט די משפּחה אויסגעהאַלטן פון זיינע קליינע הכנסות, וואָס ער האָט געהאַט פון געבן פּריוואַטע לעקציעס. טראָץ זיין שווערן מצב, האָט ער געלערנט תורה און די שפּראַכן: עברית, אַראַביש, טערקיש און פראַנצויזיש.

אין יאָר תרע״ב (1912) איז הרב עוזיאל אויסגעקליבן געוואָרן אלס ערשטער חכם ראשי פון דער יידישער קהילה פון יפו־תל־אביב און הויפּט־רב פון דער דאָרטיקער ספרדישער עדה.

אין זיין רייכער טעטיקייט, אלס חכם ראשי און הויפּט־רב פון די ספרדים, האָט זיך הרב עוזיאל אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער ליבע צו ציון. דער טיטל ראשון לציון האָט אים אמבעסטן געפּאַסט. יודעי חן האָבן געזאָגט, אז זיין נאָמען האָט אויך גורם געווען צו זיין גרויסע ציון־ליבע: בן ציון, מאיר לציון, געלעבט פאַר ציון און דעריבער זוכה געווען צו זיין דער ראשון לציון.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט הרב עוזיאל א סך געהאָלפן די יידישע זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין טערקישן מיליטער. ער אליין איז געווען דער „קאָמיטעט פאַרן יידישן זעלנער". עס איז דעמאָלט געווען אַ שווערע צייט פאַר יידן און ארץ ישראל. איבערן לאַנד האָט געהערשט דער דיקטאַטאָר דזשעמאַל פּאַשאַ. ביים פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד האָט הרב עוזיאל זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן דיקטאַטאָר. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט באַפוילן חרוב צו מאַכן דעם

יידישן בית עולם אין יפו און ביי אן אנדערן פאל געוואָלט צווינגען די יידישע ארבעטער צו ארבעטן שבת אין די בעקערייען. הרב עוזיאל האָט אינטערווענירט און די גזירה איז בטל געוואָרן.

מיט אויסערגעוויינלעכן מוט האָט הרב עוזיאל אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון דעם דעמאָלטיקן טערקישן מושל אין ירושלים, וועלכער האָט פארלאנגט מען זאָל אים צושטעלן יידן, וואָס זאָלן דינען אין טערקישן שפּיאָנאַזש.

די זקנים פון יפו געדענקען נאָך די העלדישקייט פון רב און זיין אויסערגעוויינלעכן מוט בעת די בלוטיקע געשעענישן אין ניסן תר״פ 1920. הרב עוזיאל האָט זיך דעמאָלט געשטעלט קעגן די אראבישע אָנפאלער און אויסגעשריען צו זיי: שעמט אייך פאר אייערע מעשים. זיין ליכטיק געשטאלט האָט ווייזט אויס געווירקט אויף די כוליגאנעס און זיי האָבן זיך צוריקגעהאלטן פון אָנפאלן אויף יידן. דערוויל איז אָנגעקומען די בריטישע פּאָליציי און די יידן זענען אזוי ארום געראטעוועט געוואָרן.

ווען ער האָט באזוכט אמעריקע אלס מיטגליד פון דער מזרחי־דעלעגאַציע אין זיינע מזרח־מלבושים און שפּאצירט איבער די גאסן פון ניו־יאָרק, האָבן אים טויזנטער באגלייט מיט סימפּאטיע־בליקן. אָבער ער האָט פון דער דאָזיקער אויפמערקזאמקייט שטארק געליטן און דערציילט די רבנים מימון און גאָלד, יבדלו לחיים, אז ער וואָלט געטוישט זיינע מלבושים, בכדי נישט צו דערוועקן מער קיין אויפמערקזאמקייט.

און אזוי איז טאַקע געשען. אומר ועושה. ווען ער איז צוריק אין האָטעל אריין, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער און מיט גרויסע שוועריקייט האָבן אים די רבנים איבערגעצייגט, אז די רבנישע טאָגע גיט אים צו פיל כבוד.

אויף דער וואך פון יידישער ארבעט

אין יאָר תרפ״ט, ווען אין כפר־סבא איז אויסגעבראָכן א קאמף וועגן יידישער ארבעט אין די פּרדסים, האָט הרב קוק זצ״ל זיך דאַן געוואָנדן צו די רבנים אראָנסאָן זצ״ל און הרב עוזיאל, זיי זאָלן פאָרן קיין כפר־סבא און זיך שטעלן אויף דער וואך פון יידישער ארבעט. די צוויי רבנים זענען טאַקע גלייך ארויסגעפאָרן קיין כפר־סבא און דאָס האָט אין א גרויסער מאָס משפיע געווען לטובת יידישע ארבעט.

אמאָל איז צום רב עוזיאל זצ״ל געקומען אַ בעל־הבית מיט א טענה קעגן אן אָרעמען שוסטער, וועלכער האָט זיך אריינגעצויגן אין א בוידעם־צימער, וואָס איז געווען איבער א בית־הכנסת אין זיין הויז. דער בעל־הבית האָט גע־טענהט: היתכן? איבערן ארון הקודש זיך איינגעאָרדנט א דירה? האָט אים רב עוזיאל געפרעגט: זאָג מיר, אלע דיינע פּערזענלעכע ענינים האָסטו שוין באמת דערליידיקט און דו זאָרגסט נאָר פאר קדושת המקום? דער בעל הבית איז געבליבן אַ ביסל געפּלעפט און נישט געענטפערט. האָט אים דער רב געזאָגט: גיי אַהיים, אין זכות פון דער מצווה וועט נישט אָנגערירט ווערן דער ארון הקודש.

דער אַפּיקורס און אַפּיקורסות

(צו די שלושים פון י. יעפּרויקין ז״ל).

א.

די לעצטע יאָרן זענען מיר עדות, דאָ און דאָרט, פון א סך, וועלכע קלאָפּן אין די טויערן פון תשובה. זיי זענען „דופקים בתשובה״. די פּוסטקייט פון דעם וואָכעדיקן לעבן, די אנטוישונג אין דער גוישער מענטשהייט, די אומ־באַהאָלפנקייט פון דער וויסנשאַפט צו פאַרענטפערן די פראַגע פון, ווער האָט דאָך באַשאַפן דעם „ערשטן פּונקט״, דעם „ערשטן קערן״ און פון וואַנען קומט די „ערשטע באַוועגונג״ — דאָס אלץ האָט געבערענגט דערצו, אז מען האָט אָנגעהויבן לייקענען אין דער אַפּיקורסות. דאָס אומגלויבן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. מען האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם אמת פון אומגלויביקייט מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צו די קוואַלן, צו די „מקורות״ פון אמאָל. מען האָט אָנגעהויבן פּרובירן צו גלויבן און זיך צו פאַרפליכטן מקיים צו זיין מצוות; פיל האָבן פּרובירט אויף זיך נעמען מקיים צו זיין מצוות אלס נאַציאָנאַלע פליכט, נישט וועלנדיק מודה זיין אין דער אמונה, וועלכע פאַרפליכטעט צו די מצוות; מען האָט געפּרוווט צו שאַפן א „נייעם שטייגער״, וואָס זאָל זיך מכלומרשט אָנשפאַרן אויפן אלטן.

אויף דער דערשיינונג שטויסן מיר זיך אויך אָן דאָ, אין ארץ ישראל. אויך דאָ הערן מיר פון צייט־צו־צייט שטימען פון „חשבון־הנפש״, וועלכע רופן צו רעוויזירן דאָס „נייע יידישקייט״, וועלכע מען האָט געפּרוווט דאָ שאַפן. די שווערע גייסטיקע מאָראַלישע ירידה, אין וועלכער עס געפינט זיך מדינת ישראל, האָט ביי פיל, וועלכע האָבן געגלויבט אין דער „נייער יידישקייט״, אַרויסגערופן זייער ביטערע און טרויעריקע מחשבות וועגן די רעזולטאַטן און די „נייע יידן״, וועלכע קאָנען זיך שאַפן פון דעם.

די אלע אָבער, טראָץ דעם, וואָס עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן זייער גלויבן אין אַפּיקורסות, האָבן זיי דאָך נישט דעם מוט מודה צו זיין אין דעם און צו ציען קאָנסעקווענצן פון זייער אַפּיקורסות אין אַפּיקורסות. זיי האלטן נאָך ווייטער אין בלאָנדזשען, און האָבן נישט דעם מוט צו גיין צוריק. בעסער געזאָגט: תשובה צו טאָן. זיי האָבן נאָך נישט דעם מוט צו רעוואָלטירן דורך „נעשה ונשמע״ קעגן דעם אַפּיקורסישן פּוסטן לעבנס־אַרט. זיי זענען נאָך פאַרלויפיק „דופקים בתשובה״, קלאַפּן אין די „תשובה־טויערן״. זיי האָבן אָבער נישט גענוג כוח צו עפענען די טויערן און אריינקומען אינעווייניק.

ב.

אנדערש איז געווען דער פאַרשטאָרבענער י. יעפּרויקין. ער האָט זיך

נישט געוואָלט לייכט מאַכן דאָס לעבן. ער האָט געמאַכט דעם „חשבון־הנפש" *) ביזן סוף. ער האָט נישט געפּרוווט צו מאַכן זיך דאָס לעבן באַקוועם דורך פּשרות וועגן א ניי־יידישקייט, „אויסבעסערונגען", „פאַרלייכטערונגען" — רעפאָרם בלע"ז. ניין. ער האָט געזוכט דעם וועג צוריק אָן חכמות. תשובה ממש. ער האָט נישט פּרובירט זוכן צו בלייבן שטיין אין מיטן וועג. ווייל — לויט דער מיינונג פון יעפּרויקין אין זיין „חשבון־הנפש" — ברענגט דער ענדגילטיקער רעזולטאַט פון יעדן פאַרהאַלטן זיך אין מיטן וועג צו א דערווייטערונג פונעם אמת. וועלכן מען זוכט און פּירט נישט צו דערנענטערן זיך צום ציל, צו געפינען דעם אמת. וועלכן מען האָט פאַרלוירן דורכן אָוועקגיין פון דעם אלטן אויסגעפּרוווטן יידישן וועג פון א יידישן — אמתן — לעבן. פון תורה און מצוות.

יעפּרויקין איז מודה אין זיין „חשבון־הנפש", אַז ער האָט נישט געהאַט קיין כוח און די דרייסטקייט צו מאַכן דעם לעצטן שריט.אומצוקערן זיך בתשובה שלימה; ער ווייסט און אנערקענט, אַז פאַרלויפיק איז ער נאָר אַ מהרהר בתשובה. א תשובה אריינטראַכטעניש, אָבער דאָס זענען אמתע תשובה־באַטראַכטונגען און נישט באַטראַכטונגען פון א טיילווייזער תשובה.

„ס'איז גאָרנישט אזוי גרינג — שרייבט יעפּרויקין — תשובה צו טאָן פאַר אַ יידן אין די עלטערע יאָרן און זיך אָפּזאָגן פון גויישע רגילותן — — — נאָר רעוואָלוציאָנערע נאטורן זענען פעאיק דורכצומאַכן דעם שווערן וועג פון אמתער און פולער תשובה. און קומען קומט זי צו זיי מיטאַמאָל. א נייער גייסט נידערט פלוצים אַראָפּ אויף דעם מענטשן, א נייע נשמה דערשפּירט ער אין זיך און ער פילט זיך ווי ניי־געבוירן".

יעפּרויקין איז מודה, אַז ער איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה. פאַרלויפיק איז עס ביי אים געווען אַן „אינטעלעקטועלער פּראָצעס, א נשמהדיקע איבערקערעניש, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געהאַט איר ווירקונג אויף זיין לעבנס־שטייגער — — — אָבער נישט קיין גענוג טיפע, נישט קיין גענוג ווייטיקדיקע, ווי דאָס איז נויטיק פאַר אַן אמתן און אבסאָלוטן אָפּזאָג פון אַ לאַנגער לעבנס־פאַרגאַנגענהייט".

ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט א חשבון־הנפש. פאַררופנדיק זיך אויפן רבינו בחיי, דעם „חובת־הלבבות", אַז „א חשבון מיט דעם אייגענעם געוויסן איז א פאַרשטופּע צו תשובה און קאָן ווערן אַ פּרוזדור צו איר, אויב דאָס זאָל זיין אזוי, און הלואי זאָל עס אזוי זיין" — זאָגט דער מחבר פון „חשבון־הנפש" — „וואָלט דאָס שוין געווען א שטיקל טרייסט פאַר מיר" (פון דער הקדמה צום „חשבון־הנפש").

פון דעם „גייסטיקן קלעם", אין וועלכן יעפּרויקין האָט זיך געפונען,

---

*) י. יעפּרויקין: „א חשבון הנפש" — פארלאג א. ב. צעראַטא, פּאריז, תש"ח — 1948, 491 זייטן.

רופט ער זיך אליין תשובה צו טאָן אָפּן, פאר אלעמענס אויגן ער מאכט דעם חשבון פון זיין נפש מיט זיך זעלבסט, בבחינת „לכו נא ונוּוכחה".

יעפּרויקין איז מודה, אַז דאָס געטלעכע ליכט האָט נאָך נישט פאר אים אויפגעשיינט אינגאנצן. ער איז פּאָרלויפיק געוועזן נאָר אַ כופר בכפירה, א רע־וואָלטירטער קעגן אפיקורסות. אָבער די אינערלעכע רעוואָלוציע האָט ער גע־מאכט מיט דער פולער קראפט, מיט פולער התלהבות, מיט געוואגטקייט.

ג.

אויף 3 זייטן פון „כפירה און אפיקורסות" האָט יעפּרויקין געפּרווט שטורעמען און זיי צעשטערן. א) דאָס שיינע און גוטע, כביכול, אינעם כפירה־דיקן און אפיקורסישן לעבן; ב) אז די כפירה און אפיקורסות פאַרענטפערט פראגן, וועלכע די אמונה זאָל כלומרשט נישט האָבן פאַרענטפערט; ג) אז אַ רע־ליגיעז און אמונה־לעבן איז נישט שיין, הייליק און דערהויבן.

מיט א שאַרף מעסער מאכט ער א קווער־שניט איבער דעם וואָכנדיקן לעבן, באזונדערס פון דעם יידישן מענטשן. ער אנטפּלעקט די פינצטערניש און אָרעמקייט, וואָס פילן אויס, לויט זיין מיינונג, דאָס לעבן פון דעם מאָדערנעם ייד.

שטיצנדיק זיך אויף א ריי שרייבער און ביכער פון אמאָל און פון אונזער צייט, פּרובירט יעפּרויקין באַווייזן, אז דער שכל און די וויסנשאַפט קענען נישט פאַרענטפערן ווי אזוי עס איז געקומען די ערשטע לעבנס־באַוועגונג אויף דער ערד. פונוואַנען עס שטאַמט דער באַוווסטזיין פונעם מענטש. זיי קאָנען נישט באַווייזן, אז מיטן אָפּשטאַרבן פון מענטשלעכן קערפּער, ווערט אויך דער נפש פאַרשוווּנדן אָן שפּורן. מיט גרויס טאלאנט שילדערט ער דעם אמת, שיינקייט, דערהויבנקייט, הייליקייט און תמימות, וואָס עס אנטהאלט אין זיך א לעבן פון אמונה און אָפּהיטן תורה און מצוות.

ער נעמט אַראָפּ אָן דערבארימדיקייט דעם שלייער פון די, וועלכע האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון תורה און מצוות. ער ווייזט אויף אויפן יסוד פון סטאטיסטישע ציפערן, אז דאָס אוועקגיין פון אמונה־לעבן און רעליגיע איז נישט קיין פּראָדוקט פון השכלה און וויסנשאַפט, איז נישט קיין פּראָדוקט פון הכרה, כפירה און אפּיקורסות, נאָר א פּראָדוקט פון אן אינדיפערענטיזם צו דעם „וואָס איז אויבן און וואָס איז אונטן, וואָס פון פאָרנט אין וואָס פון הינטן". מה למעלה, מה למטה, מה לפנים ומה לאחור. „עס הערשט א הפקרותדיקע גלייכגילטיקייט צו אלץ. וואָס איז מחוץ דעם גדר פון די אינטערעסן און ענינים פון היינטיקן טאָג, בפרט „מאטעריעלע אינטערעסן". דער יסוד פון אראָפּוואַרפן פון זיך אלע העכערע ווערטן איז לויט יעפּרויקין דער „געוויש פון דער גרויסער שטאָט, אז מען פאַרלירט דאָס לעבן גופא אין דער יאָגעניש נאָך לעבנס־באַקוועמ־לעכקייטן, וואָס זענען געוואָרן פאר אַ גרויסן טייל מענטשן דער איינציקער זין, דער איינציקער ציל פון זייער קורצן וואנדערונגס־וועג איבער דער ערד" (זייט 19).

„דער קול דממה דקה, וואָס מענטשן פלעגן אַמאָל אזוי קלאָר און דייט־

לעך ארויסהערן פון דער טיפעניש פון זייער נשמה, און זייער אייזאַמקייט אין גלייכצייטיקער באַהעפטונג מיט דער נאַטור און דורך איר מיטן גאַנצן קאָסמאָס און זיין באַשאַפער, ווערט דערשטיקט אין דעם הו־האַ, אין דער יאָגעניש און שטופעניש פון די מענטשן־מאַסן. די באַליבטסטע פאָרם פון „גייסטיקער" הנאה, וואָס די היינטיקע מאַסן זענען מסוגל אויפצונעמען, איז די נעגער־מוזיק פון דזשאַז" (זייט 48).

יעפּרויקין גלויבט נישט, אַז דאָס אָפּשוואַכן פון דער אמונה איז אַ רעזולטאַט פון מער וויסן. ער שרייבט: „נישט דאָס וויסן און דאָס פילאָזאָפירן האָט אָפּגעשוואַכט ביי געוויסע מענטשן דעם גלויבן. נישט די מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפט האָט אים ענג געמאַכט די וועלט, נישט די מאָדערנע טעכניק, נישט די גייסטיקע איבערקערעניש פון די לעצטע הונדערטער יאָרן, נאָר די אינדוס־טריעלע רעוואָלוציע". „די אינדוסטריעלע איבערקערעניש האָט, לויט יעפּרויקין, פאַרכאַפּט דעם מענטשן מיט זיין גאַנצן דאָ־זיין, זיין נשמה, זיינע געדאַנקען, אַז ער טראַכט גאָרנישט בעצם וועגן זיך, וועגן זיין לעבן. ער זוכט מיטצולויפן מיט דער טעכניק, און אין זיין „לויפעניש" פאַרלירט ער זיך זעלבסט".

ד.

יעפּרויקין פאָדערט פון די „בעלי־תשובות" נישט צו בלייבן שטיין אין מיטן וועג. ער איז קעגן די יעניקע, וועלכע ווילן זיך באַגנוגענען בלויז מיט יידישער אמונה, נישט נעמענדיק אויף זיך דעם עול פון תורה און מצוות, ווייל עס איז ווייניק צו גלויבן אין יידישקייט. מען דאַרף לעבן אין איר און מיט איר. מען דאַרף זיין אַ ייד" (זייט 25).

דער סאַרקאַזם פון יעפּרויקין קומט פון די נשמהדיקע יסורים זיינע, פון טיפן ווייטיק, וואָס דער מחבר האָט דורכגעמאַכט ביז ער האָט זיך באַפרייט פון יעדער גויישער מחשבה, פון דער פאַרקנעכטשאַפט צו גויישע געוווינהייטן. יעפּרויקין לאַכט ביטער אָפּ פון די אפּיקורסים, וואָס „עס האָט זיך ביי זיי אָנגע־הויבן, אַזוי ווי ביי „יאַנקי סיטי", מיטן אַרבעטן שבת צוליב פּרנסה. דערנאָך איז געקומען דאָס חזיר עסן. האָט ער זיך געוואָרגן מיטן ביסן און נישט געקאָנט אַראָפּשלונגען, עס האָט אים דאָס ערשטע און דאָס צווייטע מאָל געאיבלט, ביז מיט גרויס מאַטעריניש און מי —, חברה זאָל פון אים נישט חוזק מאַכן — ער האָט זיך צוגעוווינט און דערנאָך איז ער געוואָרן „פריי" און אויפגעהערט צו גלויבן"... (32־33).

דאָס „פריי־ווערן" האָט זיך אָנגעהויבן, לויט יעפּרויקין, מיטן אַנטלויפן פון יידישע מצוות, מנהגים און יידישן צבור. בכדי צו פאַרט־ישן די אומרואיקייט פון אָוועקוואַרפן מצוות, האָט מען אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אויפגעכאַפּט און געפונען צווישן די נישט־גלויביקע, „וואָרום אַ קיימאַ לן האָבן מיר, אַז ווער עס וואַרפט אוועק דאָס יידישע פאָלק, דער קערט זיך אום מיטן רוקן אויך צום יידישן גאָט".

דעריבער זעען ביי אים אויס קאַמיש־פּרוכטלאָז די פּרוון צו „מאָדערניזירן" דעם יידישן גאָט און צופּאַסן דאָס יידישע פאָלק און זיין גאָט צו די גויים און זייערע חגאות. דאָס יידישע פאָלק און זיין גאָט זענען געבונדן און מען קען זיי נישט ענדערן און צופּאַסן צו גוישקייט און זייערע געטער. דעם „פריי־געוואָרענעם „אַלרייטניק" אינטערעסירן נישט בכלל די מאָטיוון פון כפירה און אפּיקורסות. ער איז אַ פּורק־עול, און עס וועלן אלע „אויסבעסערונגען" און „מאָדערניזירונגס"־פּרוון נישט העלפן קעגן דעם אנטלויפן פון יידישקייט און לעבנס־הפקרות.

ער וואַרפט אויך אָפּ די עקספּערימענטן „צוצופּאַסן" די רעליגיע צום מענטשלעכן וויסן. רעליגיע און גלויבן, לויט יעפּרויקין, זענען נישט קיין ענין פון באַוווסטזיין און זיי דאַרפן נישט ווערן „צוגעפּאַסט" צום מענטשלעכן וויסן, וואָס איז נישט אבסאָלוט און מאכט דורך כסדרדיקע אנטוויקלונגען און ענדערונגען.

אָנווייזנדיק אויף דער פּוסטקייט, לאַנגווייליקייט פונעם וועלטלעכן לעבן, פונעם וועלטלעכן ייד — ווייזט ער אויף, אז דער גלויביקער ייד, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן על קדושת השם והתורה, האָט ער דאָס געטאָן, ווייל ער האָט געזען דעם יידישן עולם־הזה שיין און גוט, פול מיט אמת, פול מיט טיפן זין, פול מיט חן און צויבער, וואָס קאָן נישט פארביטן ווערן מיט א ביליקן, איינהאַלטסלאָזן, נישט אמתן און אוממאָראַלישן הפקר־לעבן פון די גויים, די גלויביקע און נישט־גלויביקע צוזאמען.

ער ווייזט אָן, ווי ווייט דאָס תורה־לעבן מאכט דעם ייד פאר א ייד, דאָס יידישע פאָלק פאר אַ פאָלק און פארבונדט די יידן מיטן יידישן גאָט.

ער וואַרפט־אָפּ די מיינונג פון פּראָפ. קאַפּלאַן פון אמעריקע, אז אויב די היינטיקע יידן אנטלויפן פון יידישקייט איז דאָס דערפאַר, ווייל זיי גלויבן נישט מער אין דער תורה מן השמים. פארקערט, טענהט יעפּרויקין, אז גראָד תורה מן השמים וואָלט זיי נישט געאַרט און באַלעסטיקט. מיט וואָס זיי זענען נישט מסכים איז, וואָס די תורה „לא בשמים היא", וואָס עס פאָדערט זיך צו לעבן לויט דער תורה דאָ „אויף דער וועלט". נישט יענע וועלט איז זיי נמאס געוואָרן, די יעניקע, וועלכע ווילן לעבן ווי גויים. נמאָס איז זיי געוואָרן דווקא די בידנע יידישע עולם הזה. דעריבער געפינט יעפּרויקין איין וועג אויף צוריק: צוריקקערן זיך צו יידן, וועלן זיין יידן, און זיין יידן קאָן מען נאָר דורך „א פול־בלוטיקע יידישקייט", מיט איר גאנצער אמונה, תורה און מצוות „און דורך א לעבן פון תורה ומצוות וועט אויך קומען דאָס צוריקקערן זיך צום יידישן גאָט".

ווייל ער זעט אין דעם היטן די תורה און מקיים זיין מצוות דאָס יידישקייט, דאָס יידנטום און דאָס יידישע לעבן — וואַרפט ער אָפּ די באַשולדיקונגען קעגן די, וואָס האָבן געקעמפט מיט אלע מיטלען קעגן די וויסנשאַפטלעכע, גייסטיקע און פּאַקטישע פאררעטער פון זייער פאָלק. זיי, מיט זייערע שיטות און

פירונג האָבן אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פונעם פאָלק. און פאַר די טרייע קינדער פון פאָלק און די היטער פון דער תורה איז נישט געבליבן קיין אנדערע ברירה ווי צו דערווייטערן פון זיך די דאָזיקע פאררעטער.

ער ווענדעט אָפּ די באשולדיקונג, אז דער גלויבן אין ביאת־המשיח האָט פאראורזאַכט צו א גלייכגילטיקייט פונעם פאָלק צו דער פאָלקס־אויפלעבונג דורך גאולת הארץ. דווקא די אמונה אין משיחן האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצו־האַלטן ביז צום קומען פון שעת רצון און האָט אָפּגעהיטן אונזער עקזיסטענץ אין יעדער שלעכטער צייט.

יעפּרויקין האַלט פאר זייער וויכטיק די יידישע סביבה און אַטמאָספערע. מען קאָן נישט זיין קיין ייד אין א גויישער אטמאָספערע. אָבער זיין גאנצע קראפט און שטארקן גייסט אנטפלעקט יעפּרויקין אין זיין צעשטערן די „געצנדי־נערישקייט" פון דעם וועלטלעכן, פון דער גויישקייט, השכלה, וויסנשאפט, פון דעם ווילן צו זיין ווי אלע פעלקער. מיט פשטות און תמימות, נאָך אלע אנטוישונ־גען אין די גויישע אָפּגעטער (און ער ווייזט אויף, אַז די גאנצע יידישע וועלט־לעכקייט קומט נאָר פונעם ווילן צו זיין אַ גוי, אָדער לכל הפחות ענלעך צו זיי) — רופט ער צו א חשבון הנפש און צו אַן אמתן צוריקקער צום יידישן פאָלק, צו דער יידישער תורה און צום יידישן גאָט.

— * —

ווי געזאָגט, האָט דער בעל „חשבון־הנפש" אליין מודה געווען, אַז ער האָט נישט זוכה געווען צוריקצוקערן בתשובה שלימה. ער האָט זיך אָבער דאָס באמיט צו טאָן פון טאָג צו טאָג. די לעצטע יאָרן האָט ער אויף זיך גענומען אייך מקיים צו זיין א סך מצוות שבין אדם למקום. ער איז מודה, אז ער האָט נישט געהאט קיין כוח אויף אמתער תשובה אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט דעריבער א תפילה געטאָן זוכה צו זיין צו אַ פולער תשובה. דערווייל אָבער האָט ער מיט פיל אמונה און שטארקן גלויבן געפּרוווט צעשטערן און צעשמעטערן דאָס גלויבן אין אפּיקורסות. יעפּרויקין איז געווען דער אפּיקורס אין אפּיקורסות. ער האָט רעוואָלטירט קעגן דער כפירה.

יעפּרויקין אין זיין „חשבון־הנפש" איז געוואָרן דער פארלייקענער פון אפּלייקענען און דער גרויסער גלויבער אין אמונה.

חבל על דאבדין!

מדינת ישראל — דער וועג צו תשובה

ראש השנה ביי יידן אוןביים יידישן פאָלק איז נישט קיין ציפערישע דאַטע, ווי ביי אנדערע פעלקער ניי־יאָר. ראש השנה איז א ווענד־פונקט אינעם לעבן פונעם מענטש, פונעם פאָלק און פון דער גאנצער וועלט.

ראש השנה מאכט דער ייד אַ חשבון־הנפש פון זיין לעבנס־אינהאלט: צי לעבט ער זיין לעבן דאָס וואָס ער איז אין די טיפענישן פון זיין נשמה, אָדער זיין ארט־לעבן און ער זענען צוויי באַזונדערע זאכן; צי לעבט ער אזוי ווי עס הייסט אים זיין אינערלעכער נשמהדיקער ווילן, אָדער ער לעבט ווי עס דיקטירט אים די אומגעבונג ארום און ער מוז זיך צופּאסן צו דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, ווייל מען קען דאָך נישט גיין קעגן שטראָם.

ראש השנה ציט דער ייד אונטער א סך־הכל פון זיינע לעבנס־יאָרן, וועלכע זענען שוין אוועק, און פרוווט אָנצייכענען זיין נייעם לעבנס־וועג, ער זאָל באמת זיינער זיין און נישט קיין פרעמדער. ראש השנה פרוווט דער ייד צו גע־פינען זיך זעלבסט.

ב.

ראש השנה איז אָבער נישט בלויז פאַר דעם יחיד. אויך דער כלל ישראל, דאָס גאנצע יידישע פאָלק, דורך זיינע יחידים, ווערט גערופן צו מאַכן דעם זעלבן חשבון פונעם פאָלק, פונקט אזוי ווי דעם חשבון פונעם יחיד.

ראש השנה מאַכט דאָס פאָלק ישראל זיין לעבנס־חשבון, וואָס זענען עס זיינע צילן, פאַר וועלכע ער לעבט עקשנותדיק, טראָץ דעם, וואָס עס האָבן אים געפעלט די מלוכהשע אַטריבוטן און וויפיל האָט ער זיך דערנענטערט אָדער דערווייטערט צו דערגרייכן זיינע צילן, וואָס צוליב זיי איז כדאי געוועזן, איז כדאי איצט זיך צו מאטערן, צו פּייניקן, צו ליידן — אבי זוכה צו זיין אמאָל צו די צילן, פאַר וועלכע דאָס פאָלק עקזיסטירט, וועלכע זענען זיין לעבנס־אינהאלט.

ג.

דער אינערלעכער אומרו ביים יחיד ווי ביים פאָלק, די אינערלעכע גייסטיקע אומצופרידנהייט; די זוכענישן נאָך נייע וועגן ווי אזוי בעסער צו מאכן די קעגנווארט, די בענקשאפט צו בעסערס, העכערס, שענערס, ווי דער היינט — דאָס אלץ זענען סימנים פון חשבון־הנפש ביים יחיד און ביים כלל. דאָס אלץ זענען סימנים, אַז דער טיפער אינערלעכער איך, צי פונעם יחיד צי פונעם פאָלק איז נאָך נישט געקומען צום פולן אויסדרוק.

ביי דעם חשבון־הנפש שטויסן מיר זיך אָבער אָן אין קעגנגעזעצלעכע דערשיינונגען. עס טרעפט אמאָל, אַז וואָס מער דער מענטש אָדער דאָס פאָלק

דערוווייטערט זיך פון זיין אייגנארטיקייט, פון זיין אייגענעם איך, הערט ער אויף צו פילן, אז ער האָט זיך דערווייטערט. אַז ער האָט זיך אָפּגעפרעמדט פון זיך זעלבסט. ער ווערט אין גאַנצן א פרעמדער. ער זוכט גאָר נישט, ער בענקט צו גאָר נישט, עס פעלט אים גאָר נישט. ער איז צופרידן מיט דער קעגנוואַרט ביז עס קומט עטוואָס דערשיטערנדיקס און דערמאָנט אים ווער ער איז, ווו ער איז און ווי ער האָלט עפּעס אין דער וועלט. דאַן, אויב עס איז נישט צו שפּעט, הויבט זיך אָן דער שטורעם און דראַנג צו זיין, דאַן הויבט זיך אָן דער וועג פון תשובה.

דער דאָזיקער וועג צו תשובה קאָן נאָר אויסבעסערן די פאַרגאַנגענהייט, גוט מאַכן די קעגנוואַרט, אָבער זעלטן־זעלטן, אז ער זאָל פירן צו אזא תשובה, וועלכע טראָגט אין זיך רענעסאַנס, וועלכע טראָגט אין זיך גאולה, וועלכע באַגנוגנט זיך נישט מיט אויסבעסערן די פאַרגאַנגענהייט, גוט מאַכן די קעגנוואַרט, נאָר זאָגט אָן א ניי־וואָרט פון פאַרווירקלעכן אידעאַלן און צילן, צו וועלכע דער מענטש בענקט פון זיינע אינערלעכע טיפענישן פון זיין נשמה.

עס טרעפט אָבער אויך, אז דווקא ווען דער יחיד אָדער דאָס פאָלק איז גוט איינגעפונדעוועט אין זיין אייגענעם איך, לעבט זיין אמתדיק אייגן לעבן, נישט קיין פרעמדס, און דאָך, און אפשר דווקא דערפאַר, פילט זיך א טיפע אומרואיקייט און אומצופרידנהייט. דווקא ביי אים פילט זיך א בענקשאַפט צו גרעסערס און שענערס, דווקא ביי אים איז דאָ אַ גרויסער דורשט צו שטייגן, צו גיין פאָרווערטס, נישט באַגנוגענען זיך מיט דעם, וואָס מען האָט שוין דערגרייכט.

זיי פילן דעם חסרון. זיי פילן, אז עס פעלט זיי נאָך עפּעס. זיי פילן, אז עס איז נאָך נישטאָ קיין שלמות און זיי זוכן דעם וועג פון תשובה.

דער דאָזיקער תשובה־וועג איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פיל טיפער, פיל העכער. ווען מען איז מצליח, פירט ער צו גאָר גרויסע רעזולטאַטן. אָבער דער דרך־תשובה איז אומאויספירבאר פאר די, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט און טראַכטן קודם כל ווי צוריק צו קומען אהיים צו זיך, צו זייער אייגענער נשמה, צו זייער אייגענעם איך.

יעדער שריט פאָרווערטס אויף דעם וועג פון די, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט, מאכט נענטער דעם תשובה־וועג פון די, וועלכע בענקען צו נאָך מער נאָענטשאַפט.

ד.

מדינת ישראל איז דער וועג צו תשובה פאר ביידע טיילן. אי פאר די, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט פון זייער אייגענעם איך, אי פאר די, וועלכע ווילן מער ברענגען צום אויסדרוק דעם אייגענעם איך.

מדינת ישראל הייסט, אָנערקענען, אז אין גלות, אין דער פרעמד, זענען מיר פרעמדע. אז אין דער פרעמד איז נישט אונזער פּלאַץ, נישט פיזיש, נישט גייסטיק. מדינת ישראל מיינט, אז אין דער פרעמד קאָנען מיר נישט זיין, נישט אלס יחידים און נישט אלס פאָלק, דאָס וואָס מיר זענען. מדינת ישראל רופט:

נישט באַגנוגענען זיך מיט דעם, וואָס מיר לעבן און עקזיסטירן אין דער פרעמד, אפילו ווען מיר לעבן פיזיש גוט און גייסטיק נישט שלעכט — נאָר זי רופט צו שטייגן העכער און העכער.

מדינת ישראל איז א רוף צו תשובה צו יעדן יחיד אינעם פאָלק און צום גאנצן פאָלק.

דאָס אַלץ איז געזאָגט, ווען די בויער פון מדינת ישראל, סיי די, וועלכע זענען אנטלאָפן פון גלות, ווייל מען האָט זיי דאָרט נישט געלאָזט לעבן, סיי די, וועלכע זענען געקומען נאָך ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן געבענקט נאָך גאולה — ביידע וועלן אָנערקענען, אז דער גלות איז פאר זיי געווען גלות, ווייל זיי זענען יידן (פאר גויים, וועלכע זיצן אין פרעמדע לענדער, איז נישטאָ קיין גלות) און אז די גאולה איז גויטיק, בכדי מיר זאָלן קענען דאָ זיין יידן.

פאר די אָבער, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל אויסשליסלעך דערפאר, ווייל מען האָט זיי נישט געוואָלט האָבן אין גלות, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט לעבן ווי גויים, און זענען געקומען אהער, בכדי זיי זאָלן דאָ קענען זיין גויים — דאן קען מדינת ישראל פירן צו נאָך מער פאַרפרעמדקייט אי פונעם יחיד אי פונעם גאנצן פאָלק. נאָך איין דור אָדער צוויי וועט זייער גאנצע אייגענע ספּעציפישע גייסטיק־מאָראלישע פיזיאָנאָמיע פארגעסן ווערן. און דאַן וועט זיך שטעלן די גרויסע טראַגישע פראגע: דאָס יידישע לאַנד, וועלכעס פאַדערט אזוי פיל קרבנות, נאָך וואָס?! און דאן — פירט דער וועג צוריק אין דער פרעמד... דאן לוינען זיך נישט די קרבנות פאר מדינת ישראל. אויב נישט מדינת ישראל צו לעבן ווי יידן, — אלס גויים קאָן מען לעבן אין פרעמדע לענדער אויך.

—*—

דאָס איז דער חשבון־הנפש, וואָס אי דער יחיד אי מדינת־ישראל דארפן זיך מאכן.

מדינת־ישראל איז דער וועג צו תשובה. תשובה איז אָבער נישט אַן אבסטראקטע זאַך, תשובה איז אַ זאַך פון מצוות און מעשים טובים.

אָבער אויך די, וועלכע דערוואַרטן פון מדינת ישראל, אז זי וועט אויסטרעטן דעם וועג פאר משיחן, אז זי וועט פירן צו דער גאולה השלימה און וואַרטן, אז אנדערע זאָלן תשובה טאָן, און זיי זיצן דערווייל אין דער פרעמד. לעבן צווישן פרעמדע, און ממילא א פרעמד־לעבן אינעם גייסט, אינעם אינהאַלט, אין דער שפּראך, אין דער קולטור — אפילו ווען מען היט אָפּ א ביסל תורה און מצוות, קאָנען דערפירן צום אומגליק פון מדינת־ישראל חס ושלום.

מדינת־ישראל איז דער וועג צו תשובה. זי קאָן פירן צו דער גאולה השלימה. עס איז אָפּהענגיק אין דעם לעבנס־ארט פון די, וועלכע לעבן שוין אין מדינת ישראל, עס איז אָפּהענגיק פון די, וועלכע וועלן קומען אין מדינת־ישראל.

מדינת ישראל רופט צו תשובה די קינדער אירע אינעם לאנד, זיך אומקערן צום מקור און רופט די קינדער אירע אין חוץ־לארץ, אז זיי זאָלן קומען אהיים. עס ווארט אויף זיי די מאַמע ציון און דער טאַטע אין הימל.

ווער איז די העכסטע רעליגיעזע אינסטאַנץ אין ישראל

(וועגן די דערקלערונגען פון בעל „חזון איש" און די שטעלונג פון מזרחי און הפועל המזרחי אין דער כנסת)

נישט געקוקט אויף אלע הכחשות, גלויב איך, אז דער בעל „חזון איש" האָט יאָ געזאָגט דעם שר הדתות מ. שאַפּיראָ און דעם וויצע־מיניסטער ז. וואַר־האַפטיג: „זיכער, איר דאַרפט טאָן דאָס, וואָס די רבנות הראשית הייסט אייך". איך גלויב דערין טראָץ דעם, וואָס איך בין נישט אָנוועזנד געווען ביים געשפּרעך און נישט געהערט די דערמאָנטע ווערטער בפירוש פונעם מויל פון בעל „חזון איש".

איך גלויב דערין צוליב אַ פּשוטן טעם. קען דען דער בעל „חזון איש", אַן איש הלכה, פּסקענען אַנדערש? ווייסט דען נישט דער גאון, וואָס עס ווייסט יעדער איינער, אַז נאָר דער מרא דאתרא איז דער פּוסק הלכה למעשה און זיין פּסק־דין איז אַנטשיידנדיק און פאַרפּליכטעט אפילו פאַר גרעסערע גדולים און גאונים פון אים?! אין דעם פאַל ווייסט דאָך דער „חזון איש", אַז פאַרן שר הדתות מ. שאַפּיראָ און סגן שר הדתות ז. וואַרהאַפטיג איז די רבנות הראשית דער „מרא דארעא קדישא". און די פראַגע פון נאַציאָנאַלן דינסט איז דאָך נישט נאָר אַ לאָקאַלער ענין, נאָר אַן ענין, וואָס איז נוגע דאָס גאַנצע הייליקע לאַנד, און נישט נאָר פאַר די דערמאָנטע מיניסטאָרן איז די רבנות הראשית דער „מרא דארעא ישראל", נאָר כ'וויל גלויבן, אַז זי איז אַזאַ אויך פאַרן בעל „חזון איש" אליין. וואָלטן מיר זוכה געווען, אַז דער „חזון איש" זאָל ווערן אַ שר אין ישראל, וואָלט ער אויך זיכער מבטל געמאַכט זיין מיינונג פאַר דער מיינונג פון דער רבנות הראשית.

דעריבער קען מען דאָך נישט ברענגען אויפן געדאַנק, אַז דער „חזון איש" האָט געקענט זאָגן אַנדערש ווי מ'שרייבט אים צו, אַז ער האָט געזאָגט צו שאַפּיראָ־וואַרהאַפטיג: „זיכער, איר דאַרפט האַנדלען אַזוי ווי עס הייסט אייך די רבנות הראשית", נאָכדעם ווי מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז די רבנות הראשית האָט זיי דערמעגלעכט צו שטימען פאַרן געזעץ פון נאַציאָנאַלן דינסט, צוליב דער מורא, אז אין קעגנטייל וועלן אַנדערע אין דער כנסת נישט מסכים זיין צו שטימען פאַרן אָפּגעשמועסטן געזעץ וועגן התונות און גטן. און דאָס קען אויך ברענגען דערצו, זיי זאָלן זיין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די רעגירונג.

היות ווי כ'בין זיכער, אַז דער דערמאָנטער מצב איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם „חזון איש", בין איך אויך זיכער, אז ער האָט אַנדערש נישט געקענט זאָגן ווי, אַז די מיניסטאָרן „דאַרפן האַנדלען לויט די אָנווייזונגען פון דער רבנות".

הגם ער האָט פריער געשריבן: „כ'בין מחוייב אייך באקאנט צו מאכן, אז דאָס שטימען פאַרן געזעץ פון נאציאָנאלן דינסט איז אסור און עס איז נישטאָ א זאך אויף דער וועלט, וואָס זאָל מעגלעך מאכן דאָס שטימען פאַר אים". ווארום עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אויסדריקן זיין אייגענע מיינונג און הלכה למעשה, וואָס מ'דאַרף פאָלגן די הוראה פון מרא דאתרא.

כ'נעם אויך אָן פאַר ריכטיק — כל־זמן מ. שאַפּיראָ האָט דאָס נישט אָפּגעלייקנט — הגם כ'האָב דאָס אליין נישט געזען, דאָס וואָס „המודיע" שרייבט (אין נומער פון ט"ז אלול), אז „אין צווייטן בריוו, וואָס איז היינט איבערגעגעבן געוואָרן צו מ. שאַפּיראָ (אויפן סמך פון אַ נישט־ריכטיקער ידיעה, אַז שאַפּיראָ זאָל כלומרשט האָבן געשיקט א נישט־פּינקטלעכע טעלעגראַמע קיין אויסלאנד וועגן דעם געשפּרעך מיטן „חזון איש") דורך אַ ספּעציעלן שליח, בייזערט ער זיך אויף אים שטארק, וואָס ער באַציט זיך צו דער זאך מיט קלות ראש און באַטאָנט: „מיין מיינונג" אז דאָס שטימען פאַרן געזעץ פון „שרות לאומי" איז אסור, הגם דאָס אָפּהאַלטן זיך פון שטימען וועט גורם זיין הפסדים. משל למה הדבר דומה: צו אַ פאָטער, וואָס מ'האָט אים געזאָגט הרג'ע דיין זון, ווען נישט, וועל איך הרג'ענען דיינע איבעריקע קינדער, וואָס מ'טאָר נישט הרג'ענען — ע"כ לשונו".

דווקא די אונטערשטרייכונג פון „המודיע", אז דער „חזון איש" באַטאָנט „מיין מיינונג", באַווייזט בלויז די צדקות פון בעל „חזון איש" און זיין פּאַרזיכטיק לשון, אונטערשטרייכנדיק, אז דאָס איז נאָר „זיין מיינונג". דאָס שטייט אָבער נישט אין סתירה צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט צו שאַפּיראָ־ווארהאפטיג: „זיכער, איר דאַרפט האַנדלען ווי די רבנות הראשית הייסט אייך".

ווי האָט דען דער „חזון איש" אנדערש געקענט זאָגן נאָכדעם ווי מ'האָט אים איבערגעבן וועגן דער נישט־געשטויגענער, נישט־געפלויגענער טעלעגראַמע פון שאַפּירא קיין אמעריקע, פון וועלכער מען האָט געקענט פאַרשטיין, אַז אויך „חזון איש'ס" מיינונג איז צו שטימען פאַרן נאַציאָנאַלן דינסט. איז זיין פליכט געווען אויפצוקלערן דעם טעות, באקאַנט מאכן, אז זיין מיינונג איז אַן אנדערע. פאַקטיש אָבער לייקנט ער נישט אָפּ די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט בעל־פה: „זיכער, איר דאַרפט האַנדלען ווי עס הייסט אייך די רבנות הראשית".

דער „חזון איש" האָט נישט געוווסט באַשטימט, וואָס די רבנות הראשית האָט געזאָגט. ער האָט דאָס נישט געקענט וויסן, ווייל ער אליין האָט נישט געהערט די מיינונג פון דער רבנות הראשית. און אויב עס איז צו אים געקומען אַ רב און דערציילט, אַז די רבנות הראשית האָט געאסרט צו שטימען פאַרן געזעץ, האָט ער דעמאָלט געשריבן זיין ערשטן בריוו צו שאַפּיראָ. הערנדיק אָבער פון שאַפּיראָ־ווארהאפטיג, וואָס די רבנות הראשית האָט זיי געזאָגט, האָט ער געזאָגט (און איך גלויב דאָס), אז ווען ער וואָלט געוווסט די מיינונג פון דער רבנות

הראשית, וואָלט ער נישט געוועזן געשיקט אפילו זיין ערשטן בריוו.

דאָס שטיצן זיך אויף „דער מיינונג" פון „חזון איש", כדי צו זידלען די מזרחי און הפועל המזרחי פאַר זייער שטימען פאַרן געזעץ פון נאַציאָנאַלן דינסט, האָט נישט קיין שום יסוד. זיכער איז די מיינונג פון „חזון איש" זייער חשוב פון שטאַנדפּונקט פון הלכה־אויפקלערונג, אָבער הלכה למעשה דעצידירט די מיינונג פון דער רבנות הראשית אין ישראל, וואָס איז „מרא דארעא קדישא" און אַלע יידן דאַרפן זיך פירן לויט איר מיינונג. די וואָס ווידערשפּעניקן די רבנות הראשית, אין דער אָדער אין אַנדער פראַגע, האַנדלען אַ סך האַרבער ווי מען האַנדלט לויט דעם פּסק פון דער רבנות הראשית, אפילו ווען דאָס איז אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון „חזון איש".

און יעדער, וואָס הויבט אויף אַ האַנט קעגן דער רבנות הראשית, אָדער גראָבט אונטער איר קיום (פון אינעווייניק אָדער פון דרויסן), אפילו ווען מ'שטיצט זיך דערביי אויף דער „מיינונג" פון גאונים און גדולים — הויבן זיי אויף אַ האַנט אויף דער תורה־אויטאָריטעט אין דער מדינה.

דער אמת איז טאַקע, אַז דער גאַנצער ענין פון „שרות לאומי" איז נישט נאָר אַ פראַגע פון הלכה. גערעכט איז דער אויסערן־מיניסטער שרת, אַז פון הלכה־שטאַנדפּונקט איז ביז איצט נישט געבראַכט געוואָרן קיין שום געשריבן געזעץ קעגן נאַציאָנאַלן דינסט. די פראַגע איז ווירקלעך, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער „חזון איש", אַן ענין פון „דעם פינפטן טייל פון „שולחן ערוך". אויב פון פינפטן טייל — על אחת כמה וכמה, אַז פאַרן דאָזיקן טייל אין מדינת ישראל איז פאַראַנטוואָרטלעך די רבנות הראשית. איר מיינונג דעצידירט און פאַרפליכטעט די רעליגיעזע פאַרשטייער אין דער כנסת און דער רעגירונג. די רבנות הראשית איז די, וואָס טראָגט די אחריות פאַרן רעליגיעזן לעבן אין דער מדינה, זי באַהאַנדלט און באַטראַכט די פראַגן און זי דעצידירט, וואָס ס'איז דער „פינפטער טייל פון שולחן ערוך" אין דער אָדער אין אַן אַנדער פראַגע. באַזונדערס אין פראַגן, וועגן וועלכע עס איז נישטאָ קיין קלאָרע הלכה אין מ'מוז זיך שטיצן אויף דעם פינפטן טייל „שולחן ערוך". דערויף ווערט געזאָגט אין דער תורה: „כי יפלא ממך דבר למשפט וכו' וקמת ועלית וכו'. ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך מן המקום ההוא אשר יבחר ד' ושמרת לעשות ככל אשר יורוך על פי התורה אשר יורוך ועל פי המשפט אשר יאמרו לך תעשה ולא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל (דברים, פרשת שופטים פ' י"ז פסוקים — ה' י"א).

„וקמת ועלית" — קיין ירושלים, „ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך מן המקום ההוא" — פון דער רבנות הראשית, וואָס איז די באַרופענע אינסטאַנץ צו פּסקענען הלכה לרבים, הלכה למעשה און נישט נאָר „מיינונגען".

דער וועג, וואָס עס האָט אָנגענומען „מזרחי" און „הפועל המזרחי" בנוגע דעם נאַציאָנאַלן דינסט, איז דער ריכטיקער וועג אויך פון הלכה־שטאַנד־פונקט. אויך די מיינונג פון „חזון איש" קען נישט אַנדערש ווי הערן, וואָס

ס׳זאָגט די רבנות הראשית, אלס מרא דאתרא, דאָס זעלבע וואָס שייך דעם פינפטן טייל פון „שולחן ערוך״, וואָס מען דארף אוודאי פאָלגן די רבנות הראשית.

פאָלגן די רבנות הראשית באדייט נישט פוגע בכבוד זיין אין דער „מיינונג״ פון „חזון איש״, ווען דאָס איז געזאָגט סיי פון שטאנדפונקט פון הלכה־אויפקלערונג, סיי פון שטאנדפונקט פון „פינפטן טייל שולחן ערוך״. און אפילו ווען זיין מיינונג איז אין קעגנזאץ צו דער מיינונג פון דעם הויפט־ראבינאט פון ישראל.

די איינציקע, וואָס האָט רעכט צו פסקענען הלכה למעשה אין ישראל — איז נאָר די רבנות הראשית. דאָס דארפן אלע וויסן.

כד׳ אלול תשי״ג